Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 12 • # 21 (550) Friday Feb 9, '24 • ב"ה • פרייטאג משפטים, א' ר"ח אדר א' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx

# אֵש..! וּמַיִם..! בִּירוּשָׁלַיִם!




ארץ הקודש מדן ועד באר שבע ברענט מיט שטורמישע פראָטעסטן לקול קריאת הקודש פון מרנן רבותינו הגאוה"צ חברי ביד"צ העדה החרדית ומנהיגי קהלות קדושות שליט"א אָפּצוהאַלטן ניתוחי מתים פון אינגן בחור'ל וועלכער איז נפטר געווארן אויף פלוצים'דיגן אופן ל"ע

**דרכי ציון אבילות:** העלדישע מוסרי נפש שטעלן גענצליך אָפּ פאַרקער אין אַלע חרדי'שע שטעט לענגאויס ארה"ק צו אויסשרייען דעם זעקת האמונה בהשארת הנפש

**נתנו גוי למכים:** אכזריות'דיגע פּאָליציי וואַרפן זיך איבער בני ציון היקרים מיט מערדערליכע קלעפּ און אַרעסטן צו פּאָראויסגיין מיט זייערע פינסטערע פלענער

**באש ובמים:** נאַגייקעס, תפיסה, און פלאטע בוא"ש טראָקס קענען נישט דערשטיקן ברען פון פייערדיגע הפגנות דורך אומבויגזאַמע גבורי כח ונקיי הדעת

**ברוך הטוב והמטיב:** נאָך אומגעהויערע מסירות נפש פון טויזנטער בני ציון היקרים ווערט דער נפטר ב"ה באַפרייט פון די טמא'נע הענט

**למען אסירי ציון לא נחשה:** עסקנים פון 'וועד אסירי ציון' אין שפיץ פון הרב שמואל ווייספיש שליט"א, שטייען אין קאָנטאַקט מיט די 46 אסירי ציון איבער אַלע חרד'ישע שטעט, צושטאַנד צוברענגען זייער גענצליכע באַפרייאונג מאפילה לאורה בעז"ה



against ALL ODDS
CHAIM Medical Resource
כלל ישראל טוט דאס
מאקסימום פאר חולי ישראל!
CHARIDY.COM/CHAIM | 845.492.4923 | דינסטאג - מיטוואך תרומה


OVER 200 BOOTHS + 75 NEW FIRST TIME EXHIBITORS
DISCOVER NEW IDEAS, NEW TRENDS & NEW SERVICES
WORLD JEWISH EXPOS
— PRESENTS —
Camp EXPO 18
MEADOWLANDS EXPO CENTER
355 Plaza Drive
Secaucus, NJ 07094
WEDNESDAY FEB. 14, 2024
ONE DAY ONLY!
10:00 AM — 6:00 PM
ShaulE! EVENTS
jewishexpos.com
TO ATTEND! REGISTER ONLINE FOR ONLY $25
IF NO ONLINE ACCESS CALL
718-759-7178
TO EXHIBIT! REGISTER ONLINE
IF NO ONLINE ACCESS CALL
718-633-0733
THE #1 MARKETPLACE FOR SUPPLIES & SERVICES!
Open to all staff members of all summer camps & day camps, Yeshivas & schools, bungalow colonies & hotel program, assisted living & senior centers & more.
OPEN TO MEN & WOMEN OVER THE AGE OF 16
No children or strollers allowed
MONSEYTRAIL
TRANSPORTATION AVAILABLE FROM
Boro Park, Williamsburg, Monsey & Lakewood
JEWISH PRESS
COLLIVE
Link
torah times
CROWN
THE SHOPPER
דער איד
דער בלאט
JEWISH LINK
Community Connections
LAKEWOOD WEEKLY
QUEENS Jewish Link
BUKHARIAN JEWISH LINK
The Jewish Connection
5TJT
CHAIZAQ
dms STUDIOS
I & ME MEDIA
TorahAnytime
WORLD Jewish EXPOS


One week left!
Drawing Feb 14
געווינט מתנות
וואס רעדן ווערטער
Get your auction tickets today
rebmeir.org
718.215.1399
כולל שומרי החומות
15 Garfield Rd #103
845-774-7330

בעזהי"ת

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסאנהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהורסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילווענניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד

*

יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

יכולין לסדר תשלומין על האקאונט שלו בחנות של בשר או של דגים, וכן ע"י .O.J.C או Fidelity Charitable וכדומה The Donors Fund

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור המעות להרב ר' יואל (בר"ב) לויפער שליט"א**

**2,702**
**משפחות**
**5,695**
**ילדים בבית**

**סניף קרית יואל**
**131 משפחות** **258 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ר"ח חשון |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $312,712.00 |

**חשבון השנה**
חשון - טבת תשפ"ג $2,645,313.00
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
**ס"ה $19,269,024.00**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד חשון תשפ"ד
**$58,516,983.00**

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

## הונדערסטער פארזעצונג

### מכתב 0586 (Y02.095)

לכבוד הרב לויפער עמו"ש

איך וויל מיך באדאנקען פאר די שיינע ארבע מינים וואס איר האט מיר געשיקט, עס איז געווען זייער נוצבאר און עס האט מיך געגעבן א שמחת יום טוב! השי"ת זאל אייך געבן געזונטע לאנגע יארן צו קענען אנגיין מיט אייער הייליגע ארבעט.

מרת .....

### מכתב 0587 (Y07.044)

לכבוד משפחת לויפער עמו"ש

איך האב נישט גענוג ווערטער אויסצודריקן מיין דאנק פאר אייך וואס איר טוט כסדר פאר מיר צו באצאלן מיינע פיש און פלייש ארדערס, און אזוי קענען האבן א געלעגנהייט צו רופן מיינע קינדער שטענדיג צו מיר.....

א פשוט'ע ישר כח איז ווייניג געזאגט! אין זכות פון אלע אייערע מצוות און מעשים טובים זאל השי"ת פארשרייבן פאר אייך און אייער גאנצע משפחה א יאר פון געזונט, ברכה והצלחה בכל אשר תעשה, ישועות און פרנסה לרוב, מיט שמחות און ווייטער קענען אנגיין געזונטערהייט! איר זאלט האבן א פרייליכע יאר, בשורות טובות מיט א כתיבה וחתימה טובה און מיר זאלן אלע שוין זוכה זיין מקבל פנים זיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן!

מרת .....

### מכתב 0588 (E02.081)

לכבוד הרב לויפער, שליט"א

איך וויל אויסדריקן מיין טיפסטע דאנקבארקייט פאר אייער נאכאנאנדיגע שטיצע צו באצאלן מיינע פלייש און פיש בילס. עס איז א געוואלדיגע הילף מיר צו ערמעגליכן צוצושטעלן מאכלים פאר מיין משפחה בדרך כבוד.

די צוגאב מאכלים וואס איר האט צוגעשטעלט אויף פסח איז געווען פון העכסטן קוואליטעט, און ס'האט געהאלפן פארשענערן אונזער שמחת יום טוב.

ווערטער קענען נישט גענוג אויסדריקן מיין הכרת הטוב.

ישלם ה' פעולתכם, פון הארצן טיפן פול מיט דאנק,

מרת .....

### מכתב 0589 (E03.073)

לכבוד הרב לויפער און די וואונדערבארע עסקנים,

די ארגאניזאציע טוט מיך אינספירירן יעדן איינציגן טאג ממש. נישט נאר העלפט עס גרינגער מאכן דעם עול און די דאגה פונעם יום טוב, נאר פאר די אלמנות וואס האבן ב"ה זוכה געווען חתונה צו מאכן די קינדער, גיט עס אונז נאך צו עמאציאנאלע שטיצע אין א שווערע סיטואציע.

אויך בין איך שטארק איבערגענומען פון די וואלונטירן וואס קומען מיט זייערע קליינע קינדער - צו שלעפן. עס זענען נישט פאראן קיין ווערטער צוקוקענדיג ווי גענצליך פרעמדע מענטשן זארגן זיך פאר מיר. איך זע צו דעם "מי כעמך ישראל" מיט די אייגענע אויגן.

אין אנהייב בין איך נישט געווען באקוועם דערמיט, אבער עס ווערט געטאן אויף אזא בכבוד'יגן אופן, און די געלעגנהייטן וואס עס שטעלט צו טוט אזוי שטארק דערווארימען דאס הארץ. איך קלער אז הרב לויפער האט טאקע אינזינען געהאט אז דאס זאל אונז דערהייבן דעם מוהט. איך האב דאס פארשטאנען גאנץ אנפאנג, אבער כ'האב מיך געדארפט דערלערנען צו אקצעפטירן אז איך קען עס טאקע נישט באווייזן איינע אליין. וויאזוי קען איך אנגיין, נישט צו געניסן פונעם נחת פון מיין משפחה?

איך וויל אייך מיטיילן וואס איך האב געהאט דעם פסח.

איך האב געהאלטן אינמיטן קאכן פאר מיר אליין און פאר די געסט וואס זענען געקומען. האט זיך אזוי געמאכט אז ארום א וואך פאר פסח האבן מיינע אנדערע קינדער באשלאסן צו טאן עפעס אין ברוקלין פאר חול המועד. דאס פאסירט כמעט קיינמאל נישט, אבער א דאנק הרב לויפער האב איך געזאגט "קומט אריבער צו מיר אויף נאכטמאל, יעדער". איך בין געוואויר געווארן דערפון בערך א וואך פאר פסח.

איך האב נאכאמאל געדארפט ארויסגיין איינקויפן. די וויכטיגע גראסערי זאכן, אן עקסטערן סעלצער, און אזוי ווייטער. עס איז פשוט נישט מעגליך געווען צו באווייזן אליין. אבער וויבאלד איך קויף איין פיש און פלייש דורך הרב לויפער, דערפאר האב איך מצליח געווען זיך צוצוגרייטן. דאס איז געווארן די מערסטע געהויבענע געשעעניש וואס האט מיך איבערגענומען ביז גאר. איך וואלט עס קיינמאל נישט געקענט באווייזן. אז מיין גאנצע משפחה איז געזעצן אינאיינעם איז געווען ממש וואונדערבאר. על פי רוב ווילן זיי איך זאל קומען צו זיי, ממילא איז די מסיבה געווען דער אויסנאם. אז זיי זענען געקומען צו מיר, האט עס מיך געמאכט שפירן ווי א נארמאלע מענטש, אזוי ווי איך בין אמאל געווען. אן אייער הילף וואלט איך ניטאמאל געקענט טראכטן פון אזא זאך.

אפילו מיין איינקל איז געקומען מיט אירע בעיבים. פאר מיר איז דאס געווען דאס ערשטע מאל, אויסער אום חנוכה. איך האב געהאט א שווערן ווינטער, איך האב זיך געשפירט געפאלן און צובראכן. מיין בעסטע טעראפיע איז געווען צוצוגרייטן דעם פסח. דאס האט מיך אונטערגעהויבן, און עס האט זיך געפילט ווי לויטער נחת. מיט די שווערע הארעוואניע אינאיינעם, איז עס געווען אויסגעצייכנט געשמאק. דער נאכטמאל איז געווען אזוי ספעציעל, עס האט מיך ממש אויפגעמינטערט. דאס מערסטע וואונדערבאר איז געווען אז איך האב געפילט ווי א מענטש, אזוי ווי אין די גוטע צייטן אמאל. עס איז געווען די בעסטע מתנה וואס כ'האב נאר געקענט באקומען. א הארציגן יישר כח פארן אזא וואונדערבארן חול המועד.

איך האב געגליכן יעדע סעקונדע, כ'קען אייך נישט גענוג דאנקען.

מיטן מאקסימום אנערקענונג און העכסטן הכרת הטוב, יישר כח!

מרת .....

**מיר זוכן "גבאי צדקה"** (פאנדרעיזער)
**שיין באצאלט אויף די שעה** (נישט פראצענט)
**ביטע רופט:**
**718-782-5349 ex. 4**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $120,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |

Corporate · Individual · and More

# וועלכע צייט אין יאר פיילט א קארפארעישן?

ווי אפט פיילט
מען סעילס טעקס?



EXCLUSIVE
DOCUMENTS PICKUP FROM YOUR HOME/OFFICE
* Valid till Feb. 29.

dartmedia.us

**פרישע נייעס:**

- אונזער ***פארגרעסערטער שטאב*** שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, ***גרינג, שנעל און באקוועם.***
- מיט אונזער ***נייע חידוש'ליכע סיסטעם,*** וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסניי, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארנעם - א מחיה!

ספעציעלע כולל דיסקאונט.

**845.774.2615**

WEBSITE: WWW.1040EXPRESS.NET
EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET

NEW ADDRESS
ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002, KIRYAS JOEL NY 10950
MAILING ADDRESS: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949

1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS


st
ODDS
CASE #6673
דיאגנאזירט מיט א שווערע
ניוראלאגישע דיסארדער, ליגט
די יונגע מאמע נעבעך מיט א
מיסטריעזע מחלה, דאקטורים הייבן
ברעמען. וואס טוט מען ווייטער?
CASE #7759
א קינד ווערט געבוירן מיט
לעבנס דראענדע געפארן, דאס
קינד דארף דרינגענדע הילף
דאס אריבערצומאכן בשלום.
וועט דאס קינד איבערלעבן?
CASE #5422
א קאר זעצט אריין אין אים
אויף ניינציג מייל פער שטונדע,
זיין מח איז געשעדיגט און די
שדרה צופיצלט ה"י. וועט ער
בלייבן מיט אונז?
דינסטאג און מיטוואך תרומה
CHARIDY.COM/CHAIM
845.492.4923
CHAIM חיים
Medical Resource




## CASE #3094

א יונג מיידל מוטשעט זיך מיט
א שרעקעדיגער רעאליטעט, זי
הייבט אן פארלירן די זע קראפט,
באגלייט מיט סייד אפעקטס. איז
דא דערפאר א רפואה?

## CASE #5628

א געפערליכער עקסידענט,
זיך א קינד מיט שווערע
וואונדן אין א שווערע מצב.
וואס טוט מען דא ווייטער?

## CASE #4866

טרעפט זיך ראנגלן קעגן
א שרעקליכער דיזיז וואס
צושפרייט זיך איבערן קערפער,
דאקטוירים געבן איר בלויז זעקס
חדשים. איז דא האפענונג?

# agains
# ALL

## CASE #2987

א מיטליעריגער אינגערמאן,
ערוועקט זיך פלוצים און קען
זיך מיטאמאל נישט רירן קיין
אבר. וואס באדייט דאס?

**דאס לעבן שטייט זיי פאר די אויגן.**
**יעדער החלטה איז א גורל'דיגער באשלוס צווישן לעבן און טויט ה"י.**
**חיים מעדיקל שטעלט זיך ארויס קאמפסגרייט, און געבן נישט אויף**
**אין קיין שום פאל, שלאגנדיג זיך פארן לעבן פון אלע חולי ישראל.**

# שטראלן
## פון מחנכים



© compass

**הר"ר אברהם יעקב יאקאבאוויטש שליט"א**
**הר"ר מיכל וואלף פאלקאוויטש שליט"א**
מנהלים בת"ת בנ"י

"נרו יאיר שטייט אונז כסדר צו די האנט צו קענען **ארויפברענגען אלע סארט תלמידים**, אפילו די וועלכע דארפן צוקומען צו א געוויסע פריוואטע הילף, אז זיי זאלן קענען אנקומען און שטייגן פונקט ווי אלע קינדער אין זייער יארגאנג."

**מו"ה יחזקאל יאקאבאוויטש הי"ו**
Director of speech/language – Eizer Health center

"יעדעס ווארט וואס א קינד לערנט אין חדר\ישיבה איז "לענגוויטש\שפראך". ס'איז נישט מעגליך אויפצוארבעטן א קינד אויב מען רעדט נישט 'זיין' שפראך. 'נרו יאיר' באזיצט א שטאב פון טרעינירטע אינגעלייט וועלכע **פארשטייען און רעדן דאס שפראך פון א קינד'ס מח;** האבן א צוגאנג וויאזוי צאמצוארבעטן מיט די מוסדות-שטאב און די משפחה-מיטגלידער פונעם קינד, ביז מען זעט אים אויף די ריכטיגע רעלסן בעז"ה."

**הר"ר יואל מארקאוויטש שליט"א**
מנהל ישיבה קטנה "שערי תורה"

"איך האב פערזענליך מיטגעהאלטן עטליכע פעלער וואס עלטערן האבן נישט געקענט ארויסקריכן מיט זייער קינד. מען איז ארומגעלאפן איבעראל, ביז נרו יאיר האט אוועקגעשטעלט א פונקטליכן בלו-פרינט וואס האט זיך איבערצייגט צו **ברענגען שטוינענדע רעזולטאטן.**"

**הר"ר לוי חיים שפיטצער שליט"א**
מנהל מכינה לישיבה קטנה ת"ת תו"י

"נרו יאיר איז א מעטאד וואס פארקויפט נישט קיין "מעטאדן", נאר פארשטייט צום קינד זעלבסט, און **שיקט יעדן צום פלאץ און ספעציאליסט וואס ער דארף באמת.**"

**הר"ר ישראל מאיר ראזענבערג שליט"א**
מנהל כיתות ד' ה' ו' בת"ת ויוא"מ

"ווי שטארק מען וויל העלפן יעדן איינציגן תלמיד איז מען נישט אייביג אליינס ביכולת. 'נרו יאיר' האט פשוט געעפנט נייע טויערן און אויסגעפלאסטערט דעם וועג אז מיר זאלן בעז"ה קענען **מצליח זיין מיט יעדן איינעם.**"

**ערווארט אין די פאסט!**
רייכע און אינפארמאטיווע בראשור אלעם וואס איר ווילט וויסן וועגן 'נרו יאיר'

Evaluation | Tutoring | Guidance

דירעקטירט דורך: הר"ר יואל גאנדל הי"ו

845.202 2620

נרו יאיר
יעדעס קינד קען שיינען!


www.Artistic Group
קלארע עלטערן קען יעדע טאטע-מאמע זיין.
א שאָד די עגמת נפש, א שאָד די האָרץ ווייטאג, און א שאָד די צער גידול בנים ר"ל
דער מומחה מפורסם – ומנהל 'מפעל בהירות'
הרב שלמה אשר טויבער שליט"א
וועט אייך בס"ד געבן א קלארע בהירות צו חינוך און דיסציפלין, מיט וואס איר וועט בעז"ה מאכן אייערע קינדער פריילעך מיט זייער שטוב, און גליקליך מיט זייער אידישקייט.
>> **געאייגנט פאר:** עלטערן פון 2 יעריגע קינדער און העכער, **גאר-וויכטיג:** פאר עלטערן פון קינדער פון 10 יאר און העכער!
מהירות
Telecourse
4 לעבנסוויכטיגע שיעורים!
צו פארשטיין די תכונת הנפש און מהות פון יעדן סארט קינד // וויאזוי צו אכט געבן נישט צו צוברעכן אדער דעמעדשן א קינד ר"ל // וויאזוי צו כאפן א פלוצים'דיגע טויש ביי א קינד // וויאזוי זיך אומצוגיין מיט פראבלעמען וואס האט זיך געמאכט אינדרויסן פון שטוב און אינעם מוסד // העלפן א קינדביישטיין די היינטיגע נסיונות // וויאזוי איבערצוגעבן פאר'ן קינד די סכנה פון טעכנעלאגיע // וויאזוי אפצוראטעווען פון ח"ו גיין OTD // ובעיקר: וויאזוי צו רעאגירן ווען מ'הייבט אן זען סימנים פון שוואך ווערן ר"ל
רעגיסטרירט זיך היינט!
845.666.3350
פון וועלכע הונדערטער שטובער זענען שוין אויפגעראכטן געווארן, ווערט נאכאמאל פארגעשטעלט!
אידישע קורס - מאנטאג:
תצוה (FEB 19), כי תשא (FEB 26), ויקהל (MAR. 4), פקודי (MAR. 11)
ENGLISH COURSE - TUESDAY:
FEB. 20, FEB 27, MAR 5, MAR 12
איין שעה: 8:00 - 9:00
Early bird:
$199
- Reg: $249 -


ACUTE CARE
GRAND OPENING
THIS SUNDAY FEB. 11
ACUTE CARE BY CARESTIER NOW OPEN
EVERY SUNDAY
2pm to 10pm
ALL AGES WELCOME
NO PCP CHANGE
GRAND OPENING SPECIAL • GET A FREE RUBIKS CUBE •
WALK INS WELCOME! NO APPOINTMENT NEEDED FOR ACUTE CARE
Carestier health
845.836.1111
Primary care + Urgent care + Multi specialty group
501 NY 208 Suite 201
Monroe NY 10950
845-836-1111
info@carestierhealthcare.com
ADDITIONAL DAYS & HOURS FOR ACUTE CARE WILL FOLLOW SOON
SERVICE YOU CAN COUNT ON. CARE YOU CAN TRUST.
DAY OR NIGHT, PAIN HAPPENS. CARE SHOULD TOO.
MGM HelloMGM.com
בס"ד



פאון
מעקעניק
שאפ
די ווייערלעס שטעלט צו
פראפעסיאנאלע פאון
מעכאניק סערוויסעס צו
פארריכטן אלע סארטן
בעיסיק סעלפאונס און
דעווייסעס ווי שפאגל ניי.
Crystal media 845.395.6690
thewireless
Repair department
LG
We fix & repair:
» Broken in half
» Speaker
» Mic
» Sim card Reader
» Screen
» Keypad
» Charging
» Vibrate
» And much more
Rush Service available
thewireless
Call/Text
845.388.2355
Monroe |
21 Getzil Berger Blvd
Williamsburg |
140 Rodney Street



על
כפים
ישאונך
KAPAYIM
כלל
ישראל
לייגט
אונטער
א
פלייצע
פלייצע
פאר חולי
ישראל און
זייערע
משפחות
WE'VE GOT YOUR BACK
FEB
21-22
מיטוואך
דאנערשטאג
תצוה
dryve



בס"ד
דער שטריימל מלך
דער קאסטום שטריימל
וואו דער מבין לאזן זיך קאסטן
שטריימלך
אונזערע שטריימלעך ווערן פראדוצירט פון די איידלסטע סארט האר וואס איז דא צו באקומען אויפן מארקעט, און ווערט ספעציעל געבויעט פאר די וואס פארשטייען
ערצייגט דורך די מבינים פון "שטריימלך" מיט אריבער דרייסיג יאר ערפארונג.
845.352.1939 | 28 Paiken Dr. #111 Spring Valley NY (Ent. on Laura Pl.) | Sun-Thu 3:00-7:00 | For after hours please call
אייער פריינט אליעזר מיללער
Tagline | 845.824.1600

## Stonegate Business Center

# OPEN DAY

| | |
|---|---|
| Fourth floor: | 31% LEASED (Under Construction - Move-In March 1 Iy"h) |
| Third floor: | 73% LEASED |
| Second floor: | 89% LEASED |
| First floor: | 100% LEASED |
| Basement | 100% LEASED |

Come See it For Yourself! Find the Space That is Right for You!

**2 Stonegate Drive**
(Corner Route 208)
**South Blooming Grove**

# דעם זונטאג תרומה

February 11 - 2:00-4:00

קומט אריבער אין די פרעכטיגע **סטאונגעיט ביזנעס צענטער** באקענט אייך מיט די **זעלטענע געשמאק** און **ביזנעס אטמאספערע**, צוגעשטעלט אויף א **הערליכע פארנעם**.

וועלט אויס פון די **פארבליבענע עוועליבל** - ווי איר וועט בסייעתא דשמיא מצליח זיין און **ארויפברענגן אייער ביזנעס**




MK REALTY COMMERCIAL

CONTACT OUR COMMERCIAL TEAM LEADER:

**Abraham Lowy**
845.782.0205 #2
sales@mkcommercials.com


EXPERIENCE
THE EXTRAORDINARY.
Landaus
supermarket
2 Stonegate Drive
Shop on a whole new level
with our spacious aisles,
huge selection, fresh
food departments, and
unbeatable customer service.
YOUR SHOPPING
EXPERIENCE WILL
NEVER BE THE SAME
GRAND OPENING CELEBRATION!
FEB. 11 TO FEB. 18
Sunday to Sunday
Landaus
DPMGGROUP.COM

FUN BALLOONS!

# N THE! RATION!

Free Gifts
with min. purchase!



Oppenheimer Cotton Candy 10 pk **NEW ITEM**
$3.49



Zazers Family Pack Crispy Bites **NEW ITEM**
$2.99



Shwartz Family Pack Chip Bits
$4.79





Dining Cutlery 400 ct Box
$1.99



Elegant Lunch Napkins 500ct
$2.49



Dining Storage Bags 100ct
$1.19





Clementines Bag
$3.99



Plum Tomatoes
$0.99



Vegetable Cheese Blintz
$1.99

WEDNESDAY
Fresh Pie Pizza
$15.99



THURSDAY
Landau's Dips 7 oz
$1.99



FRIDAY
Landaus Freshly Made Herring
$3.99
NEW ITEM



Huge Selection

Fast & Easy Checkout

*Hours:* **SUN.- WED.** 7:00am - 10:30pm **THURS.** 7:00am - 12:00am,
**FRI.** 7:00am - 2 hours before Zman, **MOTZEI** (winter) TILL 11:00pm

YUMMY TREATS
For the KIDS

FREE TASTING!
Landau's Gourmet Herring
Thursday night & Friday
Feb. 15 & 16

JOIN
CELEB

GRAND OPENING SPECIALS:

Shwartz Snackers 13.7 oz $2.99

Galil Tea All Flavors $1.99

Shwartz Olives 21oz $3.49

Eggs Extra Large Dozen $3.19

Shwartz Corn Chips 1oz 3 FOR $1

Mehadrin Yo Smart Yogurt Pouches 6pk $5.49

Mehadrin Family Pack Chocolate Leben $10.99

Plastico Garbage Bags (Small Box) assorted $4.49

A&B Gefilta Fish $6.99

Abe's ice cream Assorted $6.49

Iced Coffee 16oz $0.99

DAILY SUPER DEALS:

SUNDAY, FEB. 11
Cs Dagim tuna in oil 6oz $65.99

MONDAY
Glick's Canola Oil 96 oz $6.79

TUESDAY
Domino Sugar $2.99

Landaus supermarket
2 Stonegate Dr.
845.783.0081

Bright & Airy Layout

Wide Aisles

Café Hub

# KICKSTART YOUR DAY AT OUR DELICIOUS NEW ON-SITE CAFÉ!



Scrumptious Sandwiches
Loaded Salad Bar
Hot Lunches
Cheesy Pizza
Fresh Pastries
Full Coffee Station
Freshly-squeezed Drinks

Landaus supermarket

2 Stonegate Dr. | 845.783.0081 | *Fresh Finds All the time.™*



בס"ד
א שפאגל נייע פאר שיך
א שמייכל וואס שיינט
א פאר שיך איז בלויז
$34
וויפיל פאר שיך קענט איר קויפן פאר ארימע קינדער אין ארץ ישראל ?
@charidy Platinum 718.500.3990
דאס קינד בעט זיך ביי אייך:
קויפט מיר א פאר שיך
זונטאג-מאנטאג
פרשת תרומה
SUNDAY MONDAY FEB. 11-12
718.540.5703
CHARIDY.COM/SHOES
Solemates
Put yourself in their shoes
PROJECT OF: MESAMCHE LEV
MESAMCHE LEV
משמחי לב
נתייסד ע"י הרה"צ רבי יואל זלמן אשכנזי זצ"ל


איבעראשונג פאר לומדי מס׳ חולין!
זכרו שענקט
100$ באנוס
ווען איר נעמט די
קומענדיגע 2 בחינות
בחינה ו׳ - א׳ ויקהל | בחינה ז׳ - א תזריע
בן ימ"ן, בגימ׳ מאה
ויעלה בזכרון טוב נדבת לבו של האי מקים עולה של תורה
הרבני הנגיד המרומם אוהב את התורה ומכבד את לומדי׳
מו"ה אברהם בנימין קרויס הי"ו
פטרון חבורת זכרו ש"ס
הוא הגבר אשר דורש מהנהלת החבורה להרבות פעלים להגדיל תורה ולהאדירה,
וכעת הוסיף ידו שנית לחזק את לבב כל לומדי החבורה
לעילו נשמת חותנו הרבני החסיד הבלתי נשכח
מוה"ר משה אהרן צבי ב"ר ישראל דוד ז"ל ווייס
אשרי לו וחלקו: יתברך במא"ה ברכות
לערנט
חזר׳ט
נעמט די בחינה
באַקומט די באנוס
ס׳איז זייער גרינג. פרובירט עס אויס.
בחינה ו׳ - א׳ ויקהל | בחינה ז׳ - א תזריע
זכרו
תורת משה
קרית יואל
חבורת לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון החבורה

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט ז"ע ✦ בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 ✦ T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מעריוואלד ס. | ביהמ"ד ווינטשעסטער | ביהמ"ד החדש איילענד וויא

בס"ד

# מעלדונג!

דערמיט טוען מיר בס"ד מודיע זיין פאר
אלפי חברי קהלתינו הק', תושבי קרית יואל רבתי, הע"י

## אז דער היי' יעריגער גראנדיעזער

# דיוס קאמפיין

## מעמבערשיפ לשנת תשפ"ד

**ווערט בעז"ה אריינגיין אין קראפט**
**אין די קומענדיגע טעג**

**איינצוקאסירן די יערליכע דיוס באלאסטונג, וואס**
**ווערט פארזיכערן די ווייטערדיגע בליה און**
**וואוקס פון אונזער הייליגע קהלה בקרית מלך רב**

**מיר קוקן שטארק ארויס אז יעדער חבר הקהלה זאל אויסצאלן זיין דיוס אין די יעצטיגע וואכן, וואס דאס ווערט אונז פיל פארגרינגערן די עבודת הקודש, אנצוגיין מיט די פילע פעולות אדירות, ווען אין די זעלבע צייט קענט איר נהנה זיין פון די גורלות און בענעפיטן וואס איר געניסט אלץ אויסגעצאלטע חבר הקהלה.**

עס איז איבריג ארויסצוברענגן די וויכטיגקייט פון די דמי חבר, וואס הן עפ"י דינא דשו"ע איז יעדער חבר מחיוב צו באצאלן דמי חבר, און הן אז רבינו הקוה"ט זי"ע דער מייסד הקהלה, האט מיט דעם וועקגעשטעלט אונזער קהלה קדושה און יעדן באאויפטראגט צו באצאלן דעם באשטימטן סכום וואס פארזיכערט קהל'ס עקזיסטענץ.

**פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונגען בעז"ה.**

בכבוד רב
**הנהלת הקהלה**

הזדעזעי ארה"ק ת"ק פרסה על ת"ק פרסה:

# ארה"ק שטורעמט אין קאמף קעגן גזירת ניתוחי מתים; טויזנטער בני היהדות החרדית צייגן אומגעהויערע מסירות נפש ביי צענדליגער פראטעסטן אין פילע שטעט לענגאויס ארה"ק

## צו פאַרמיידן דאָס ניוול המת וואָס די ציוניסטישע פאָליציי האָט געפאָדערט דורכצופירן אויפ'ן קערפער פון יונגן בר מצוה בחור'ל וואָס האָט ליידער יונגערהייט אויסגעהויכט זיין נשמה ל"ע

**בשעת'ן גיין צום דרוק: "הטוב והמטיב שנתנו לקבורה"! ציוני'סטישע פאָליציי קאַפּיטולירט פולקאָם אונטער דרוק פון מלחמת מצוה במסירת נפש דורך יהדות החרדית, רירנדע לוי' אָפּגעהאַלטן על פני ככר השבת במעמד אלפי ישראל**

ירושלים - א שטורמישער טאָג איז דעם דינסטאָג געווען אין ארה"ק, ווען טויזנטער בני היהדות החרדית זענען ארויס לרחובה של עיר מוחה זיין מיט מסירות נפש ממש קעגן גזירת ניתוחי מתים וואָס האָט זיך אַצינד אויפגעוועקט, נאָך א שווערע טראַגעדיע וואָס א יונגער בר מצוה בחור'ל כמר חיים שמואל מאיר ווייצהענדלער ע"ה האָט נעבעך יונגערהייט אויסגעהויכט זיין נשמה, און די ציוניסטישע פראָקוראָרן האָבן געפאָדערט צו פאַלמעסן זיין קערפער, היל"ת.

בחסדי השי"ת האָט מען נאָכאַמאָל געזען וויאַזוי די העלדישע דרך פון אַ פולקאָם קאמפראמיסלאזע קאַמף, אַ מלחמה לה' בעמלק , איז למעשה די איינציגסטע מיטל ווען עס קומט צו אָפּהאַלטן די מזימות רשע, ווען דעם היינטיגן מיטוואָך פאַרמיטאָג, האָבן די ציוני'סטישע פאָליציי זיך געבראָכן אונטער דעם ריזיגן דרוק פון די שטאָלענע מסירת נפש פון דאָס יהדות החרדית, און זיי האָבן געצוואונגענערהייט אַרויסגעגעבן דעם קערפער פון דעם בחור'ל, אָן חלילה צורירן דעם גוף, צו די פאַרלייכטערונג פון רבבות ישראל וואָס האָבן אַזויפיל מתפלל געווען און זיך מוסר נפש געווען למענו.

### שוד ושבר בגבולינו

דינסטאָג אין די צופרי שעה'ן איז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה איבער די יונגע פטירה פון הבה"ח כמר חיים שמואל מאיר ווייצהענדלער ע"ה א זון פון מוה"ר דוד הי"ו פון די באַקאַנטע חסידי'שע תושבים אין די היימישע קנה בשם געגנט אין די שטאָט בית שמש, וואָס האָט דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג אָוונט געפייערט זיין שמחת הבר מצוה ווען ער איז אַריין לעול התורה והמצוות, און ליידער האָט ער צוריקגעקערט נשמתו ליוצרה אין בלויזן עלטער פון 13 יאָר.

ווען דער בחור'ל איז געפונען געוואָרן אין בעט באַוואוסטלאָז, האָבן זיינע עלטערן שנעל אלאַרמירט













הצלה וועלכע זענען אָנגעקומען און באַשטעטיגט אַז ער איז שוין ליידער נישט בין החיים, די שווערע בשורה איז געפאלן אויף זיינע עלטערן און נאָענטע פאַמיליע און באַקאַנטע כרעם ביום בהיר, וירב בביתם תאניה ואניה.

דאַן האָבן זיך אָנגערוקט די ציוניסטישע מלאכי חבלה, די פּאָליציי און זייערע פּראָקוראָרן וועלכע האָבן אַוועקגעכאַפּט דעם קערפער פונעם נפטר, און דאס אָפּגעפירט צום טרויער באַרימטן פּאַטאַלאָגישן צענטער "אַבו כביר", וועלכעס איז טרויער באַרימט מיט די שרעקליכע ניוול המת פאַר טונקעלע אינטערעסן פון שטודירן מענטשליכע איברים רח"ל.

## קול מלחמה במחנה

ווי נאָר די שווערע בשורה האָט געמאַכט דעם וועג אַרויס פון די ווייצהענדלער פאַמיליע וועלכע האָבן אַלאַרמירט די עסקני היהדות החרדית און זיי פאַרציילט איבער די דאָפּלטע טראגעדיע וואָס האָט זיי פאַסירט מיט די פטירה פון זייער זון און אַז די ציוניסטישע מלאכי חבלה האָבן פאַרכאַפּט זיין קערפער, איז די שווערע ידיעה בליץ שנעל פאַרשפרייט געוואָרן אין אלע צענטערן פון יהדות החרדית צו זיין גרייט אויף א מלחמה קעגן גזירת ניתוחי מתים.

די חשוב'ע עסקני היהדות החרדית בארה"ק האָבן זיך פאַרבונדן מיט מרנן גדולי ומאורי ישראל, אדמורי"ם מנהיגי קהלות הקודש און חברי הביד"ץ העדה החרדית שליט"א וועלכע האָבן באַפוילן להרעיש עולם ומלואה קעגן די ביטערע גזירה פון ניתוחי מתים.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען- ווי באזונדער באריכטעט אינעם היינטיגן נומער - אַז מיט וויניגער פון צוויי וואָכן צוריק, אום פרייטאָג פרשת בשלח שירה, האָט זיך דאָס יהדות החרדית אויך אויפגעוועקט צו אַ טראַגישן אינצידענט וואָס די ציוניסטישע מלאכי חבלה האָבן געפּאָדערט מנוול צו זיין דעם מת פאַר זייערע אויספאָרשונגען, אָבער נאָך א שווערן קאַמף האָט מען ב"ה באוויזן צו באַפרייען דעם קערפער.

## הבהרה ללהב יצאת: ארה"ק ברענט!

אין די פריע פאַרמיטאָג שעה'ן האָט זיך אַרויסגעלאָזט דער ערשטער פראטעסט פון ביהמ"ד אהל רחל ד'סאַטמאַר ירושלים, וואו אַ גרויסער ציבור בני היהדות החרדית זענען אַרויס לרחובה של עיר שרייען געוואַלד קעגן די ביטערע גזירה, דער פראטעסט איז געגאַנגען צו דער ריכטונג פון רחוב יחזקאל ביים ווינקל פון שמואל הנביא וואו די מוחים האָבן אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער אין שטאָט.

איבער דריי שעה האָבן די ציוניסטישע פּאָליציי פרובירט צו פאַרטרייבן די מוחים און גענוצט דערפאַר זייערע טאַקטיקן פון ידיים ידי עשיו, מערדערליכע קלעפּ, ברוטאַלע אַרעסטן, שמוציגע בואַש וואַסער טראָקס און פערד צו פאַרטרייבן דעם ציבור אָבער גאָרנישט האָט נישט גערירט דעם ציבור וועלכע האָט מעומק הלב אויסגעשריגן אַ קול מחאה קעגן די שרעקליכע גזירת ניתוחי מתים.

גלייכצייטיג האָט זיך געעפנט אַ פרישער פראָנט אין ירושלים עיר הקודש, ביי די געביידע פונעם יוסטיץ דעפּאַרטמענט וועלכע שטייען אונטער די פּאָדערונג צו פּאַלמעסן דעם קערפער, דער ציבור האָט דאָרט מוחה געווען מיט אַן אומגעהויערע מסירות נפש און זיך נישט דערשראַקן פון די ציוניסטישע ידי עשיו וועלכע האָבן פרובירט צו דערשטיקן דעם פראַטעסט.

פון ירושלים האָבן זיך די פראַטעסטן אויסגעשפרייט אויף עטליכע פונקטן אין די שטאָט בית שמש וואו דער ציבור איז אַרויס אין די מאַסן לוחם זיין מלחמות ה', צווישן דעם ציבור האָבן זיך אָנגעזען הונדערטער אברכי הכוללים און חשוב'ע רבנים ונשואי פנים וועלכע זענען געגאַנגען בראש הלוחמים.

אויך פון בני ברק איז אַ גרויסער ציבור אַרויסגעפאָרן מיט טענדערס וועלכע האָבן געפירט דעם ציבור צום טרויער באַרימטן פּאַטאַלאָגישן צענטער "אַבו כביר" אין די שטאָט תל אביב.

ביים "אַבו כביר" צענטער איז געווען א שווערע שלאַכט ווען צענדליגער מוחים האָבן פאַר א ווײַלע מצליח געווען אָפּצושטעלן דעם פאַרקער אַריין אין אַרויס פון דעם טרויעריג-באַרימטן צענטער, און מיט די צייט האָבן זיך צונויפגענומען נאָך פילע מוחים אויפ'ן אָרט.

מיט יעדע שעה וואָס איז אַריבער זענען צוגעקומען פרישע מחאות צענטערן, אויך אין די ווייטערע נייע ישובים פונעם יהדות החרדית, סיי אינעם ישוב הר יונה אין צפון ארץ ישראל און שפּעטער אויך אין די שטאָט חריש אין צענטער פון ארץ ישראל.

אין די מיטאָג שעה'ן האָבן זיך די פראַטעסטן באַנייט דורך הונדערטער חברי וראשי הכוללים וועלכע האָבן געענדיגט דעם פאַרמיטאָג סדר אין כולל און אַרויס לרחובה של עיר מוחה זיין אין אַלע צענטערן פון דעם יהדות החרדית, און צוגאָב איז אויך פאָרגעקומען אן עצרת תפילה אין גרויסן בית המדרש דחסידי ברסלב אין מאה שערים געגנט.

















## צאו והפגינו בלילה

אין די פאַרנאַכט שטונדן איז אָנגעקומען די שוידערליכע בשורה אַז ביי אַ משפט וואָס איז פאָרגעקומען אין די ציוניסטישע ערכאות, האָט דער ריכטער אָנגענומען די פאָדערונג פון די ציוניסטישע פראָקוראָרן פון "משטרת בית שמש" צו פאַלמעסן דעם קערפער, היל"ת.

בליץ שנעל האָט זיך דער ציבור ארגאניזירט צו אַ ריזיגן עצרת מחאה ע"פ כיכר השבת וואו עס איז געהערט געוואָרן פייערדיגע דברי מחאה פון הרה"ג ר' דוד האָכבערגער שליט"א ר"מ בישיבת כנסת אליהו, וואָס האָט אויפגעפלאַקערט דעם ציבור צו לוחם זיין מיט מסירות נפש.

פון כיכר השבת האָט דער ציבור אַרויסגעשטראָמט צו די הויפט גאַסן פון שרי ישראל און בר אילן וואו מ'האָט אָפגעשטעלט דעם פאַרקער, ווען גלייכצייטיג איז א גרויסער ציבור צונויפגעקומען אין כיכר זופניק צו אַן עצרת תפילה לביטול רוע הגזירה.

אויפ'ן פראָנט פון די פראטעסטן איז אָנגעגאַנגען שווערע שלאַכטן ווען ביי איינס פון ברוטאַלע פאָליציי־אישע איבערפאַלן אויפ'ן ציבור מיט פערד, איז הרה"ח המרומם ר' נח בראנדוויין שליט"א מותיקי המחנכים אין ירושלים פאַרוואונדעט געוואָרן אויף א שווערן פאַרנעם און איז אָפגעפירט געוואָרן צום הדסה עין כרם שפיטאָל.

די פראטעסטן האָבן ממשיך געווען ביז שפעט בייניאַכט און ווי די עסקנים פון 'ועד אסירי ציון' האָבן איבערגעגעבן האָט די ציוניסטישע פאָליציי אַרעסטירט 46 מוסרי נפש ביי די פילע פראטעסטן לענגאויס ארה"ק. די אסירי ציון זענען געווען פון: ירושלם, בית שמש, בני ברק, הר יונה, אבו כביר, צפת, און צומת קוממיות.

דורכאויס די 24 שעה זענען די 4 אַדוואָקאַטן פון דעם 'ועד אסירי ציון', אין שפיץ פון העסקן הנמרץ ר' שמואל ווייספיש שליט"א, ארומגעלאפן אין אלע פאליצי סטאנציעס געבן הדרכה פאר די אַרעסטאַנטן און ערלעדיגן דאס באַפרייאונג ווי אַמשנעלסטן.

## הטוב והמטיב - שנתנו לקבורה!

מיטוואָך אינדערפרי איז פאָרגעקומען אַ סעסיע אין דעם ציוני'סטישן בג"ץ, צי מ'זאָל חלילה פאַלמעסן דעם קערפער אָדער נישט וואו די לויערס פון 'וועד אסירי ציון' האָבן פאַרטרעטן די צעבראָכענע משפחה. אָבער דאָס געריכט האָט דאַן נאָכאַמאָל אָפּגעלייגט דעם אורטייל ביז איינס אַזייגער נאָכמיטאָג, ווען עס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן נאָך אַ סעסיע.

דערווייל האָבן די שטורמישע הפגנות זיך באַנייט אין אַלע עקן פון דאָס לאַנד און דאַן האָט דער נס פאַסירט! פּלוצים איז אַנטשטאַנען אַ דראַמאַטישע טויש אין די הארטנעקעדיגע שטעלונג פון די פאַר'עקשנ'טע פאָליציי, וועלכע האָבן זיך דערזען אין אַ פאַרלוירענע לאַגע, ווען די העלדישע בני ציון היקרים האָבן אַרויסגעצייגט אַן אומגלויבליכע גבורת הנפש און האָבן נישט געוויזן קיין שום צייכן פון נאָכגעבן אָדער אָפּשוואַכן די ריזיגע הפגנות.

די אַנטוויקלונג האָט באַוואויגן די פּאָליציי צו שנעל אַראָפּקריכן פון בוים, און זיי האָבן אין אַן איבערראַשנדע שריט זיך געוואָנדן צו די עסקנים אַז זיי זענען גרייט צו פולקאָם זיך ברעכן און אַרויסגעבן דעם קערפּער אָן דאָס מינדסטע חילול המת!

בחסדי השי"ת האָט די העלדנמוט פון דאָס יהדות החרדית נאָכאַמאָל באַוויזן דאָס אומגלויבליכע, אַז די רשעים האָבן געמוזט נאָכגעבן און פאַרמיידן דעם שרעקליכן ניוול המת!

ביי דעם ריזיגן מסע הלוי' וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די מיטאָג שטונדן, על פני ככר השבת אין ירושלים עיה"ק, האָבן זיך באַטייליגט אַ מאַסן ציבור פון אלופי אלפי ישראל, וועלכע האָבן געגאָסן מיט טרערן הערנדיג די האַרצרייסנדע דברי נהי והספד פון די חשוב'ע בני המשפחה און רבנים ומשפיעים שליט"א, וועלכע האָבן אַלע אַרויסגעהויבן די מורא'דיגע קידוש ה' וואָס איז נתפרסם געוואָרן מיט אַזאַ מסירת נפש פון אידישע קינדער פאר די הייליגע אמונה אין השארת הנפש.

גאָר פאַסיג האָט הגה"ח רבי שמעון צבי שפּירא שליט"א, מחשובי משפיעי ברסלב און אַ פעטער פאַר'ן נפטר, באַטאָנט אין זיינע דברי הספד, אַז אין אַ תקופה ווען מען הערט אַזויפיל פון די פאַלשע "אהבת ישראל" דורך די ציוני'סטישע סימפּאַטיקער וואָס

















נוצן דעם טערמין פון "אהבת ישראל" צו פאַרדעקן אַלע פעולות פון כפירה ומינות דורך די צבא הטמאה, האָט מען אין די לעצטע 24 שעה מיטגעהאַלטן אַן אמת'ע מציאות פון ריינע "אהבת ישראל", וויאַזוי הונדערטער אידן, וועלכע האָבן ניטאַמאָל קיין שייכות מיט'ן נפטר, זענען געווען גרייט צו כאַפּן בלוטיגע קלעפּ און ווערן אַריינגעשליידערט אין טורמע, אַלעס כדי צו ראַטעווען אַ אידישער בחור'ל זאל חלילה נישט פאַרשוועכט ווערן. אָט דאָס איז די אמת'ע אהבת ישראל, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז אהבת ישראל מיט אהבת ה' גייט אַלעמאָל צוזאַמען!

די מספידים האָבן באַזונדער אַרויסגעברענגט אַז אַצינד האָט זיך נאָכאַמאָל אַרויסגעשטעלט וואָס איז די איינציגע עפעקטיווע מהלך וויאַזוי צו באַקעמפן די גזירות רשע. די חרד"ישע חברי הכנסת המינים וואָס זענען מ'כלומר'שט די שליחים צו "ראַטעווען" כלל ישראל, האָבן גאָרנישט געטון, בלויז די הפגנות פון ערליכע אידן האָט געברענגט דעם ביטול הגזירה.

אין נאָמען פון די עסקנים האָט אויך אויפגעטרעטן ביי דער לוי', העסקן הנמרץ מו"ה נחמן געווירץ שליט"א, וואָס האָט זיך באַדאַנקט מעומק הלב פאר אַלע מוסרי הנפש וואָס בלויז אַדאַנק זיי האָט מען ב"ה זוכה געווען צו ברענגען דעם נפטר לקבר ישראל אָן קיין חילול המת ח"ו.

פילע יקירי ירושלים צייגן אָן אַז די מחזות פון מסירות נפש וועלכע זענען דעם דינסטאָג און מיטוואָך געזען געוואָרן לענגאויס ארה"ק איז שוין נישט געזען געוואָרן פאַר אַ לאַנגע צייט, און דאָס צייגט ווידעראַמאָל אַז עוד יהודה רד עם קל ועם קדושיו נאמן, דער יהדות החרדית איז גרייט צו לוחם זיין מלחמת ה' מיט מסירות נפש.

**ברוך המקדש שמו ברבים!**







# אשרי העם שככה לו

## עדות נאמנה משדה המערכה

יחזקאל לב, מעסקני וועד אסירי ציון ירושלים עיה"ק

מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, "גוי אחד" שיש להם ערבות זה לזה!

אכן מי ימלל ומי יפאר גודל פאר של מחזות מסירות נפש שנראו ביום וחצי זה!

מיד שהגיע הבשורה הנוראה שהרשעים זוממים ח"ו לנבל את המת, מיד יצאו חלוצי קודש למחות ולזעוק ולהריע בכאב לב "נפטרי ישראל אינם הפקר".

עשרות ומאות אברכים יושבים על הארץ במסירות נפש ולא נרתעים לא ממכות ולא מסוסים (סוסים על סוסים) ולא ממים סרוחים, מאות מכות ועינוים עונו בני ציון הנאמנה!

עשרות עצורים!

שעות על שעות של מחאות כשכל הגולה כמדורת אש!

הרשעים עמדו משתוממים ולא האמינו למראה עיניהם ביאוש רב עמדו בצד ופכרו את ידיהם, מה עושים עם אותם שלא עזבו את אמונתם הטהורה?!?

מדי פעם ניסו לפנות עוד אוטובוס ועוד אוטובוס ובאמצע צועק להם הקצין "נו הצלחנו להזיז עוד אוטובוס מה זה יעזור?! יש לנו מאה אוטובוסים פה ".

אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר!

אשרי חלקם של אותם אברכים יקרים שבזכותם נמנע בזיון המת!

אשרי חלקם של כל התומכים והמעודדים שכרם הרבה מאוד בזה ובבא.

***

בס"ד ננסה על קצה המזלג לתת תיאור מפעילות וועד אסירי ציון

העסקנים המסורים עבדו במשך כל כ"ד שעות היום. הטעלעפאנען לא פסקו מלצלצל בין ביום ובין בלילה,

זה מודיע מהר יונה על עצורים,

זה מודיע על עצורים בקרית גת,

זה מבקש תפילין,

וזה מבקש יארמולקע

הורים אחים בני משפחה כולם מבקשים לדעת מה קורה עם יקירם,

כשכל טעלעפאן נענה מיד ע"י אחד מהעסקנים

הער"ד התרוצצו מעיר זה לעיר אחרת וחוזר שוב,

באמצע הלילה הוצאו העורכי דינים משנתם שניסו לישון בין עצור לעצור,

הטעלעפאנען מרוב עומס היו צריכים להיות מחוברים ל'טשארדזשער' כמעט בלי הפסק .

בספר דברי ימי הפעילות של וועד אסירי ציון נחקקו באותיות של זהב 37 עצורים, שזכו להגיע לתחנת המשטרה חוץ מעוד למעלה מ 10 מוחים ששוחררו בדרכים.

בסך הכל קרוב ל 50 עצורים !!!!!! שנתנו גיוום למכים למנוע בזיון המת!

בעיר הקודש ירושלם הגיעו לתחנת המשטרה: 8 מוסרי הנפש.

בבני ברק הגיעו לתחנת המשטרה: 6 מוסרי הנפש.

ממכון הרשע אבו כביר נעצרו לתחנת המשטרה: 5 מוסרי הנפש.

בהר יונה: נעצרו 3 מוסרי הנפש.

בבית שמש: נעצרו 9 מוסרי הנפש.

בקרית גת נעצר 1 מוסר נפש.

בקוממיות נעצרו 2 במחאה ע"י חברי הכולל

בעיר צפת נעצרו 3 מוסרי נפש.

ס"ה

37 עצורים.

8 ערים.

24 שעות של פעילות בכל שעות היום והלילה.

לבית המשפח הובאו היום בירושלים העצורים של בית שמש וירושלם, כשהעורכי דינים של הוועד בהדרכת העסקנים נלחמו על כל תנאי ותנאי.

על שישה רצו להאריך את המעצר אך בס"ד גדולה ולאחר הכנה של הער"ד ע"י עסקני הוועד כולם שוחררו.

בהר יונה הובאו העצורים לבית המשפח העורך דין של הוועד עמד מוכן על משמרתו אך עקב ריבוי עצורים באמצע החליטו שמשחררים אותם ללא דיון.

בקרית גת הובא להארכה עצור מוסר הנפש אך בס"ד שוחרר למעצר בית של 6 יום.

שאר העצורים שוחררו במהלך הלילה ללא דיון.

כמו כן שוחרר היום אסיר מוסר הנפש, הר"ר שמעון קלפהולץ הי"ו, שהוארך מעצרו במלחמת היהדות ברמה ד' בית שמש, תוך שניסו להפיל עליו עלילות שונות ומשונות אך בס"ד היום שוחרר לשמחת לב היהדות.

בשעה זו גמרו להפקיד את כל הערבויות וכן את החתימות, ובס"ד בשעות הקרובות ישוחררו כל מוסרי הנפש בשמחה וריקודים על זכותם הגדולה שזכו בגופם ומאודם למנוע את חילול ובזיון המת.

**ורוח הקודש אומרת; גבורי כח עושי דברו!**

בס"ד

# ברוכים הבאים!

# עמוד ה... קומט. א...




**הנה ימים באים!** מאלט'ס אייך געזאגט...

## ימי התרומחות התורה | פ' תרומה - כי תשא

**יעדער יחיד, פאר'ן לעבן!** האנדלט איין א **מסודר'דיגע חברותא.** קלויבט אויס א...


התורה
צינד, צו יעדן
איינעם פערזענליך.
אדר תשפ"ד
אונזער מיסיע:
אוועקשטעלן
יעדן איינעם פערזענליך!
יעדער יחיד
מסדר זיין
פולקאם מיט
א מסודר'דיגע
חברותא,
געשמאקע שיעור
יעדער ביהמ"ד
צושטעלן
די ריכטיגע
גבאים,
שיעורים,
כפי צורך הציבור
תשפ"ג
עשטעלט
בורות
אחדות
רכים
ן יארגאנג,
אשות
בורה שליט"א
עמוד התורה
לייף
פאַליסי
הבעל"ט
א געשמאקע שיעור.

# מוסדות בני ציון דבאבוב און אהלי תורה חב"ד געבן אַריין אַמיקו"ס בריעף אין אַפּעלאַט געריכט צו פאַרטיידיגן פּאָזיטיוון אורטייל וואָס פערל"ס האָט געוווּנען לטובת ערליכן חינוך

**בני ציון דבאבוב ווייזט אָן אויף די ריזיגע חינוך אימפּעריע פון באָבוב איבער גאַליציע בעפאָר די מלחמה, און דאָס אַריבערפלאַנצן די מוסדות נאָך די קריג דורכ'ן באָבוב'ער רבי זצ"ל כדי אויפצוהאַלטן אידישקייט - אהלי תורה ווייזט אָן אַז מייסד פונעם מוסד האָט נאָך געקעמפט קעגן די קאָמוניסטן צו קענען מחנך זיין אידישע קינדער צו תורה**

**אָ.יו. ווי אויך אַנדערע נישט-אידישע מוסדות געבן אויך אַריין אמיקו"ס אָנצוהאַלטן פּאָזיטיוון אורטייל; געריכט באַשטימט הירינגס אויף דעם סוף וואָך צי מ'זאָל אָננעמען די אַמיקו"ס בריעפס**

אָלבאַני - האַלטנדיג אַנדערהאַלבן חדשים בעפאָר די אַפּעלאַט געריכט וועט אָפּהאַלטן אַ הירינג אין די אַפּיעל קעיס וואָס די סטעיט האָט אַריינגעגעבן, פּולקאָם צוריקצושטעלן די נייע רעגולאַציעס קעגן ערליכן חינוך - נאָך וואָס די העראָאישע פערל"ס אָרגאַניזאַציע האָט באַוויזן אַרויסצונעמען די האַרבסטע שריט און פאַרלייכטערן די סכנה אויף די עלטערן - זענען במשך דעם פאַרלאָפענעם סוף וואָך אַריינגעגעבן עטליכע אַמיקו"ס בריעפס וועלכע זוכן צו פאַרטיידיגן דעם פערל"ס פסק.

צווישן די אַמיקו"ס בריעפס, איז דאָ אַ בריעף וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן היינטיגן דינסטאָג, דורך מוסדות בני ציון דבאָבוב, אזוי אויך איז אַריינגעגעבן געוואָרן א בריעף דורך אהלי תורה חב"ד און צוויי עלטערן וואָס זייערע קינדער ווערן נתחנך אין דעם מוסד. ביידע פון די מוסדות ווייזן אָן אַז זיי זענען מיטגלידער אין די פערל"ס אָרגאַניזאַציע, און ווילן פאַרטיידיגן דעם אורטייל פון זייער אייגנאַרטיגן קוק-ווינקל. אַ דריטע אַמיקוס בריעף איז אַריינגעגעבן געוואָרן דורך די מאָדערן-אָרטאָדאָקסישע אָ.יו. אָרגאַניזאַציע אינאיינעם מיט אַנדערע צוויי גרופּעס וועלכע פאַרטרעטן קאַטוילישע און קריסטליכע שולעס.

ווי באַוואוסט און באַריכטעט, האָט די סטעיט מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק באַשטעטיגט די רעגולאַציעס וועלכע האָבן געלויטעט אַז פריוואַטע שולעס - אַריינגערעכנט מוסדות התורה - מוזן דורכגיין אינספּעקציעס דורך די סיטי אָדער באַשטעטיגט ווערן אויף אַנדערע וועגן אויב זיי קומען נאָך די סאָבסטענשעל עקוויוועלענט געזעץ.

אויב זיי ווערן באַצייכנט אַז זיי קומען נישט נאָך דעם געזעץ, און זיי נעמען נישט קיין שריט עס צו אַדרעסירן - האָבן די רעגולאַציעס געלויטעט - וועלן אַלע עלטערן ערהאַלטן בריוון אַז זיי מוזן אַרויסנעמען זייערע קינדער ביז זעכציג טעג און זיי איינשרייבן אין געזעצליכע שולעס. אויב די עלטערן


INTERESTS OF THE AMICI

Educational Institute Oholei Torah ("Oholei Torah") is the flagship Yeshiva of the worldwide Chabad-Lubavitch movement. It is the largest Yeshiva in the movement, and one of the largest in the world. It was founded in 1956 with the goal of creating an institution faithful to the tenets of the movement and of the vision of its founders, including the Lubavitcher Rebbe, Rabbi Menachem Mendel Schneerson of righteous memory. From an initial cohort of three students, Oholei Torah has grown to be a great center of Jewish education, with roughly 1,500 K-12 students, and thousands of alumni. Oholei Torah is a member of PEARLS, one of the Petitioners-Respondents in this appeal.[1]

**אהלי תורה שרייבט אז זיי זענען געגרינדעט געווארן צו געבן אן ערליכן חינוך לויט די מסורה; און אז דער מוסד איז א מיטגליד אין פערל"ס**


To Oholei Torah, the Constitutional right to direct the education of one's children is no mere abstraction; students' grandparents and great grandparents came to the United States to escape persecution and tyranny, and to enjoy the freedoms offered to those "yearning to be free." In fact, Rabbi Michoel Teitelbaum, one of the founders of Oholei Torah, was part of an underground system that engaged in such activities as rescuing young people who had been kidnapped and sent to orphanages by the communist regime because they were studying Torah.

**זיי שרייבן אינעם אמיקו"ס ווי אזוי זיי זענען געגרינדעט געווארן דורך בעלי מסירות נפש קעגן די קאמוניסטישע אונטערדרוקונגען פונעם חינוך**


(f) We do not believe that assessments can be used for determination of substantial equivalency. The language of New York State education law §3204(2) reads "Instruction given to a minor elsewhere than at a public school shall be at least substantially equivalent to the instruction given to minors of like age and attainments at the public schools of the city or district where the minor resides." Allowing "assessments" as a bar for substantial equivalency in lieu of mandates on "instruction" and inputs will, at the very least, leave this section of the regulation open to legal challenge. Furthermore, the language of this section as currently written does not demand any proficiency level attainment, nor does it indicate what assessments are to be used. As there are no statewide assessments for science or social studies used in any of grades 1-8 it is unclear how assessments could ever be considered adequate.

Furthermore, oversight for any system of assessment would be overweight and costly as it would have to demand independent proctoring and scoring; nonpublic schools could not be allowed to score or proctor their own tests. As they stand today, the ELA and Math standardized tests conducted annually are being deprioritized as a tool to determine the quality of public schools. This assessment system is being further delegitimized by the statewide opt-out movement and it would be irresponsible to use this system as an oversight vehicle for nonpublic schools.

**יאפע"ד האט געפאדערט פון די סטעיט ארויסצונעמען די אסעסמענטס מעטאדן**


Below you will find details of the various concerns we have along with desired modifications. But first we want to stress that our top four concerns relate to a) the registration method which we think needs to be tightened, b) the assessment method which we feel should be omitted, c) the role of community school districts in NYC which should be omitted, and d) the role of the LSA's school board which is unnecessary and should be omitted.

**באבוב שרייבט אז זיי זענען א טייל פון פערל"ס (אלע אמיקו"ס מאכן קלאר אז זיי האבן עס ארויסגעבן באזונדער פון פערל"ס וואס איז וויכטיג איינע פון די פארשריפטן ביים אריינגעבן אן אמיקוס)**


[1] BYBZ is a member of Petitioner-Respondent PEARLS, but writes separately here on its own behalf. No party's counsel authored the brief in whole or in part, no party or a party's counsel contributed money that was intended to fund preparing or submitting the brief, and no person—other than the amicus curiae, its members, or its counsel—contributed money that was intended to fund preparing or submitting the brief.

**באבוב ווייזט אן אז פובליק סקולס קען מען נישט שליסן אפילו אויב זיי קומען נישט נאך די סטאנדארטן נאר נאך לאנגע יארן ארבעט און קוקן אויף פארשידענע אנדערע קריטעריעס**


Indeed, we are not aware of any instance in the 250-year history of New York State in which the State has closed down a private school for failing to meet educational standards. The forced closure of private, religious schools, in particular -- built by impoverished immigrants through great financial and personal sacrifice, over decades, in order to preserve their minority faith – involves an incredibly sensitive balancing of parental rights, Free Exercise rights, and the needs of broader society. If the State of New York is going to engage in a process for closing religious schools, the decision must be made in the first instance by the State Legislature, which would be required to decide both whether such closures could occur, and if so under what circumstances.

**באבוב ווייזט אן אז פון קליינע שיריים פון די באבובער חסידות אין דער אלטער היים איז עס אויסגעשטיגן צו א הערליכע, בליענדע געמיינדע**


**A. The Tiny, Surviving Remnant of European Bobover Chasidism Created a Thriving Religious Community in the United States.**

The history of the Bobover Chasidim in New York stands as a testament to the greatness of the United States of America, and the ideals of freedom reflected in the Constitution and practiced daily.

The Bobover Chasidic movement originated in mid-19th century Galicia under the leadership of Rabbi Shlomo Halberstam, OBM. Its leadership was deeply involved in improving the lives of ordinary people; Rabbi Shlomo's successor Rabbi Ben Zion Halberstam, OBM, for example, was a leading figure in world Jewry in pre-WW II Poland before he was murdered by the Nazis. Among

**באבוב ווייזט אן אז ניו יארק האט נאך קיינמאל נישט געשלאסן קיין פריוואטע שולע צוליב נישט נאכקומען די סטאנדארטן. דאס טרעט אויף עלטערנ'ס און רעליגיעזע רעכטן!**

פירן דאָס נישט אויס, שטייען זיי אויס געלט שטראָפן און טורמע טערמינען פון צען טעג פאַר די ערשטע פאַרלעצונג און דרייסיג טעג טורמע פאַר יעדע ווייטערדיגע פאַרלעצונג ח"ו.

די חשוב'ע אָרגאַניזאַציע וועלכע קעמפט פאַר די לעצטע אַכט יאָר מיט העלדישקייט צו באַשיצן דעם ערליכן חינוך כפי המסורה, פּערל"ס - וועלכע האָט שוין ב"ה באַזיגט פריערדיגע פאַרזוכן פון די סטעיט דורכצופירן ענליכע גיידליינס און רעגולאַציס - האָט געקלאָגט די סטעיט מיט אַ רייע אָנקלאַגעס קעגן די רעגולאַציעס. צווישן די אָנקלאַגעס אַריינגעטראָגן דורכ'ן געטרייען אַדוואָקאַט ר' אבי שיק הי"ו און זיין גרופּע, איז געווען אַז די סטעיט האָט נישט די רעכט צו פאַרלאַנגן כסדר'דיגע אינספּעקציעס אָדער אַנדערע באַשטעטיגונגען אַז פּריוואַטע שולס און מוסדות קומען נאָך דעם געזעץ. ווי אויך האָבן זיי פאַרלאַנגט אַז די סטעיט האָט נישט רעכט צו זאָגן אַז אַ מוסד איז אומגעזעצליך און אַז עלטערן קענען באַשטראָפט ווערן פאַר נישט אַרויסנעמען די קינדער פון זייערע מוסדות התורה.

פאַראַיאָר, ערב ראש חודש סיון האָט ריכטערין קריסטינאַ ריבא אָנגענומען אַ טייל פון די פּערל"ס טענות, און האָט פאַראָרדענט אַז די סטעיט האָט נישט קיין רעכט צו הייסן עלטערן אַרויסנעמען די קינדער פון ישיבות וועלכע קומען נישט נאָך זייערע פאָרשריפטן, וויבאַלד די סטעיט האָט נישט קיין רעכט צו דירעקט שליסן ישיבות. די סאָבסטענשעל עקוויוועלענט געזעץ איז בלויז אויף עלטערן, אַז זיי דאַרפן זען אַז די קינדער זאָלן באַקומען די עדיוקעישאָן וואָס די סטעיט פאַרלאַנגט, אָבער דאָס איז נישט דער פליכט פון די ישיבות, האָט זי געשריבן.

אפילו פאַר די עלטערן, קען די סטעיט אויך נישט הייסן אַרויסנעמען די קינדער פון פּריוואַטע סקולס וואָס קומען נישט נאָך די סאָבסטענשעל עקוויוועלענט געזעץ - האָט ריכטערין ריבאַ געאורטיילט - ווייל דער געזעץ זאָגט נישט אַז קינדער מוזן באַקומען זייער סאָבסטענשעל עקוויוועלענט עדיוקעישאָן אויף איין אָרט. אויב קינדער באַקומען נישט די פולע ערציאונג אין זייער מוסד, צום ביישפּיל, קענען די עלטערן נאָך אַלץ צולערנען די איבריגע אינדערהיים אָדער זען אז זייערע קינדער זאָלן דאָס באַקומען ערגעץ אַנדערש, האָט זי געשריבן.

דער אורטייל האָט גאָר שטאַרק פאַרלייכטערט די גזירה, אַראָפּנעמנדיג די זאָפּאָראַטיגע דראָאונג אַז אויב אַ ישיבה ווערט באַצייכנט אַלס נישט-עקוויוועלענט, וועלן עלטערן וואָס האַלטן דאָרט ווייטער זייערע קינדער זיין זאָפּאָרט אויסגעשטעלט צו קרימינאַלע שטראָפן און טורמע.

טראָץ וואָס עס האָט נישט גענצליך אַראָפּגענומען דעם וואָלקן, ווייל עס האָט געלאָזט אין קראַפט די אויטאָריטעט פון די סטעיט צו פאַרלאַנגן סקולס זאָלן דורכגיין אינספּעקציעס אָדער אויפווייזן אויף אַנדערע וועגן אַז זיי קומען נאָך דעם געזעץ. אויב זיי ווייזן נישט איבער אַז זיי קומען נאָך דעם געזעץ, קענען זיי ווייטער דערקלערט ווערן נישט-עקוויוועלענט און די אויטאָריטעטן קענען פאַרלאַנגן פון עלטערן איבערצוצייגן וואו און וויאַזוי זיי ערגענצן די עדיוקעישאָן פון זייערע קינדער, און אַז נישט קענען זיי חלילה אויסשטיין שטראָפן. דאָך איז דער געפאַר פון שטראָפן נישט קיין באַלדיגער, אויב זיי נעמען נישט אַרויס די קינדער פון זייערע מוסדות התורה. אין די גיידליינס האָט די סטעיט - אַדאַנק דעם אורטייל - למעשה נישט אַרויסגעשריבן וואָס און ווער עס וועט ליידן קאָנסקווענצן אויב אַ סקול איז נישט עקוויוועלענט.

ווי באַוויסט האָט די סטעיט אָבער אַפּעלירט דעם אורטייל צו די אַפּעלאַט דיוויזיע. נאָך וואָס סיי די סטעיט און סיי פּערל"ס האָבן שוין געענדיגט אַריינגעבן זייערע פּאַפּירן, זענען אין די לעצטע וואָך אַריינגעגעבן, געוואָרן 'פריינט פון געריכט' פיילינגס. דאָס זענען אַרגומענטן וואָס זייטיגע גרופּעס, וואָס זענען נישט דירעקט קיין פּאַרטיי (תובעים אדער נתבעים) אין די קעיס, געבן אַריין אונטערצושטיצן איין זייט אָדער די אַנדערע. דער געריכט דאַרף באַשליסן אויב זיי נעמען אָן די פיילינגס, באַזירט צי די זייטיגע פיילינגס געבן צו אייגענאַרטיגע פּערספּעקטיוון וואָס די אַמיקוס פּאַפּירן שטעלן צו, און ווי שטאַרק עס איז אין די אינטערעסע פון די אמיקו"ס אַריינגעבער.

ווי באַריכטעט פאָריגע וואָך האָט די מוסרים גרופּע יאַפּע"ד אַריינגעגעבן אַן אַמיקו"ס וואו זיי העצן קעגן דעם חרדי'שן ציבור, עלטערן און מוסדות התורה, איבערהויפּט אַטאַקירן זיי פּערל"ס.

סוף פאָריגע וואָך זענען אַריינגעגעבן געוואָרן נאָך צוויי אמיקו"ס בריעפס. די ערשטע איז אַריינגעגעבן געוואָרן דורך חב"ד'ס אהלי תורה מוסד - וועלכע איז איינע פון די אָריגינעלע ישיבות וועלכע זענען אויסגערעכנט געוואָרן אין יאַפּע"ד'ס אָריגינעלע קאָמפּלעינט צו ניו יאָרק סיטי - אַז מ'לערנט דאָרט נישט קיין לימודי חול. אינאיינעם מיט'ן מוסד, האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דעם בריעף צוויי עלטערן וועלכע שיקן קינדער אינעם מוסד, ר' מנחם ליין הי"ו און ר' דוד מאַרגאָלין הי"ו. מאַרגאָלין האָט שוין געשריבן עטליכע אַרטיקלען, אַריינגערעכנט אין דעם וואָל סטריט זשורנאַל, וויאַזוי זיינע אור-עלטערן האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר'ן ערליכן חינוך אונטער די קאָמוניסטן, און אַז כלל ישראל שטייט גרייט ווייטער מיט מסירות נפש אָנצוהאַלטן דעם ערליכן חינוך.

אינעם ערשטן פּאַראַגראַף פון זייער פיילינג ווייזן זיי אָן אַז אהלי תורה איז געגרינדעט געוואָרן אָנצוהאַלטן זייער מסורה, און זיי זענען היינט די גרעסטע מוסד אינערהאַלב חב"ד, מיט **1,500** קינדער. עס ווייזט אויך אָן אַז זיי זענען אַ מיטגליד אין פּערל"ס, די אָרגאַניזאַציע וועלכע פאַרטיידיגט דעם ערליכן חינוך און האָט געווינען דעם גונסטיגן אורטייל פאַר'ן חינוך.

עס ווייזט אָן אַז די אור-עלטערן פון די קינדער אין אהלי תורה זענען אַנטלאָפן פון טיראַניע און רדיפות, זוכנדיג פרייהייט צו קענען מחנך זיין זייערע קינדער. "אין פאַקט, הרב מיכאל טייטעלבוים (ז"ל), איינע פון די גרינדער פון אהלי תורה, איז געווען אַ טייל פון אַן אונטערגרונט סיסטעם וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט אַזעלכע אַקטיוויטעטן ווי ראַטעווען אינגע מענטשן וועלכע זענען געפאַנגען געוואָרן און געשיקט געוואָרן צו יתומים היימען דורך די קאָמוניסטישע רעזשים ווייל זיי האָבן געלערנט תורה", שרייבט דער אַדוואָקאַט.

די געריכט פּאַפּירן גייען אויך אַריין אָנצואווייזן ווי די תלמידים פון אהלי תורה

# למען עמדך מנגד - גם אתה כאחד מהם!

ווי באַריכטעט אין היינטיגן נומער איז דער אָנהייב וואָך געווען די דעדליין ווי לאַנג מ'האָט געקענט אַריינגעבן אַמיקו"ס פּאַפּירן אין געריכט אין די אַפּעלאַט קעיס אַרום דעם ערליכן חינוך, אין וועלכע פּערל"ס קעמפט אָנצוהאַלטן דעם פּאָזיטיוון אורטייל וועלכע באַשיצט מוסדות התורה און עלטערן פון די סכנה פון זאָפּאָרטיגע שטראָפן ח"ו אויב אַ מוסד ווערט באַצייכנט אַלס נישט-עקוויוועלענט.

אין דער צייט וואָס עס זענען אַריינגעגעבן געוואָרן עטליכע אמיקו"ס בריוון, און די העראָאישע פּערל"ס אָרגאַניזאַציע שטייט און פירט די קעיס צו קעמפן פאַר'ן ערליכן חינוך, זענען ליידער דאָ געוויסע מחנות וואָס שטייען אין די זייט. זיי זענען פאַרנומען ערב ובוקר חדשים לבקרים צו ליאַרמען וואָס מ'דאַרף טאָן, וואָס מ'טוט נישט גוט, וואָס מ'קען טאָן בעסער, ווי אַזוי מ'גייט געווינען, מ'עפנט אָרגאַניזאַציע, מ'דרוקט ליטעראַטור, מ'רעדט צו בחורים, מ'מאַכט כינוסים, מ'לערנט פאָר תהלים, מ'מאַכט בילדער, מ'חלומ'ט פון פעדעראַלע געזעצן, און וואָס נישט.

אָבער נאָר נישט טאָן צו דער זאַך.

שוין איבער אַכט יאָר וואָס צענדליגער מוסדות שטייען אויס מסירות ביי די ניו יאָרק סיטי עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט - ווער האָט זיי פאַרטיידיגט און פאַרטיידיגט זיי ביז היינט?

פּערל"ס!

די אַלע פאַרפירערס האָבן נאָכנישט געלייגט קיין פינגער אין קאַלט וואַסער.

ווען די יאַפּע"ד מוסרים גרופּע האָט גע'מסר'ט נאָכ'ן פעלדער געזעץ אַז מ'זאָל בכלל נישט טאָרן נעמען אין חשבון קיין לימודי קודש, ווער האָט אינטערווענירט און אויפגעטרעטן אין געריכט אָפּצושלאָגן זייער קלאַגע און האָט ב"ה געווינען?

פּערל"ס!

די אַלע פאַרפירערס האָבן נישט געלייגט קיין פינגער אין קאַלט וואַסער (כאָטש געוויסע פון זיי האָבן דעמאָלטס געפייערט והוא שעמדה און געטאַנצן אַז זיי האָבן דערמיט געראַטעווען כלל ישראל, ווען פּערל"ס האָט קלאָר געשריגן אַז דאָס מאַכט נאָר ערגער, אָבער האָט ווייטער געקעמפט אַז עס זאָל נישט זיין קיין גרעסערער חורבן אויב יאַפּע"ד וואָלט געווינען אין יענע קעיס).

ווען די סטעיט האָט דורכגעפירט די ערשטע גיידליינס און פאַרלאַנגט צו לערנען אַזוי פיל ווי 34 שעה לימוד חול (און עס שפּעטער רעדוצירט צו 17, זאָגנדיג אַז עס איז געווען אַ טעות) מיט גאָר שווערע געזעצן. ווער האָט געקעמפט און געווינען דערקעגן אין געריכט?

פּערל"ס!

די אַלע פאַרפירערס האָבן אפילו נישט געטאָן אַזוי פיל ווי אַריינגעבן אַן אמיקו"ס און לאָזן הערן זייער מיינונג. (אין די צייט וואָס אַנדערע אידישע און נישט-אידישע גרופּעס האָבן יאָ אַריינגעגעבן אַמיקו"ס בריעפס, און טראָץ וואָס פון טייל פון זיי הערט מען אַז מ'דאַרף גענצליך איגנאָרירן די גזירה צוליב דעם זיג אין געריכט, אָבער דאָ טוען זיי גאָרנישט עס צו פאַרטיידיגן. די פאַרשטייערס זענען בכלל נישט דא צום טיש).

ווען די סטעיט האָט איצט דורכגעפירט די נייע רעגולאַציעס, ווער האָט געקלאָגט דערקעגן אין געריכט און געווינען דעם פּאָזיטיוון אורטייל פון ריכטערין ריבאַ?

פּערל"ס!

און איצט ביים אַפּעלאַט, ווער קעמפט פאַר'ן ערליכן חינוך?

פּערל"ס!

דער פסוק אין עובדי-ה (פ"א פסוק י"א) זאָגט: "למען ביום עמדך מנגד ביום שבות זרים חילו ונכרים באו שעריו ועל ירושלים ידו גורל, גם אתה כאחד מהם."

אין אידיש: מיט דעם וואָס דו ביזט געשטאַנען אין דער זייט, אין דעם טאָג וואָס פרעמדע זענען געקומען פאַנגען זיינע פאַרמעגנס, און זיי האָבן געוואָרפן אַ גורל זיך צו טיילן מיט ירושלים, ביזטו אויך ווי איינער פון זיי.

ליידער, זעט מען דאָס בחוש ווי די וואָס טוען אַלעס אונטערצוהאַקן די פיס און צו לייגן שטיינער פאַר די מסירות נפש עסקנים וועלכע קעמפן פאַר'ן ערליכן חינוך, שטייען גענצליך אין דער זייט ווען עס קומט צו באַקעמפן די גזירה אין באַשיצן דעם ערליכן חינוך.

גם אתה כאחד מהם! זיי זענען די זעלבע, ווי די מוסרים וועלכע זוכן חרוב צו מאַכן כל הקדוש לנו.

כלל ישראל איז מתפלל אַז די טייערע עסקנים ומנהלי המוסדות זאָלן קענען איבערקומען די אַלע מהרסים ומסיתים - סיי די אָפענע מהרסי הדת און סיי די וואָס זענען אָנגעפּיקעוועט מיט קנאה שנאה און טוען אַלעס צו שטערן די שומרי משמרת הדת - און זיי זאָלן מצליח זיין צו באַשיצן דעם ערליכן חינוך.

שאַרפן זיך די קעפּ און ווערן גרייט מצליח צו זיין אין לעבן, אויפשטעלן פּרנסות, אַוועקשטעלן אידישע קהלות, טאָן חסד מיט אַנדערע, אָדער מצליח צו זיין אין פּרנסות און אין געשעפטן וואָס זיי קלויבן אויס.

די פיילינג ווייזט אויך אָן אויף די שטאַרקע סוקסעס פון די וואָס האָבן גראַדואירט אהלי תורה, נוצנדיג אַ שטודיע וואָס דער פּראָפעסאָר ר' משה קאַרקאָווסקי הי"ו האָט דורכגעפירט, וועלכע האָט געוויזן אַז כמעט 95 פּראָצענט זענען ב"ה פאַרהייראַט, איבער 91 פּראָצענט זענען צופרידן פון זייער מצב אין לעבן, איבער 90 פּראָצענט האָבן פּרנסות, בעת די איבריגע האָבן פּאַרט-טיים פּאָזיציעס אָדער זענען זיי לומדי תורה. אויך האָט עס געפינען אַז די אַרבעטער'ס דורכשניטליכע פאַרדינסטן זענען גאָר שיין.

דאָס איז אין שאַרפן קאָנטראַסט צו די סטאַטיסטיקס פון די לאָקאַלע סקול דיסטריקט וועלכע צייגן גאָר שוואַכע ציפערן. דערמיט ווייזן זיי אָן אַז עס איז אומלאָגיש אַז די SED זאָל ח"ו פּרובירן צו טשעפּען מיט דעם סוקסעספולן חינוך, און זיי פּרובירן צו מאַכן עקוויוועלענט צו די פּובליק סקול ח"ו.

דעריבער, פאַרלאַנגן זיי פונעם געריכט אָפּצואוואַרפן די סטעיט פאַרלאַנג צו קענען צווינגען אַרויסצונעמען די קינדער פון אַ מוסד וואָס זיי באַצייכענען אַלס נישט-עקוויוועלענט. אַנשטאָט, דאַרפן זיי ערלויבן די עלטערן אַליין צו סופּלעמענטירן די פאַרלאַנגטע עדיוקעישאָן, אויב נויטיג, אויף אַנדערע וועגן.

עס איז צום באַטאָנען אַז אהלי תורה איז צווישן די אַכצן מוסדות וואָס די סיטי האָט באַצייכנט פּאַראַיאָר זומער אַלס נישט-עקוויוועלענט. בעת דער מוסד אַרבעט מיט פּערל"ס איבערצוצייגן אַז זייערע לימודים קומען נאָך דעם געזעץ, און דערווייל צו פאַרמיידן אַ נעגאַטיוון אורטייל, איז וויכטיג דער קאַמף אַז די סטעיט זאָל נישט קענען הייסן עלטערן אַרויסנעמען די קינדער פון אַ נישט-עקוויוועלענט מוסד, אין פאַל די מוסדות וועלן אין די ענדע ווערן באַצייכנט אַלס נישט-עקוויוועלענט. אויב זאָל חלילה די סטעיט באַוויזן איבערצודרייען דעם ריבאַ אורטייל וועט דראָען אַ באַלדיגן געפאַר אויף די עלטערן ח"ו פון טורמע, אויב זיי לאָזן די קינדער אין די באַטרעפנדע מוסד, וואָס אויף דעם קעמפּט פּערל"ס צו פאַרהיטן דערפון.

ווי געזאָגט איז היינט דינסטאָג אַריינגעגעבן געוואָרן אַן אַמיקו"ס דורך מוסדות בני ציון דבאָבוב. די אמיקוס ווייזט אָן אַז דורכאויס די סיטי אינספּעקציעס, איז געפינען געוואָרן אַז מוסדות באָבוב האָט אַ גוטע לימודי חול פּראָגראַם אין רוב סאָבדזשעקטס. סך הכל זענען זיי געפינען געוואָרן פעלערהאַפטיג אויף געוויסע טעכנישע זאַכן, ווי נישט האָבן קיין קלאָרן סדר איבער די שייכות און המשך פון די קוריקולום פון יאָר צו יאָר, און דעם פאַרנעם פון די סקילס וואס ליגט אין די קוריקולום, און אַנדערע מינדערוויכטיגע אָבזערוואַציעס אויף וואָס די סיטי אינספּעקטאָרן האָבן זיך אָנגעהאָנגען.

מוסדות באָבוב ווייזט אָן אַז דאָס דראָען אַז עלטערן זאָלן מוזן אַרויסנעמען די קינדער פון אַ מוסד, פאַר די מינדערוויכטיגע אישוס, און דאָס וואָס די סטעיט פּרובירט אפילו נישט צו ערלויבן עלטערן צו ערגענצן די מינדערוויכטיגע זאַכן וואָס זיי זאָגן אַז עס פעלט, פאַרלעצט זייערע רעכטן.

איבערהויפּט ווייזן זיי אָן, אַז אין 2015 האָט די סטעיט לעגיסלאַטור אַרויסגעלייגט אַ סיסטעם ווי אַזוי אַ פּובליק שולע קען געשלאָסן ווערן, און אַז דאָס קען נישט געטאָן ווערן בעפאָר לאַנגע יאָרן, און נעמען אַ רייע אַנדערע שריט, און אויך נאָר נאָכן קוקן אויף די רעזולטאַטן פון די שולע, אַנשטאָט צי מ'פירט דורך יעדע רעגולאַציע. דאָס איז אין שאַרפן קאָנטראַסט צו די שטייפן האַנט וואָס די SED וויל נעמען קעגן פּריוואַטע שולס און מוסדות התורה, חלילה דורך הייסן עלטערן אַרויסנעמען זייערע קינדער דערפון ביז זעכציג טעג נאָך וואָס אַ שולע איז געפינען געוואָרן נישט-עקוויוועלענט און שטעלט נישט אויס קיין פּלאַן צו ווערן עקוויוועלענט.

"מיר וויסן נישט פון קיין איין פאַל פון די 250 יעריגע היסטאָריע פון ניו יאָרק סטעיט אין וועלכע די סטעיט האָט געשלאָסן אַ פּריוואַטע שולע פאַר דורכפאַלן נאָכצוקומען עדיוקעישאָן סטאַנדאַרט", ווייזט אָן דער אַדוואָקאַט פאַר מוסדות באָבוב. "די געצווינגענע שליסונג פון פּריוואַטע, איבערהויפּט רעליגיעזע שולעס - אויפגעבויעט דורך פאַראָרימטע אימיגראַנטן דורך זיך גאָר שטאַרק מקריב זיין פינאַנציעל און פערזענליך, במשך צענדליגער יאָרן, כדי אָנצוהאַלטן די מינאָריטעט גלויבן - נעמט אַריין אַ געפערליך סענסיטיווע באַלאַנסירונג פון עלטערנ'ס רעכטן, די רעכטן צו קענען פריי פּראַקטיצירן רעליגיע, און די געברויכן פון די אַלגעמיינע געזעלשאַפט", פירט עס אויס.

*

אַריינגייענדיג אין חודש אדר, איז דער צייט איינצורייסן נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי, אַז די געטרייע עסקנים פון פּערל"ס און די אַדוואָקאַטן אין שפּיץ פון ר' אבי שיק, דער געטרייער שליח פון די מוסדות החינוך אין ניו יארק בהוראות מנהיגי הרוחני פון די מוסדות החינוך כ"ק האדמורי"ם רבנים וראשי ישיבות שליט"א, וואָס קעמפּן שוין קעגן די גזירות פאַר איבער אַכט יאָר, זאָל ווייטער זען הצלחה אין געריכט און אויפ'ן ביוראָקראַטישן פראָנט צו פאַרטיידיגן דעם הייליגן חינוך, צו קענען ווייטער מחנך זיין אונזערע קינדערלעך על דרך המסורה לנו אָן קיין שום אַריינדרינגונגען פון די רעגירונג ח"ו.

# יאפפע'ד אויך קעגן פעטוועי 6...!!!

## אפשרעק-קלאנגען קעגן די מהלך פון ערליכע עסקנים ווייזט זיך ווידעראמאל ארויס צו זיין פארפירעריש און דורכאויס פאלש

אין אַנדערע נייעס, האָט די 'דעילי ניוס' צייטונג געלופטערט זאָרגן דורך די יאַפּע"ד גרופּע אַז די סטעיט'ס באַשטעטיגן די חב"ד אַפּיליאירטע 'מרכז לעניני חינוך' צו געבן אַקרעדיטעישאָן פאַר פּריוואַטע שולעס, קען גענוצט ווערן דורך מוסדות התורה איבערצוקומען די רעגולאַציעס.

ווי באַוויסט האָט די סטעיט גיידליינס אַרויסגעלייגט זיבן פּעטוועיס, ווי אַזוי פּריוואַטע סקולס קענען ווערן באַשטעטיגט אַלס עקוויוועלענט. איינע פון די פּעטוועיס איז דורך באַקומען אַקרעדיטעישאָן פון אַ דרויסנדיגע פירמע, וואָס איז באַשטעטיגט צו קענען אַקרעדיטן סקולס אַז זיי שטעלן צו אַ גוטע עדיוקעישאָן. דורך נאָכקומען די פּעטוועי, דאַרף מען נישט דורכגיין די שווערע אינספּעקציעס דורך די סקול דיסטריקטס.

איינע פון די באַשטעטיגטע אַקרעדיטעישאָן אַגענטורן דורך די סטעיט איז מרכז לעניני חינוך, וועלכע גיט שוין יאָרן אַקרעדיטעישאן פאַר פאַרשידענע מוסדות איבער אַמעריקע.

די פירערין פון יאַפּע"ד האָט איצט אויסגעדרוקט זאָרג אַז דאָס באַשטעטיגן מרכז לעניני חינוך - וועלכע איז אַפּיליאירט מיט חב"ד וואָס האָט אַליין מוסדות וועלכע זיי באַשולדיגן אַז זיי קומען נישט נאָך די סטאַנדאַרטן - צו קענען אַקרעדיטן מוסדות, גיט אַ פּתח זיך אַרויסצודרייען פון די רעגולאַציעס. זי האָט ספּעציפיש אָנגעוויזן אַז מרכז לעניני חינוך איז אַפּיליאירט מיט אהלי תורה, וועלכע איז איינע פון די מוסדות וועלכע יאַפּע"ד האָט אָנגעקלאָגט צו די סיטי.

"דאָס איז אונזער גרעסטער שרעק און אונזער גרעסטער זאָרג," האָט די יאַפּע"ד פירערין געזאָגט פאַר די 'דעילי ניוס'.

עס איז צום באַמערקן אַז אין די קאָמענטאַרן אויף די איצטיגע רעגולאַציעס, האָט יאַפּע"ד פירער אויך אויסגעדרוקט ענליכע טענות אויף די אַסעסמענטס פּעטוועי 6, אַז עס ערמעגליכט ישיבות זיך אַרויסצודרייען פון אויספירן דעם געזעץ, און האָט געבעטן די סטעיט אַרויסצונעמען די אַסעסמענט אָפּציע. זיי האָבן געציטערט אַז דאָס גיט אַן אויסוועג פאַר ערליכע ישיבות אָנצוגיין מיט'ן ערליכן חינוך כפי המסורה, און דאַרפן דורכפירן שינויים.

אָט דער אויסוועג וואָס די SED האָט געמוזט נאָכגעבן נאָך לאַנגע יאָרן קעמפן קעגן די גזירות, צו ערמעגליכן אויסצומיידן פולשטענדיגע אינספּעקציעס דורך נוצן די טעסטס, איז געווען לצנינים בעיניהם פון די מוסרים וועלכע זוכן אונטערצוברענגען דעם ערליכן חינוך. די SED האָט ב"ה אָפּגעוואָרפן דעם פאַרלאַנג.

איצט זוכן זיי ווייטער צו העצן, זיכער צו מאַכן אַז מוסדות התורה שטייען אויס שווערע אינספּעקציעס חלילה.

דאס איבערצייגט ווידעראמאל די קראנטע מהלך וואס ווערט גענומען דורך די ערליכע עסקנים די לוחמים קעגן די גזירה.

אבער די יעניגע מקצה המחנה וועלכע זוכן צו פארפירן דעם המון עם און זענען בלויז פארנומען זיך צו שלאגן מיט די וועלכע שלאגן זיך מיטן גזירה, האבן זיך נישט אפגעהאלטן פון אהערשטעלן א כלומר'שטע מעסעדזש ווי כאילו די אפעציעלע יאפפע"ד אקאונט זאל האבן באגריסט די ערליכע עסקנים פארן אויסקלויבן פעטוועי 6... און דאס האט געזאלט דינען אלס באווייז אז די ערליכע עסקנים טוען גאר מיטארבעטן מיט די גוזרי גזירה...

די מ'כלומר'שטע 'יאפפע"ד טוויט' האט שוין אפילו געפירט צו א דרשה מאחד הרבנים קעגן די ערליכע עסקנים. ווי מ'האט אנגעצייגט מיט ווייטאג אז אפילו יאפפע"ד באגריסט דאס אויסקלויבן פעטוועי 6!...

אט אזא פנים טראגט די מערכה קעגן די ערליכע עסקנים.

**ברוך שמסר עולמו לשומרים!**




**דער פאלשער "יאפפע"ד טוויט' ארויסגעשיקט קעגן די ערליכע עסקנים**

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 ✦ T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע ✦ בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מעריוואלד ס. | ביהמ"ד החדש איילענד וויא | ביהמ"ד החדש ווינטשעסטער

בעזהשי"ת

ד' לסדר ואלה המשפטים תשפ"ד לפ"ק

# מחאה נמרצה

## הננו בזה למחות במחאה נמרצה על

## הפשע הנוראה שאירע בעירינו שבאו זרים וטמאו את מחנינו

## עיר הקודש קרית יואל המעטירה יצ"ו

קריה נאמנה שיסד וכונן רבינו הקוה"ט זי"ע בערוב ימיו כדי לחיות כאן מובדל ומופרד מישיבת כרכים קשה. ולגדל צאצאינו בקדושה ובטהרה בשמירת עינים מכל טומאה ושחץ המליאה בעיירות הגדולות.

ופרסמו במשך הימים שעברו, וסבבו הרחובות בתמונות תועבות מנשים ובתולות והכשילו בזדון בראיית אסורות ילדי תשב"ר ובחורים ואברכים היקרים וכל תושבי', רח"ל.

**ובפרט מה שהקהילו ביום א' העבר תערובות אנשים ונשים שפילים ובזויים מלובש בבגדי שחץ כהגרועים שבהם ועמדו כך בקרית חוצות וצעקו בקולות ובפרעות בעזות מצח דברי נבלה אשר תצילנה אזני השומעים שעברו דרך שם**

**וכדת של תורה הננו מוחים נגד כל מי שידיו במעל הזה במישרין ובעקיפין!**

ולב מי לא יחרד מהחילול שם שמים הנוראה שנגרם מזה, והעלבון והפגיעה ברבינו הקוה"ט זי"ע מייסד קריתנו!

וקוראים אנו בזה לכל דיירי קריתנו היראים ושלימים הי"ו:

שלא ליתן יד וחיזוק להני פושעים המחריבים, ולעמוד איתן נגד הני פורצים המחבלים חומות הקדושה שבמחנינו. ויה"ר שילמדו תועים בינה, אמן.

החותמים מתוך צער וכאב

**הנהלת הקהלה**

# דרינגענדע פּערל״ס קאָנפערענץ פאַראייניגט אַלע מוסדות אין די שטאָט באָרא פּאַרק אינעם קאַמף לַמען עתיד החינוך הטהור

פאָן-טרעגער פון מלחמה קעגן גזירת החינוך פאראייניגט מנהלי המוסדות פון: אלכסנדר, באבוב, באבוב-45, באיאן, בית יעקב, בנות חי', בנות פערל, בעלזא, גור, דרכי חיים, די חיידער, ויזניץ, חב"ד, חתן סופר, ישיבה מסילות בית יעקב, נתיבות התלמוד, נתיבות בית יעקב, נאוואמינסק, סאטמאר, סקווירא, סקווירא ב"פ, סטאלין, פאפא, דרכי אבות צאנז, שלום שכנא, שערי יושר, תומר דבורה, און נאָך

## ראשי המוסדות גייען ארויס מיט קלארקייט איבער באדייט פון 'סאבסטענשעל עקוויוועלענט' און אינטערשיד צווישן אלגעמיינע און פריוואטע שולעם

בארא פארק - אויפ'ן פאַרלאַנג פון מנהלי מוסדות התורה אין בארא פארק און לאור הוראתם פון די גדולי הרבנים והאדמורי"ם שליט"א, האט די 'פערלס' ארגאניזאציע ההולך לפני מחנה ישראל צו פארזיכערן די מסורת החינוך המקובל לנו מדור דור, אפגעהאלטן א דרינגענדע אסיפה מיט די מנהלי המוסדות פון בארא פארק דעם מיטוואך, צו געבן אן ערשטהאנטיגע אפדעיט און אינאיינעם איבערצושמועסן פארשידענע ענינים העומדים על הפרק אינעם קאמף למען עתיד החינוך הטהור.

עס האבן זיך אנגעזען די פראמינענטע מנהלי המוסדות פון אלכסנדר, באבוב, באבוב-45, באיאן, בית יעקב, בנות חי', בנות פערל, בעלזא, גור, דרכי חיים, די חיידער, ויזניץ, חב"ד, חתן סופר, ישיבה מסילות בית יעקב, נתיבות התלמוד, נתיבות בית יעקב, נאוואמינסק, סאטמאר, סקווירא, סקווירא ב"פ, סטאלין, פאפא, דרכי אבות צאנז, שלום שכנא, שערי יושר, תומר דבורה, און נאָך.

די אסיפה איז איינגעלייטעט געוואָרן דורכ'ן דינאַמישן עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון פּערל"ס מו"ה ר' יוסף גרינוואַלד הי"ו, וועלכער האָט באַגריסט די מנהלים, און אַרויסגעברענגט די זכיה וואָס פּערל"ס האָט שוין צו שטיין אַזוי פיל יאָרן אין שפּיץ פון די מערכה פאַר'ן עתיד החינוך, און ווי אַזוי האָט שוין געהאָלפן ממש אַלע מוסדות בכלליות, מיט יעוץ, ובפרטיות ווען זיי זענען אויסגעשטאַנען אויספאָרשונגען, אישוס מיט פאַרשידענע רעגירונג ביוראָקראַטיעס וועלכע האָבן אָנגעהויבן פרעגן וועגן חינוך, משפחה סכסוכים וואָס האָט אַריינגעצויגן דעם מוסד אין געריכט, אָנפראַגעס און אַטאַקעס פון די פּרעסע, און בכלל מיט פאַרשידענע אָנפראַגעס וועלכע קומען כסדר אַריין. ר' יוסף האָט דערביי באַרירט טעכנישע פרטים וואָס זענען געוועזן זייער אינפאָרמאַטיוו פאַר די מנהלים.

מ'האָט דערנאָך געהערט אַ רעפעראַט וואָס טוט זיך אויפ'ן לעגאַלן פראָנט פונעם דינאַמישן אַדוואָקאַט ר' אבי שיק הי"ו, וועלכער שטייט שוין כמעט ניין יאָר אין שפּיץ פונעם קאַמף פאַר'ן ערליכן חינוך. ר' אבי האָט אַרויסגעברענגט אַז מ'האָט ביז היינט געזען סייעתא דשמיא למעלה מן המשוער, געווינענדיג עטליכע מאָל וויכטיגע אורטיילן וואָס האָט אָפּגעשטופּט און אָפּגעשוואַכט די גזירה. ער האָט געזאָגט אַז עס איז קלאָר אַז דאָס איז בלויז דער זכות פון די תינוקות של בית רבן וועלכע באַגלייטן אים און די אַנדערע אַדוואָקאַטן און עסקנים. ער האָט אַפּעלירט צו די מנהלים מעורר צו זיין דעם ציבור ווייטער מרבה צו זיין בתפלה, איבערהויפּט אַז די תלמידי המוסדות זאָלן מתפלל זיין פאַר די ווייטערדיגע הצלחה, ווען מ'גרייט זיך צו די קריטישע הירינג דעם וואָך נאָך פורים.

דערנאָך האָט מען געהערט פון הר"ר חיים דוד צוויבעל הי"ו, עקזעקוטיוו וויצע פרעזידענט פון די אגודת ישראל ד'אמעריקע, וועלכער האָט אַרומגערעדט איבער פאַרשידענע לעגאַלע פרטים, און די אַנטשלאָסנקייט צו אַרבעטן אינאיינעם מיט פּערל"ס צו קעמפן פאַר אַלע מוסדות התורה צו קענען אָנגיין לויט זייערע מסורות און הוראות פון זייערע רבנים.

מ'האָט דערנאָך געהערט פון מו"ה ר' שמואל מרדכי שטערן הי"ו, וועלכער האָט באַגריסט די מנהלים אין נאָמען פון הרה"ח ר' משה דוד ניעדערמאַן הי"ו, דער לעגענדאַרער שתדלן לכל קדשי בני ישראל וועלכער איז דער בריח התיכון פון פּערל"ס. ער האָט איבערגעגעבן ר' משה דוד'ס אַנטשולדיגונג וואָס צוליב אַ לעצט-מינוטיגע עמוירדזשענסי האָט ער זיך





נישט געקענט באַטייליגן. ר' שמואל מרדכי האָט דערביי אין קורצע ווערטער איבערגעשמועסט אַז ב"ה אַז די סאָבסטענשעל עקוויוועלענט געזעץ פאַרלאַנגט נישט קיין דירעקט טריפה'נע סאָבדזשעקטס ח"ו, אָבער אויב די רעגירונג קומט חלילה אַריין איז אַלץ דאָ אַ געפאַר מה יולד יום. דעריבער קעמפט פערל"ס צו קענען אויסמיידן די אינספעקציעס.

מ'האָט דערביי געהערט אַ פראַגע פון מו"ה ר' משה שמואל מלמד הי"ו, מנהל מוסדות סקווירא בארא פאַרק, איבער דעם וואָס אין פובליק שולעס רעגולאַציעס זענען יאָ דאָ סאָבדזשעקטס וואָס זענען אסור צו לערנען. ר' אברהם וויינשטאק, דער לאָיער פאַר אגודת ישראל, אַן עקספערט אין עדיוקעישאָן, האָט אָנגעוויזן אַז די רעגולאַציעס האָבן אַ קלאָרן אונטערשיד פון וועלכע סאָבדזשעקטס אַלע שולעס מוז'ן לערנען, און וואָס מ'דאַרף לערנען נאר אין פובליק שולעס. די רעגולאַציע איבער די באַטרעפנדע סאָבדזשעקט שרייבט קלאָר אַרויס אַז עס גילט בלויז פאַר "אַלע פובליק שולעס" און קלאָר נישט אויף פריוואַטע שולעס, ממילא איז נישטאָ קיין געפאַר דערוועגן אונטער'ן איצטיגע געזעץ.

דערנאָך האָט מען געהערט פון הרה"ח ר' בערל לעפקאָוויטש הי"ו, מנהל מוסדות סאַטמאַר באָראָ פאַרק, איבער די נחיצות אַז אַלע מוסדות - אפילו די וואס שטייען כעת נישט אויס קיין קלאגעס - זאָל'ן נושא בעול זיין אין די הוצאות. ער האָט אָנגעוויזן אַז היינט צוטאָגס ווערן אַלע מוסדות געצילט פון די רעגולאַציעס, און פערל"ס איז די אָרגאַניזאַציע וואָס קעמפט קעגן די גזירה, און יעדער נוצט זייער הילף און געניסט פון זייערע לעגאַלע קאַמפן, דעריבער איז נישט מער ווי יושר אַז אַלע מוסדות זאָלן העלפן דעקן די הוצאות. ער האָט געזאָגט אַז מיט'ן אַראָפּנעמען דעם פינאַנציעלן עול פון די אָרגאַניזאַציע, און אויסברייטערן די פינאַנציעלע באַזע, וועט מען בעז"ה קענען נאָכמער אויסברייטערן די פעולות און קענען בעסער קעמפן פאַר'ן חינוך.

די מנהלים זענען זיך צוגאַנגען מיט גאָר וויכטיגע ידיעות און אַ קלאָרערן פאַרשטאַנד איבער דעם קאַמף פאַר'ן ערליכן און די ווייטערדיגע שריט למען עתיד בנינו ודורותינו, און מיט אַן אַנטשלאָסנקייט צו שטיין צו הילף צו די געטרייע עסקנים פון פערל"ס צו קענען דורכפירן זייער עבודת הקודש.

**אַל תִּגְּעוּ בִּמְשִׁיחָי אֵלּוּ תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן!**

# "חסד מעסעדזש באקס"

קרית יואל חסד ווינטער קאָמפּיין

איבערצולאזן א מעסעדזש פאר די טויזנטער דרייווער און היטשער מיט געדאנקען, הערות א.ד.ג. רופט די היטש טעלעפאן סיסטעם **845.288.3880** און דרוקט **#8** פאר די מעסעדזש באקס.

## עס האָט זיך דראַסטיש פאַרמערט די היטש געבער'ס

א גוט יאר, איך מוז זאגן א מורא'דיגע שבח אויף די נייע קאמפיין, אז איך פאר אסאך ארום דא און כמעט, איך זוך מענטשן וואס דארפן א היטש, איך טרעף כמעט נישט קיין מענטשן וואס דארפן היטשעס. וואַרשיינליך געבן לעצטנס גאָר אסאך היטשעס.

כה לחי!

*

## מ'זאָל אויפהייבן די הענט אַלס צייכן אַז מען זוכט אַ היטש

אַ גרויסן דאַנק פאַר דעם געוואַלדיגן פּראָגראַם.

איך האב נאר געוואלט צולייגן אַ בקשה היות איך געב ב"ה היטשעס כסדר ווען איך קען, באַגעגן איך זיך כסדר מיט אַזעלכע פלעצער וואו מענטשן שטייען און וואַרטן אויך פאר אנדערע זאכן, ווי צ.ב.ש. מען ווארט פאר אַ באָס, אָדער פאר קאַרס, א.ד.ג. און איך האב שוין אפאר מאל געהאט איך האב מיך אפגעשטעלט פאר א היטש און דער מענטש האט געזאגט ער ווארט אויף א צווייטן.

מערסטנס מאָל זעט מען טאקע אַז ווען אַ מענטש שטייט פאר א היטש הייבט ער אויף די הענט, אבער אסאך מאל הייבט מען נישט אויף די הענט און דעמאָלט ווערן דרייווערס צעמישט. כהאב דעריבער געוואָלט פאָרשלאגן אַז ווען איינער דארף א היטש איז אַן עצה טובה צו אויפהייבן די הענט, פשוט צו ווייזן. אַזוי וועט דער דרייווער נישט דאַרפן יעדעס מאל עקסטער זיך אפשטעלן פרעגן "דארפסט א היטש? דארפסט נישט א היטש?" און ס'וועט מאַכן אַסאַך לייכטער פארביידע.

אַ גרויסן יישר כח נאָכאַמאָל.

*

## ס'איז וויכטיג צו באַשטימען אָפיציעלע היטש פּלעצער

צומאָל איז שווער פאר דרייווערס צו געבן א היטש ווייל מען האלט אויף די קארס וואָס וואַרטן פון הונטן. עס וואָלט דעריבער געווען זייער ראַטזאַם צו מאַכן א געהעריגע פלאץ וואו מענטשן זאָלן קענען שטיין פאר אַ היטש און די קאַרס זאָלן זיך דאָרט קענען אָפּשטעלן אן אויפהאַלטן די קאַרס פון הונטער זיי.

צום ביישפיל ביים ווינקל וואו מען גייט אַרויס פון די 'עצי תמרים' געגנט, בשעת מען דרייט זיך איין, איז נישטא קיין געהעריגע פלאץ וואו דער עולם קען שטיין אָנדעם וואס מען זאל אויפהאלטן קארס פון הונטן. דאָס און אזוי אנדערע פלעצער אויך. ס'איז וויכטיג צו מאַכן אַ תיקון אין דעם טעמע.

חילכם לאורייתא!



# רעספּעקטפולע זיצונג צווישן ווילעדזש און מאָנראָו ריכטער מיט לאָקאַלע אידישע געמיינדע איינוואוינער

דעם פארלאפענעם זונטאג נאכט איז אפגעהאלטן געווארן א העכסט פראדוקטיווע זיצונג אינאיינעם מיט'ן ריכטער פון ווילעדזש און מאָנראָו, מר. סטראוס, עס האבן זיך באטייליגט פילע תושבי העיר און פארשטייער פון אלע שיכטן פון קרית יואל, פארצושטעלן די געברויכן פון די געמיינדע אויף פילע פראנטן וואו עס פאָדערט זיך א נאענטע קאאפעראציע פאר די וואוילזיין פון די איינוואוינער.

איבערהויפט האָט זיך אָנגעזען די אָנוועזנהייט פון הרה"ח ר' ליפא דייטש הי"ו מגדולי עסקני העיר רבות בשנים, וועלכער האט אויפגעברענגט פילע זארגן און אספעקטן וואס איז אדרעסירט געוואָרן דורך דעם ווילעדזש ריכטער מיט פאַרשטענדעניש.

דער ווילעדזש ריכטער, מר. סטראוס, טראָגט אַ הויכע פּאָזיציע אַלס עטיקס באַאַמטער און אַלס רעספעקטפולער ריכטער אין דעם געריכט הויז, וואו קרית יואל'ער איינוואוינער זענען אפטע געסט צו פייטן פּאַרקינג און טראַפיק טיקעטס. ס'איז דעריבער געווען אַ באַגריסנדע ערשיינונג ווען מען האָט געקענט אָפּהאַלטן אַ געמיינזאַמע זיצונג, וואָס איז פאַררופן געוואָרן דורך זיין אָפיס דירעקט פאר פארשטייער פון אַלע קהלות, כדי צו האבן אן אפענע קאמיוניקאציע מיט די אייינוואוינער אין טאון און מאָנראָו, צו הערן די זארגן און אויסשמועסן וויכטיגע אישוס וואס איז נוגע פאר די איינוואוינער מיט'ן ריכטיגן באַלאַנס.

עס זענען טאַקע אנוועזנד געווען פילע איינוואוינער פון די געגענטער אין ווילעדזש און מאנראו וואס נעמט אריין סמיט גארדענס, ווינטשעסטער, היי סטריט, העלף האלאו, אלד קאנטרי, ארענדזש טורנפייק, א.א.וו.

ביי דעם זיצונג איז אָנגעמערקט געוואָרן אויף עטליכע פעלער פון איבערגעטריבענע באהאנדלונג דורך די לאו ענפארסמענט קעגן 'טרעספּעסינג'. באַזונדער האָט מען דערמאַנט דעם פּראָבלעם איבער די לאַנגע ווארטע - צייט ביים דעם געריכט הויז, ווען צומאָל דאַרף מען וואַרטן אין די פראָסטן אויף דער גאַס, זייענדיג די איינציגסטע געריכט הויז אין דער סטעיט וואו מ'דאַרף שטיין אונטער'ן פרייען הימל בעפאָר מען קען אריינגיין אין דעם געריכט געביידע. אזוי אויך איז באַהאַנדלט געוואָרן די טעמע פון די בתי מדרשים געזעץ, און נאָך וויכטיגע אַנגעלעגנהייטן.

אַ באַזונדערע איינפלוס האָט געמאַכט די אויפטריט פון הרה"ח ר' אברהם יצחק פלאהר הי"ו מגדולי עסקנים און מחשובי תושבי העיר, וואָס די זיצונג איז פאָרגעקומען ביי אים אין שטוב און וועלכער האט מיט זיין עלאקוואנטע שפראך לפני עמים ושרים ריכטיג פארגעשטעלט פילע אישוס וואס דארף באהאנדלט ווערן.

דער ריכטער האָט פון זיין זייט אויך אַרויסגעברענגט די גוטע באציאונגען וואס ער האט מיט זיינע היימישע שכנים און זיין אפענקייט און ווילֿיגקייט צו מיטארבעטן מיט די איינוואוינער און די זיצונג האָט זיך געשלאָסן אין אַ פּאָזיטיווע שטימונג מיט האָפענונג פאר גינסטיגע רעזולטאַטן לטובת אחבנ"י.



גאר פראדוקטיווע זיצונג אפגעהאלטן אין שטוב פון הרה"ח ר' אברהם יצחק פלאהר הי"ו מגדולי עסקני השכונה



תושבי השכונה פון טאון און מאנראו און פארשטייער פון אלע שיכטן און קהילות ביים זיצונג וואו עס איז באהאנדלט געווארן פילע אספעקטן צו האבן א נאנטע צוזאמארבעט און פארשטאנד אויף וויכטיגע געברויכן



הרה"ח ר' אברהם יצחק פלאהר הי"ו ביים אדרעסירן דעם רעספעקטפולן ריכטער.
ווערט געזען הרה"ח ר' ליפא דייטש הי"ו מגדולי עסקני העיר


NEW
ENERGIZE WITH A FRESH ACAI BOWL
Indulge in a burst of flavor and vitality with our fresh & delicious acai bowls, with a variety of toppings to satisfy your palate.
Toppings
› Granola
› Strawberry
› Banana
› Mango
› Pomegranate
› Pineapple
› Coconut
› Chocolate chip
mintleaf
Kosher Market
845.492.8777 #2
orders@mintleafkosher.com
5 Mangin Rd. (Cor. Rt. 208) Blooming Grove

# היימישע הויז אייגנטומער אין 'בלומינג גראָוו' פאַראייניגט צו אויספאָלגן דעת תורה פון רבני העיר למען קדושת המחנה

**געבענטשטע אויפוואַכונג אין 'בלומינג גראָוו' וואו אַלע לענדלאָרדס און בראָוקערס זענען פעסט אַנטשלאָסן צו פאַרדינגען הייזער בלויז פאַר אידישע ברידער, נישט צו פאַראומרייניגן חלילה די בליענדע אידישע שטאָט וואו אַלע אײנוואוינער שטרעבן זיך צו פירן על פי דרך איתן אדונינו מרן רבינו הקוה"ט זי"ע**

אויב האָט מען געדאַרפט נאָך אַ הוכחה איבער די נצחיות'דיגע כחו של אותו זקן, רבינו הק' זי"ע, וואָס שיינט און בליעט מיט אַזאַ גלאַנץ און פראַכט אין 'בלומינג גראָוו', זעט מען דאָס ב"ה מיט'ן גאַנצן שיינקייט ווען די הונדערטער תושבי העיר, איבערהויפּט די פולע הייזער אייגנטומער, האָבן אין דער לעצטער תקופה ווידעראַמאָל זיך פאַראייניגט מיט אַזאַ ווארימקייט און ערליכקייט צו אויספאָלגן דעם פלאַם-פייערדיגן 'קריאת הקודש' פון די רבנים שליט"א צו אָפּהיטן דעם קדושת המחנה דורך פאַרדינגען הייזער בלויז פאַר אידישע טענענטס.

די היסטארישע 'קול קורא' וואָס איז שוין מיט עטליכע חדשים צוריק פאַרעפנטליכט געוואָרן דורך די רבני העיר שליט"א, צווישן זיי הגאוה"צ תלמידי רבינו הק' זי"ע, האָט ווירקליך געהאַט אַן אומבאַשרייבליכע השפּעה לטובה אויף אַלע אייגנטומער, בראוקער'ס, און לענדלארדס פון הייזער, וועלכע שטייען דערויף צו פארדינגען זייערע הייזער בלויז פאר אחינו בשרינו, היימישע אידישע קינדער, און דערמיט פארמיידן פילע אומאנגענעמליכקייטן פאר די הונדערטער משפחות וועלכע האבן זיך שוין באזעצט אין דעם שפּרודלדיגן געגענט.

דאָס האָט מען לעצטנס געזען נאָך שטאַרקער, ווען פילע היימישע לענדלאָרדס זענען ב"ה בייגעשטאַנען דעם נסיון און געטון דאָס ריכטיגע שריט על פי תורה, נישט צו פאראומרייניגן אזא נאבעלע און הערליכע עיר ואם בישראל מיט געמיינע עלעמענטן, וואס קען חלילה זיין א בכי' לדורות און א געוואלדיגע שטער פאר די וואוקס און בליה פון דער שטאט.

עס ווערט דורך אַלעמען באַגריסט וויאַזוי די טייערע הויז-אייגנטומער רעכענען זיך מיט די פלאג און שוויס פון די תושבי העיר און האבן אן אמת'ע מיטגעפיל מיט דאס געלט און הארעוואניע פון אזויפיל הונדערטער היימישע אידישע משפחות וועלכע האבן זיך אהינגעצויגן, טראץ אלע חבלי לידה, מיט'ן איינציגן ציל צו קענען מגדל זיין די קינדער בדרך ישראל סבא, מיט א הרחבת הדעת בקדושה ובטהרה.

איז טאַקע מערקווערדיג צו באַטאָנען אַז מערערע אידן פאַרציילן אין די לעצטע וואָכן איבער העכסט אינטערסאנטע געשיכטעס וויאזוי זיי האבן געזען אפענע סייעתא דשמיא אין זכות פון פארדינגען זייערע הייזער בלויז פאר אידן, וואס האט למעשה זיי געברענגט נאר רווחים און בעניפטן, אויסער דעם גרויסן שכר בזה ובבא, וואס דאס איז די בעסטע און שענסטע באווייז אַז דורך פאלגן דעם דעת תורה און זיך רעכענען מיט אידישע געפילן האט מען נישט קיין שאָדן! אדרבה דער גרויסער שכר פון נישט מכשיל זיין אידישע קינדער - און פארזיכערן אז די הייליגע שטאָט פארבלייבט טאקע הייליג און בליעט לשם ולתפארת - טוט שטענדיג באגלייטן צו געהאלפן ווערן מיט א שפע פון פרנסה און ברכה.

ווירקליך זענען תושבי 'בלומינג גראָוו' ווייטער פעסט פאַראייניגט און אַנטשלאָסן זיך צו האַלטן געטריי צו די אזהרת ובקשת הרבנים שליט"א, נישט צו דערלאָזן אַז מען זאָל חלילה פאַרדינגען הייזער פאר אומגעוואונטשענע איינוואוינער, וואָס איז אַ שרעקליכע מכשול דרבים.

אין די יעצטיגע טעג הערשט טאַקע אַ פרישע אויפוואַכונג אין שטאָט, אַז אינוועסטירער זאלן גוט באַגרייפן דעם חומר הדבר און זאלן נישט צוברעכן חלילה די חומת העיר. עס ווערט דעריבער ווידעראַמאָל נתפּרסם דער דעת תורה הבהירה כדי אַז קיינער זאָל זיך נישט טרויען צו מהרס זיין גדרן של ראשונים, און ס'ווערט אָנגעוויזן אַז שכינים ותושבים וועלכע באַמערקן סיי וועלכע פּרואוו צו פאַרדינגען הייזער פאר אומגעוואונטשענע עלעמענטן זאלן דאָס איינמעלדן פאר די רבנים הגה"צ שליט"א העומדים על המשמר אַז אַזעלכע מכשולות זאלן נישט פּאַסירן אין דער צוקונפט, ווי ס'איז דער רצון און דער וואונטש פון אַלע תושבים צוגלייך, וואָס שטרעבן זיך צו פירן און מגדל זיין אונזערע קינדער לאורו פון רבינו הק' מייסד העיר זי"ע אָן קיין שום פרעמדע השפּעות חלילה.

**אין אדם שומע לי ומפסיד!**



# בקשה נמרצה

## מאת גדולי הרבנים הגואה"צ שליט"א
## דעיר בלומינג גראוו יצ"ו

בס"ד, שלומים מרובים, כטל וכרביבים, יעלו ויבואו קדם מעלות כבוד ידידנו, תושבי 'בלומינג גראוו' היקרים, כולם אהובים כולם ברורים, לעשות רצון קונם, אתה ה' תשמרם וכצנה רצון תעטרם.

הן חיבה יתירה נודעת לה לשכונתינו המפוארה, מקום מגוריהם של מאות משפחות יראים ושלמים, חסידים ואנשי מעשה, המתנהגים ומגדלים את ביתם לשם ולתפארת בדרך הסלולה לנו מאיתן אדונינו מרן רבינו הק' זי"ע, ברם בהיות שכבר אמרו ז"ל שאין מחזקין אלא המוחזקין, ואין מזרזין אלא למזורזים

**באנו בזה לעורר ולבקש למען קדושת עירנו, לאלו המשכירים את בתיהם, לדקדק ולהשכיר הבתים אך ורק לאחב"י, ואל יתערב זר בגבולתינו**

וכבר ידוע מפי ספרים וסופרים כמה החמירו ז"ל להרחיק את האדם מטומאת הגוי ולהבדיל בין ישראל לעמים כדי שלא ילמדו ממעשיהם הרעים, ובפרט בנידון דידן שזה שבע שנים כולן שוין לטובה באו והתיישבו פה משפחות יקרות, שכל מגמתם וחפצם לחנך דורותיהם על דרך ישראל סבא ולגדל את ילדיהם בקדושה וטהרה, ומה גודל צערם ושיחם כאשר באים ומטמאים מחניהם ומזיקים לצורת ועתיד העיר ברוחניות ובגשמיות

**והנה כי כן אין לשער את גודל האחריות והחיוב העצום המוטל על באו"א מהבעה"ב והמשכירים, וגם לרבות המעקלער'ס, לבלתי להשחית את נחלתינו נחלת ה' חלילה, ולשמור קדושת המקום על מכונה ע"י**

## השכרת הבתים אך ורק לבנ"י הכשרים

**הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב, וישראל קדושים, ובודאי יחשבו החשבון הפסד מצוה כנגד שכרה המרובה, ויסייעו לקדושת ישראל ולשמור על צערן ופחדן של אחב"י הדרים כאן**

ומובטחנו שבזכות הזהירות בדבר נשגב זו שתלוי בה טהרתן של ישראל, יזכה כל המזהיר והנזהר לשפע ברכות והשפעות ונחלה בלי מצרים משמי מעל, ואין אדם שומע לי ומפסיד, וישכון ישראל בטח בדד עין יעקב, וכה יתן ה' וכה יוסיף להרחיב גבולי עירנו עפ"י דרך רבינו הק' זי"ע, מתוך הרחבת הדעת ומתוך נחת דקדושה ושפע רב, הון ועושר בביתכם וצדקתכם עומדת לעד, עד ביאת גוא"צ בב"א.

הכו"ח למען קדושת וטהרת המחנה לסדר "ד' א"א יסף עליכם ככם אלף פעמים", חודש מנחם אב תשפ"ג לפ"ק

**יצחק מרדכי מייזעלם**
אבד"ק מאורות נתן ראדאוויץ

**ישראל אלעזר האלפערן**
בהרה"צ מקאזניץ ז"ל

**אפרים צבי שמילאוויטש**
אבד"ק נחלת אהרן קרעמניץ

**מנחם נתנאל הלוי יונגרייז**
דומ"ץ בית יעקב קיט"ל ד'סאטמאר

**שמואל לייטנער**
דומ"ץ קיט"ל ד'סאטמאר מעריוואלד

**הק' חיים מאיר**
בהה"צ מוויזניץ שליט"א

**אהרן דוד הורוויץ**
בלאאמו"ר הה"צ מספינקא זצלל"ה מזאבליטוב

**צבי יעקב בריזל**
אב"ד ביהמ"ד לעיק שארר

**מאיר בערקאוויטש**
אבד"ק קאריץ

הננו מצטרף לכל הנ"ל
**יושע מרדכי לייפער**
אדמו"ר מבאניע נאדבורנא

**יצחק אייזיק ראטטענבערג**
אבד"ק קאזאווע

## ברכת קודש מאת כ"ק מרן אדמו"ר מזמיגראד שליט"א

**אבקש מכאו"א שלא להשכיר רק לאחב"י, ומי שיציית יהי' לו הצלחה מרובה בנכסיו, ולהשומעים יונעם בע"ה**

וְהָיָה בֵּית יַעֲקֹב אֵשׁ – הַשְׁלֵם זֶה הַבִּנְיָן

# תושבי "קרית יואל" וועלן מיט א ווארעמקייט שטיצן גראנדיעזע "השלמת הבנין" קאמפיין צו ענדיגן בנין ביהמ"ד החדש "בית יעקב" אין שכונת "וואדבורי ווילאס"

ראשון הוא לכם

## ביהמ"ד "בית יעקב" איז געווען ערשטע ביהמ"ד זיך צו עפענען דארט ביים גרינדונג פונעם הערליכן געגנט, און דינט אלס תל תלפיות עד היום הזה

קרית יואל רבתי - גרויס ווארעמקייט און ענטוזיאזם הערשט צווישן די טויזנטער תושבים פון קרית יואל רבתי בכלל, און צווישן תושבי שכונת "וואדבורי ווילאס" בפרט, צום בעפארשטייענדן "השלמת הבנין" קאמפיין לטובת דעם בנין ביהמ"ד החדש "בית יעקב", צו קענען ערגענצן און גענצליך צוענדיגן דעם בנין ביהמ"ד מיט אלע פיטשעוועקעס און צוגעהערן לטובת די מתפללי הביהמ"ד.

### שכונת וואדבורי ווילאס

המפורסם אין צריך ראיה, די הערליכע שפרודל'דיגע שכונה "וואדבורי ווילאס" דארף שוין נישט ווערן באשריבן, עס פעלט שוין ווייט נישט אויס קיין אדווערטייזמענט פאר דעם געגנט, עס איז שוין היינט וואויל באקאנט מיט אירע הונדערטער איינוואוינער וואס האבן דארט קובע געווען מקום מושבם על מי מנוחות, אויף די הערליכע בערג און אויג-פארכאפנדע פאנאראמעס, וואס ברענגט גרויס הרחבת הדעת און שלות הנפש, און העלפט דינען דעם אייבערשטן מיט א דעה צלולה.

טאג איין טאג אויס שטראמען אריין אינעם געגנט גאנצע גרופעס קאנסטרוקציע ארבייטער, וואס בויען כסדר נאך און נאך שיינע גרויסע רחבות'דיגע הייזער בתים נאמנים לה' ולתורתו פאר קינדער-געבענטשטע פאמיליעס, און דערמיט ברייטערט זיך דער שכונה כסדר אויס לארכה ולרחבה איבער אלע זייטן.

### והיה ראשיתך מצער

גארנישט אזוי גלאנציג איז געווען דער בילד אין די ערשטע יארן ווען דער געגנט האט זיך געגרינדעט. עס האט לאנג גענומען ביז מענטשן האבן איינגעזען אז דער געגנט שטעלט באמת פאר אן עתיד פאר ערליכע משפחות יראים ושלמים, וועלכע ווילן וואוינען על מי מנוחות. דער געגנט האט מתחלה נישט פארמאגט קיין בתי מדרשים, מקוואות א.א.וו.

די ערשטע ביהמ"ד אינעם געגנט וואס האט זיך געגרינדעט אין וואדבורי ווילאס איז געווען טאקע

אַתְקִינוּ סְעֻדָּתָא דִּמְהֵימְנוּתָא

## קאמפיין ווערט געלאזט אין גאנג ביי גראנדיעזע מסיבת מלוה מלכה די וואך מוצ"ש משפטים אין היכל ביהמ"ד החדש בית יעקב

# מיטוואָך תרומה לעצטער טאָג זיך אָנצושליסן אין באַרימטער "אָקשן" פון "כולל שומרי החומות"

## כולל שומרי החומות אָפיס ווירבלט מיט פילצאָליגע משפחות וואָס ברענגען אַריין אויסגעפולטע ראפל-בויגנס

דער באַרימטער "כולל שומרי החומות אָקשן" גרייט זיך שוין צום ענד-טערמין וואָס איז באַשטימט אויף קומענדיגן מיטוואָך, ד' פּרשת תרומה הבעל"ט, ווען די טייערע ראַפּעלס וועלן געצויגן ווערן, צום רייכן בענעפיט און הנאה פון די חשוב'ע געווינער.

דער כולל שומרי החומות אָקשן, איז אַצינד דאָס געשפּרעך פון טאָג ביי טויזנטער נשים צדקניות, דאָהי אין קרית יואל און אויף אַנדערע מקומות, וואו מאַסן פרויען שפּירן פאר א זכי' צו שענקן זייערע נתינה פאר די הייליגע צדקה פון "כולל שומרי החומות" און גלייכצייטיג אַריינגיין אין די רייכע ראַפּעלס וואָס איז דאָס יאָר פּראָקלאַמירט געוואָרן ביים צענטראַלער אָקשן לטובת הכולל.

במשך די פאַרלאָפענע טעג, איז דער כולל שומרי החומות אָפיס אויף 15 גאַרפיעלד רד. דאהי אין קרית יואל, דער צענטראַל וואָס ווירבעלט אומאויפהערליך מיט פילצאָליגע תושבים, יונג און אַלט פון אַלע געגענטער, וואָס ברענגען אַריין די אויסגעפולטע ראפל-בויגנס, בייגעלייגט מיט די באַשטימטע סכומים, מיט וואָס מען האָט די מעגליכקייט אַריינצוגיין אין די טייערע ראַפּעלס, און גלייכצייטיג צו שטיצן די הייליגע צדקה פון כולל שומרי החומות.

דאָס איז אויסער די פילצאָליגע נשים צדקניות וואָס רופן אַריין טעלפאניש, דאָרט אַריינצוגעבן זייערע ראַפּעל-באַשטעלונגען, און צאָלן מיט א קרעדיט קאַרד, און אַזוי ווערט די איצטיגע צייט שטאַרק אויסגענוצט אויף החזקת צדקת רבי מאיר בעל הנס, ובפרט זיך אָנצושליסן מיט רעגעלמעסיגע שטיצע יעדן ערב שבת, דורכ'ן איבערגעבן די נויטיגע אינפאָרמאַציע, צו קענען אַראָפּרעכענען יעדן ערב שבת א באַשטימטן סכום לכבוד הדלקת נר שבת קודש, ווי עס איז געווען דער מנהג ישראל אין אַלע דורות.

גלייכצייטיג ווערט די צייט אויסגענוצט דורך א צאָל חשוב'ע משפּחות וואָס אָרגאַניזירן ספּעציעלע "פרויען פּאַרטיס" ביי זיך אין שטוב, וואָס ברענגט אַריין באַדייטנדע סכומים לטובת די הייליגע צדקה, ובפרט לטובת די הונדערטער אלמנות ויתומים וואָס ווערן רעגלמעסיג געשטיצט דורכ'ן קרן אלמנות פון רבי מאיר בעל הנס כולל שומרי החומות.

דער ענד-טערמין דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט, און עס איז ראַטזאַם אַז די אַלע וואָס ווילן אַריינגיין אינעם אָקשן, זאלן וואָס פריער אַריינרופן אָדער אַריבערקומען איבערגעבן זייערע ראפל-בויגנס, אַזוי צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז מ'זאָל קענען אַריינלייגן יעדן ראפל-בויגן מיט די פּונקטליכע פאַרלאַנגן.

עס איז זיכער אַז די סגולה פון "אלקא דמאיר עננו" געווינט יעדער פון די משתתפים מיט סיי וועלכן סכום, געהאָלפן צו ווערן מיט אַלע ישועות און הצלחות מיט וואָס צדקת רבי מאיר בעל הנס איז באַקאַנט פון אַלע דורות.

אט דער ביהמ"ד "בית יעקב", וועלכע איז געגרינדעט געווארן דורך א גרופע תושבי השכונה, מיט'ן ציל צו האבן אן ערליכער ווינקל וואו מען זאל זיך צוזאמקומען לתורה ותפלה בשבת אחים גם, מיט א ווארימקייט און א ברידערליכקייט.

## ואחריתך ישגה מאוד

די אלע פלאגענישן און שוועריגקייטן וואס די תושבי השכונה זענען אריבער האט זיך ב"ה אויסגעצאלט פי כמה, מיט דעם וואס דער געגנט איז זיך הערליך צעוואקסן מיט נאך פילע ערליכע היימישע פאמיליעס וואס האבן זיך דארט אריינגעצויגן. מיט'ן וואוקס פונעם געגנט איז מיטגעוואקסן די צאל מתפללים אין ביהמ"ד בית יעקב, און האלט שוין היינט צוטאגס ב"ה ביי צענדליגע מתפללים מדי שבוע בשבוע ומדי שבת בשבתו.

דער ביהמ"ד איז א ווארימער חסידישער ווינקל וואו א דאווענען ווערט אפגעראכטן מיט א פייער און א ברען. דער ביהמ"ד ווירבלט מיט לומדי תורה. אין איין ווינקל זאגט א איד תהלים ווען אינעם צווייטן ווינקל לערנט א חברותא חומש-רש"י און א דריטער לערנט א שיעור אין גמרא.

דער ביהמ"ד ווערט געפירט תחת הנהגתו והדרכתו פונעם רב השכונה הגה"צ רבי שלום יוסף יאזעפאוויטש שליט"א, וועלכער קומט יעדע שטיק צייט אפרעכטן א תפלה אין ביהמ"ד און האלט דרשות מזמן לזמן. מען רופט כסדר בארימטע משפיעים און בעלי דרשנים מפורסמים וועלכע שיינען אריין א ליכטיגקייט אין די מתפללים און שענקען עמערס מלא חיזוק והתחזקות בעבודות ה'.

## בונים ביהמ"ד חדש לה'

מיט די כסדר'דיגע בליה און וואוקס פונעם געגנט בליעה"ר האט די הנהלת הביהמ"ד איינגעזען אז מען מוז דראמאטיש אויסברייטערן דעם ביהמ"ד, כדי צו קענען אקאמאדירן פרישע מתפללים און פרישע קינדערלעך וואס הייבן אן קומען מיט די עלטערן אין ביהמ"ד.

אין לויף פונעם פארלאפענעם יאר איז אריינגעלייגט געווארן גרויסע כוחות אהערצושטעלן א פראכטפולע סקיצע מיט טאקטישע פלענער פון דעם הערליכן און פרעכטיגן נייעם בנין הביהמ"ד. אין לויף ענדע זומער תשפ"ג האט מען אונטערגענומען די פאקטישע בוי ארבעט צו בויען און אהערשטעלן דעם נייעם ביהמ"ד. ברוב חסדי המקום איז דער ארבעט געגאנגען ווי געפלאנט און מען האט עס מצליח געווען צו עפענען אין א מזל'דיגע שעה, לשמחת לב כל תושבי השכונה וכל המתפללים.

ברוב חסדי ה' האט מען טאקע באוויזן צו באנייען דעם נייעם ביהמ"ד, פארט אבער איז נאך פארבליבן א ריזן סכום פון שווערע געלטער וואס דארף געדעקט ווערן כדי צו קענען באצאלן די עושי המלאכה, און דערצו פעלט זיך נאך אויס פרישע געלטער צו קענען געניצליך ערגענצן און ענדיגן דעם בנין הביהמ"ד מיט אלע פיטשעווקעס און צוגעהערן ווי עס פאסט זיך פאר א ביהמ"ד אין דעם הערליכן געגנט, כדי עס זאל זיין כליל בהדרה לשם ולתפארת.

## השלם זה הבנין

אצינד ווערט אונטערגענומען דעם השלם זה הבנין קאמפיין, וואס וועט לויפן עטליכע טעג. דער קאמפיין וועט זיך אנהייבן מיט א א גראנדיעזע רייכע מסיבת מלוה מלכה וואס וועט פארקומען די וואך מוצש"ק פ' משפטים, טאקע אינעם היכל הביהמ"ד, און דערנאך וועט דער קאמפיין פארזעצן נאך עטליכע טעג, צו געבן א געלעגנהייט פאר די תושבי העיר זיך אנצושליסן מיט א ווארעם הארץ, און דערביי נעמען א חלק אין תורה, עבודה, גמילת חסדים און אלע הייליגע פראיעקטן וואס קומען ארויס פון דעם ביהמ"ד.

**יעדער נעמט א חלק!!! יעדער שליסט זיך אן מיט גרויס סכומים!!!**



# א בליק אריין
# אין היכל הכולל
## כולל תורה ויראה דרב"י סאטמאר אנטווערפען

**דער תורה פעסטונג פון צענדליגע רבנים ולומדים מופלגים וואס זענען זיך ממית באהלה של תורה מדי יום ביומו**

הערליכע תורה פעסטונג וואס באלייכט די שטאט אנטווערפן | צענדליגע תלמידי חכמים מופלגים הארעווען על התורה ועל העבודה בין כותלי הכולל | היכל הכולל המפואר "היכל יואל" על שם דעם אומפארגעסליכן חבר הנהלת הכולל הרה"ח ר' יואל טירנויער ע"ה | סאטמארער כולל דער פאן טרעגער פון תלמידי רביה"ק מסאטמאר אין שטאט | געטרייע ראשי הכולל געבן זיך איבער בלב ונפש פאר יעדן לומד וצורב | פון די איינציגסטע סאטמארע כוללים איבער די וועלט וואס געניסט נישט פון קיין רעגירונגס פראגראמען | כולל האלט זיך אויס בלויז דורך די שטיצע פון תלמידי וחסידי סאטמאר ברחבי תבל

מסיבה רבתי פאררופן

דורך

**הרה"ח ר' שרגא פאזען שליט"א**

בבית אביו הרבני הבלתי נשכח הרה"ח אברהם יעקב פאזען ז"ל - מגדולי עסקני ותומכי כוללינו

**ב' תרומה - ג' אדר א' תשפ"ד הבעל"ט**

פון אלע סאטמארע כוללים איבער די וועלט שטארצט ארויס דער כולל אין אנטווערפן, א מקום תורה וואס איז א חידוש מיט אירע איינגארטיגע מעלות, און די זעלבע צייט איר איינגארטיגע בודזשעט, וואס טרעפן ביידע נישט צופיל אין דעם גאטונג.

דער כולל איז א הערליכע תורה פעסטונג, ווי אן אינזל אינעם ברויזנדן ים, טאקע אין דעם ציוניסטישן שטאט אנטווערפען, וואס שטורעמט מיט אלערליי אנשויאונגען און פראפעגאנדע פון די 'חרדישע' ציוניסטישע גאס. דער כולל איז היינט צוטאגס די שפיגעלע פון סאטמאר אין אנטווערפען, דער סאמע אינזל וואו היימישע לומדים וצורבים טרעפן א ווארעם ווינקל, אנצוגיין מיט דעם אויסגעטראטענעם דרך התורה והמסורה, מיט'ן ריינעם אמונה בביאת המשיח און התרחקות פון אלע נגעי הציונות און זייערע נאכפאלגער.

דאס איז די שפיגעלע פון קהל יטב לב ד'סאטמאר אין אנטווערפען, וואו עס ווערן אויפגעשטעלט יראים ושלמים, תלמידי חכמים מובהקים, בעלי בתים נכבדים, מורי הוראה ומרביצי תורה, וואס וועלן פארשיינען די קהילה קדושה בפרט און שטאט אנטווערפען בכלל מיט זייער כח התורה והיראה, און אויפציען דורות נאמנים יראים ושלמים לה' ולתורתו.

ווען מען רעדט פונעם כולל קען נישט אויסגעלאזט ווערן דער לאנגיעריגן ידיד הכולל הרה"ח ר' **אברהם יעקב פאזען** ע"ה, וועלכער איז דורכאויס אלע יארן זינט די כולל איז געגרינדעט געווארן, געשטאנען צו הילף מיט אן אויסטערלישע געטריישאפט, זייענדיג דער 'איש אשר רוח בו', און האט פיל געלייסטעט און געשאפן גאר גרויסע סכומים למען החזקת הכולל.

אחד היה אברה"ם וואס איז געשטאנען ווי א רוקן-ביין ארויסצוהעלפן הנהלת הכולל אויף טריט און שריט, וואוסנדיג אפצושאצן דעם הערליכן מקום תורה. נאכאנאנד איז ער אנגעגאנגען אין די עבודת הקודש מיט זיין געוואלדיגן ברען און ליבשאפט צו לומדי תורה. אין צוגאב זיין געהויבענע כאראקטער זייענדיג אן אמת'ער עובד ה' וואס האט אויסגענוצט יעדן מינוט פון טאג פאר תורה ועבודה, ארבעט און עסקנות אלעס האט געטראגן דעם זעלבן ציל, אויפצוהייבן כבוד שמים וכבוד התורה. געגנוי ווי זיין שטייגער ארויסצוגיין פון וועג צו העלפן סיי וועלכע איד אין יעדן מצב, האט ער פילפאכיג מער זיך אוועקגעגעבן בלב ונפש ווען עס איז געקומען אין הייבן דעם כח התורה בקרב כוללינו המפוארה.

די הייליגע ארבעט איז אנגעגאנגען ביז צום סוף, ווען ער איז ליידער פריצייטיג נפטר געווארן אין די שווערע קאראנע תקופה ה"י. עס איז זיכער אז די אלע זכותים באגלייטן אים אויבן אין הימל, בגן עדן העליון מנוחתו, יהא זכרו ברוך.

ומעשה אבות סימן לבנים - ווערט די גרויסע פעולות לטובה פארגעזעצט דורך בנו החשוב הרה"ח ר' שרגא שליט"א, וואס האט גענומען אויף זיך אצוהאלטן די החזקת התורה, און רעכט אפ ווי יאר יערליך דער 'מסיבה של מצוה' קומענדיגן מאנטיג תרומה הבעל"ט בבית אמו החשובה שתחי' אויף 5 טעילאר קט. וואו תושבי קרית יואל וועלן שטראמען אין די מאסן אנטייל צו נעמען אין די הרמת כח התורה אויף א ברייטן פארנעם.

דער שם טוב פונעם כולל איז טאקע ווייט נישט קיין סוד, פונדערנאנט און די ווייט הערט מען איבער די געוואלדיגע כח התורה וואס קאנצענטרירט זיך ביני עמודי דגירסא, צווישן די ווענט פונעם כולל, וואו עס לערנען צענדליגע תלמידי חכמים מופלגים און זענען קונה מקצוע נאך מקצוע מיט א געוואלדיגע קלארקייט און בהירות.

אבער אינו דומה שמיעה לראיה, ווען מען כאפט א בליק אין דעם פראכטפולן היכל דערקענט זיך דער כבוד התורה מיט'ן פולן פראכט, דער ערהאבענער בילד ווי צענדליגע צענדליגע לומדים זיצן אויסגע'שורה'ט און הארעווען אויף סימנים אין שולחן ערוך, בלעטער גמרא, מיט א קול תורה וואס דונערט אפ, און פארשפרייט זיך ווייט ארויס פון די גרעניצן פון כולל, איז עפעס וואס דערקוויקט און איז מחיה יעדן באזוכער אין כולל.

מיט א בליק טיפער אין כולל באגעגענט מען זיך מיט דעם באגאבטן ראש הכולל הרה"ח רבי יואל הכהן שווארץ שליט"א וואס איז פקיע שמיה מיט זיין געוואלדיגע בקיאות און בהירות אין יעדע מקצוע, זיין אייגנארטיגע צוגאנג און עבודה רבה וואס ער לייגט אריין אינעם כולל. און לידו שטייט דער געטרייער ראש החבורה הרה"ג ר' אברהם שלמה פאדווא שליט"א, וואס אינאיינעם פארמירן זיי דעם זעלטענעם הארמאניע און אויסגערופענע כח התורה אינערהאלב דעם כולל, מיט זייער געוואלדיגע קלארקייט אין יעדע מקצוע; די יסודות און געלונגענער מהלך הלימוד; די הערליכע שיעורים; ועל כולם זייער איבערגעגעבנקייט און געפיהל פאר יעדן לומד עקסטער, דאס אלעס הייבט אויף די חשוב'ע לומדים, און ברענגט זיי נענטער צום שימוש והוראה הלכה למעשה.

במשך די יארן האט דער כולל שוין ארויסגעגעבן הערליכע פירות, רבנים ומורי הוראה, מגידי שיעור ומרביצי תורה, בעלי בתים נכבדים יראים ושלמים, וועלכע זענען שיינענדע דימאנטן אין די סאטמארע קהילה אין אנטווערפען, זיי טראגן ווייטער מיט שטאלץ דעם הייליגן חותם פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע וואס על שמו ווערט די כולל גערופן "כולל תורה ויראה דרבינו יואל", דאס איז דער פלאץ וואו מען גייט אן מיט זיינע הייליגע דרכים וואו ער האט אונז געלערנט בחיים חיותו.

מטעם הנהלת הכולל ווערט נישט געשפארט קיין געלט, צייט, כח און מח, צו צושטעלן אלע צרכי הכולל פאר די חשוב'ע לומדים, זיי זאלן קענען זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת און שטייגן על התורה ועל העבודה, כאטש וואס די בודזשעט שטייגט כסדר צו אסטראנאמישער ציפערן, אזעלכע וואס קענען נישט געדעקט ווערן פון דעם לאקאלן ציבור ידידי ומוקירי הכולל, עס פארלאנגט זיך ארומצופארן איבער די וועלט לענגערע תקופות, צוזאמצושטעלן גרעסערע סכומים פון סאטמארע חסידים אומעטום. דאך ווערט מען זיך קיינמאל נישט אפשטעלן ווען עס קומט צו הייבן דעם כח התורה, מיט איבערמענטשליכע כוחות ווערט מען טוען אלעס אין די וועלט, אז דער הערליכע מקום תורה זאל ווייטער פונקציאנירן און זיין מוסיף והולך.

אנדערש איז דער אנטווערפענער כולל פון סיי וואו, ווען יעדע פרוטה וואס ווערט באצאלט פאר די חשוב'ע לומדים, איז אויסשליסליך פון הארציגע נדבות וואס ווערן ערהאלטן דורך מוקירי תורה ולומדיה, עס איז נישט דא קיין רעגירונגס פראגראמען, קאלעדזש פראגרעמס, און פארשידענע אנדערע הכנסות וואס ווערן גענוצט אין אלגעמיין, יעדע חודש הייבט מען אן פון פריש צוזאמצושטעלן דעם גרויסן בודזשעט, אלעס פון נדבות וואס ידידי ותומכי הכולל ברענגען אריין.

אין די לעצטע תקופה זינט עס איז

אריין אין קראפט דער גלאבאלער אינפלאציע, וואס האט דראסטיש געהויבן די הוצאות אומעטום, און דערקענט זיך אויך גאר שטארק אין אנטווערפען, ווען דער יקרות איז געשטיגן מיט הויכע ציפערן, האט הנהלת הכולל גענומען אויף זיך א פרישע אסטראנאמישע בודזשעט פון נאך שווערע טויזנטער יורא יערליך, נעמליך צו העכערן די תמיכות פון די רבני ולומדי הכולל, מיט א הוספה חשובה פון אריבער 60 פראצענט! נעמענדיג אין באטראכט די מאגערע געהאלט וואס האט שוין ביז יעצט ווייט נישט געקלעקט פאר א לומד הכולל צו דעקן זיין חודש, זיכער יעצט ווען די פרייזן זענען געשפרונגען פילע שטאפלען אויפאמאל, איז דאס ממש א הכרח, זיי זאלן קענען פארזעצן די לימודים מיט הרחבת הדעת, און נישט ווערן דערשטיקט אונטער א לאסט פון חובות ח"ו.

באזונדער האט מען צוגעלייגט פרישע הוספות צו מוטיגן די חשוב'ע לומדים, זיך צו פארהערן אויף מקצועות און תוכן הלימודים בעל פה, מען צאלט צו גאר שיינע סכומים פאר אלע נבחנים, און דער תועלת דערקענט זיך גאר שטארק.

אינערהאלב הנהלת הכולל שפירט זיך דער "ויחד יתרו"; פון איין זייט איז דער שמחה אויסטערליש, זעענדיג די הצלחה און בליה פונעם כולל, מען זעט באשיינפערליך ווי די איכות איז געשטיגן פילפאכיג אין די לעצטע צווי-דריי יאר, די אלע הוספות און געטרייע ארבעט פון די ראשי הכולל, האבן געהויבן די הצלחה אויף גאר א שטארקן פארנעם.

בלויז אין די לעצטע יאר האבן זיך די לומדי הכולל געשטעלט צום פארהער אויף גאנץ הלכות טהרה ביי הגאוה"צ רבני העיר שליט"א, פארלאפענעם חודש ניסן הבעל"ט, א צווייטע חבורה גייט זיך יעצט פארהערן גאנץ הלכות יום טוב, וואס מען האט געלערנט בעיון רב פון די גמרא ביז צום הלכה למעשה דורכאויס די פארלאפענע צוויי יאר. מטעם הנהלת הכולל ווערט פארגעשלאגן א עקסטערע הוספה פון 1000 יורא פאר אלע חשוב'ע נבחנים, א זאך וואס געבט צו אויסטערלישע חיזוק און מוט אנצוגיין מיט די חזרות אויף די קאמפליצירטע יסודות'דיגע הלכות.

צווישן די כולל ווענט דערקענט זיך שוין דעם התרגשות צום בעפארשטייענדן מעמד אדיר ונשגב "לרומם כח התורה", וואו עס וועט געפראוועט ווערן א הערליכער סיום אויף די פילע מקצועות וואס זענען פארהערט געווארן דורכאויס די פארלאפענע יאר און במשך דעם היי-יעריגן ווינטער זמן.

אבער פון די אנדערע זייט, האט אויך דער שוין-ביז-יעצטיגע אומדערטרעגליכע בודזשעט זיך דראסטיש געהויבן. אויב האט מען אין די פארגאנגענהייט געשוויצט און געארבעט איבער אלע כוחות צו זען דעם חודש געדעקט, איז עס יעצט געקומען צו א שטאפל וואס מען קען פשוט נישט! עס איז נישט מעגליך זיך צו דעקן אליינס! מיר מוזן צוקומען צו פרישע הוספות פון אחים לדעה ברחבי תבל, מוקירי ומחזיקי תורה, וואס פארשטייען די חשיבות פון אזא הערליכן מקום תורה, און וועלן אין צוגאב צו די יערליכע נדבות, צולייגן פרישע הוספות, אז דער כולל זאל אויך קענען שטיין אין די הוספות.

אין פאקט הערט מען צוריק פון די גליקליכע שותפים וואס האבן זיך איינגעקויפט די זכותים נצחיים פון החזקת התורה, איבער זייער געוואלדיגע הצלחה דורכאויס דעם יאר, עס זעט זיך באשיינפערליך אן ווי די תורה הק' בלייבט נישט שולדיג פאר אירע שותפים, זי באצאלט צוריק בכפל כפליים, גענוי ווי דער הייליגער אוחה"ק זי"ע שרייבט אין פרשת וזאת הברכה, אז דער פסוק זאגט פאר זבולון, וואס ער שטיצט דעם תלמיד חכם ולומד תורה "בודאי שתצליח" - עס איז זיכער אז דו וועסט מצליח זיין, די גרעסטע זכותים און השפעות קומט דורך שטיצן תורה הק'.

יעדער איד האפט און קוקט ארויס אויף לעכטיג אידיש נחת, דאס איז דאך דער ציל און וואונטש פון יעדע טאטע און מאמע, געוויס איז דער בעסטע און ריכטיגסטע מיטל זוכה צו זיין דערצו, דורך שטיצן די לומדי תורה, ווי חז"ל זאגן אונז (שבת כג:) "דרחים רבנן הוו ליה בנין רבנן, דמוקיר רבנן הוו ליה חתנוותא רבנן, דדחיל מרבנן הוא גופיה הוי צורבא מרבנן". עס איז זיכער אז מיט'ן קויפן א זכות שותפות מיט די לומדי תורה, וועט דאס ברענגען די געוואונטשענע רעזולטאטן צו זען אליינס אסאך תענוג ונחת דקדושה פון די אייגענע קינדער, און עפענען די אויערן אין הימל פאר אלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

**שאו ידיכם קודש למען החזקת מבצר התורה כוללינו המפוארה!**


בס"ד

הזמנה חשובה

הננו מתכבדים בזה להזמין את כל הקהל הקודש שיחי'
לבוא להשתתף אצל מעמד החזקת התורה

מסיבת
"ברוך אשר יקים"
לטובת

כולל תורה ויראה
דסאטמאר אנטווערפן
הנודע בשמה הטוב ובצל כנפי' יחסיון
כחמישים אברכים יקרים
הלומדים בהתמדה רבה ומתעלים ביגיעת התורה לאסוקי
שמעתתא אליבא דהילכתא, והמפורסמת אין צריך ראי'

שתתקיים בעז"ה
ביום
ב' תרומה
ג' אדר א' תשפ"ד
בבית אמי מורתי שתחי'
5 Taylor Court
בשעה 7:00

המסיבה מוקדש
לע"נ אבי מורי הרה"ח ר' אברהם יעקב
בהרה"ח ר' פינחס יהודה ז"ל

שעמד לימין הכולל במסירות נפלאה
ומדי שנה בשנה עשה את ביתו בית ועד לחכמים
וערך מסיבה של מצוה להחזקת הכולל,

ואבקש מכל אהובי ורעי ומוקירי זכרו
להשתתף בגוף ובממון לעשות נייחא ועילוי לנשמתו במרומים

המחכה לקבל פניכם למען המצוה כי רבה היא

שרגא פאזען

# גרויס שפאנונג הערשט אין בעפארגרייטונג צום יערליכן חיים מעדיקל קאמפיין "קעגן אלע אויסזיכטן"

**ווען די דאקטורים געבן שוין אויף טוט חיים מעדיקל ברענגען האפענונג, ווען די מחלה איז מיסטעריעז און מען קען נישט זאגן וואס דאס איז, ברענגען זיי אראפ די גרעסטע עקספערטן, און ווען מען דארף קאמפליצירטע טריטמענטס ביי וועלט-בארימטע פראפעסיאנאלן, טוט מען דאס אויך ערמעגליכן | חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים**

כלל ישראל גרייט זיך צום בעפארשטייענדן יערליכן קאמפיין פאר חיים מעדיקל ריסארס, וועלכער אנטשפרעכט שטורעמישע און העפטיגע טעג אין וועלכן גאנץ כלל ישראל וועט כאיש אחד בלב אחד, האבן די זכי' אנטיילצונעמען אין די לעבנסוויכטיגע אקטיוויטעטן פון חיים מעדיקל.

חיים מעדיקל איז שוין היינט ברייט בארימט אלס דער ארגאניזאציע בה"א הידועה, צו וועמען יעדער חולה ישראל קען זיך ווענדן און טרעפן אן אפענער טיר. חיים מעדיקל האט נאך זינט איר עקזיסטענץ נישט אפגעזאגט קיין חולה ישראל פון צו געהאלפן ווערן, און טוט אויפהאלטן א שטאב פון נאענט צו הונדערט געטרייע עקספערטן און ארבעטער, וועלכע פארשפרעכן פאר די חולים א שטענדיגע באגלייטונג, ביז צו די סעודת הודאה בסייעתא דשמיא.

נישטא כמעט קיין היימישער איד וואס האט נאכנישט געהערט פון חיים מעדיקל און אירע מורא'דיגע לייסטונגען און קריטישע עבודת הקודש אינעם פעלד פון רפואה און געזונט. גרויסע אלוועלטליכע עקספערטן צו וועלכן מען קען נישט גרייכן אויף קיין פאל, וועלן קומען צו לויפן צו די טעלעפאן רוף פון א חיים מעדיקל איינגעשטעלטער, ווייל אלע ווייסן ווי ערנסט חיים מעדיקל טוט מיינען, דער אפטייטש פון חיים איז לעבן - און דאס איז וואס חיים מעדיקל טוט רעפרעזענטירן מיט גאלדענע שאטנס.

לעבן איז דער טייערסטער ארטיקל וואס דער וועלט קען נאר פרעזענטירן, אפגעזען די חשיבות וואס סיי וועלכע זאך זאל נאר פארשטעלן וועט עס זיין ווי צונישט אנטקעגן דאס ווערד פון לעבן, קיין שום געלט אין דער וועלט איז נישט ווערד מער פון לעבן. די גאנצע תורה רוקט זיך אין א זייט ווען עס קומט צו ראטעווען א אידישע לעבן, טאקע וויבאלד א אידישע לעבן איז ווערד אלעס אין די וועלט.

זינט חיים מעדיקל האט זיך געגרינדעט האט זי זיך געשאפן א ציל צו ראטעווען אידישע לעבנס מיט יעדן מיטל צו זייער דיספאזיציע, זיי האבן זיך נישט באגרעניצט צו קיין שום ראיאן, קהילה, אדער קרענק, נאר זייער ציל איז א שלימות'יגער, ראטעווען אידישע לעבנס.

לעבן איז עפעס וואס נאר דער אויבערשטער גיבט, אבער אז מען מיינט עס ערנסט, און מען טוט, טוט מען עווענטועל אויף, און מיט'ן אויבערשטנס הילף האט שוין חיים מעדיקל געראטעוועט צענדליגער טויזנטער לעבנס אין די לעצטע עטליכע יאר וואס זיי עקזיסטירן.

דער מעדיצינישער וועלט איז א וועלט פון אומזיכערקייט, גאר א קליינער פראצענט קרענק זענען קלאר באשטימט וויאזוי זיי צו קענען דיאגנאזירן און וויאזוי זיי צו קענען העלפן, און אין א יעדע פעלד איז דא א הויפן פון שקלא וטריא'ס און ספיקות צו אלע זייטן, צו טוט מען גוט? צו איז מען ביים ריכטיגן מענטש? און צו ווייסט מען בכלל וואס דער פראבלעם איז.

אין אזא פאל וועט חיים מעדיקל אריינקומען און מיט זייער פראפעסיאנאלע ערפארונג וועלן זיי צוואוויזן דעם באטראפענעם פונקטליך ווי צו גיין, זיי וועלן זיצן און אויסאקערן דעם מעדיצינישן פעלד ביז זיי וועלן זיין פולקאם קלאר וואס איז דער פונקטליכער וועג אויך וועלכער דער פאציענט דארף שפאצירן ביז צו זיין ענדגילטיגער רפואה.

חיים מעדיקל צייכנט זיך נישט בלויז אויס מיט'ן ברענגען די אינפארמאציע וואס איז פארהוילן פונעם פשוט'ן מענטש, נאר טיילמאל וועלן זייערע געפינסן זיין חידושים פאר זיך. זיי פארמאגן א באזונדערע אפטיילונג וועלכע גיבט זיך אפ צו אפרעכטן גרונטליכע פארשונגען אין קאמפליצירטע מעדיצינישע פעלער, ווי זיי קומען אויף מיט ארגינעלע לעזונגען וועלכע ברענגען לעבן פאר אחינו בני ישראל הנתונים בצרה.

נאר פון זיך אריינלייגן אין די שיך פון אט די פאמיליעס וועלכע האבן זיך פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן געטראפן פארוויקלט אין א וועלט וואס איז פרעמד און אומהיימליך פאר זיי, ווען צו די זעלבע צייט לויערט די שרעק פון טויט אויף זייערע נאענטע, די צומישעניש וואס נעמט זיי ארום איז ענדלאז.

דאן קומט חיים מעדיקל אריין אין בילד, אנהויבנדיג מיטן צושטעלן א ספעציעלן קעיס מענעדזשער וועלכער גיבט זיך אפ מיט אלע אספעקטן וואס אזא איבערגאנג ברענגט מיט זיך, דער העכסטער פריאריטעט ווערט געלייגט צו טרעפן די ריכטיגע דאקטורים וועלכע וועלן קענען בסייעתא דשמיא צושטעלן די בעסטע באהאנדלונגען פאר'ן פאציענט.

חיים מעדיקל מאכט זיכער אז די פאמיליע און די ארומיגע פילן זיך גענצליך זיכער, וויסנדיג אז זיי זענען אין גוטע הענט, זיי וועלן זיין די גוטע שלוחים צו האקן אויף פארמאכטע טויערן, צוברעכן די העכסטע פענסטער, זיך איינרייסן מיט מאכטפולע אינסטיטוציעס אלעס אז א אידיש קינד זאל באקומען די בעסטע באהאנדלונג וואס עס איז נאר מעגליך.

עס זאגט זיך ווי א פראקטישע פארמולע צו העלפן חולי ישראל, אבער פאר די פאציענטן און זייערע ארומיגע איז דאס א ווענדפונקט, זיי ווערן ארויסגענומען פון א צושטאנד פון הילפלאזיגקייט און צומישעניש און ווערן ארומגענומען מיט ווארימע פארפעסיאנאלן וועלכע מוטיגן זיי דורכאויס דעם גאנצן וועג.



אזא אפאראט קומט נישט פון זיך אליינס, און טאקע דערפאר וועט חיים מעדיקל אפערירן ווי א פולקאמע פאבריק, אפערירנדיג אויף דריי לאקאציעס, דריי און צוואנציג אפטיילונגען, באלד הונדערט איינגעשטעלטע וועלכע ארבעטן פיר און צוואנציג שעה א טאג פאר חולי ישראל, ווען צווישן זיי ציילן זיך א רייע פון פראפעסיאנאלן וועלכע חיים מעדיקל האלט אויף ספעציעל פארן צוועק פון ראטעווען אידישע לעבנס.

חיים מעדיקל איז היינט דער ערשטער אדרעס ווען א ביטערע בשורה ווערט געבראכן ל"ע, ליידער האט די ארגאניזאציע געדארפט אויפנעמען אזויפיל ווי דריי הונדערט טויזנט טעלפאן רופן, און באהאנדלט ניינצן טויזנט אינדיווידואלע פעלער פון חולי ישראל וועלכע זענען אריבער מעדיצינישע איבערגענג אונטער זייער באגלייטונג.

טאקע דערפאר ווען חיים מעדיקל קומט ארויס רופן פאר הילף פון אחינו בני ישראל, איז געלט נישט קיין טעמע, לעבן וועגט איבער אלעס, און אז חיים מעדיקל שטייט אין די פראנט ליניעס פאר חולי ישראל, איז קיין צווייפל אז כלל ישראל וועט אנטקעגן קומען און ערמעגליכן פאר חיים מעדיקל צו ברענגען נאך לעבן צו אידישע שטובער.

חיים מעדיקל אנטשפרעכט הילף און ישועה העכער אלע אויסזיכטן, און יעצט וועט כלל ישראל טון דאס מאקסימום פאר חולי ישראל, און ענטפערן א הילכיגער "יא!" צו די קריטישע און הייליגע ארגאניזאציע וועלכער האט זיך געמאכט א ציל נישט צו לאזן קיין שום חולה ישראל אליינס אויפן וואסער.

כלל ישראל איז פאראייניגט צו ארויסהעלפן חיים מעדיקאל דערגרייכן זייער ציל אז די ארגאניזאציע זאל קענען אנגיין, תשפ"ג אליינס האט שוין די ארגאניזאציע אפגעקאסט באלד ניין מיליאן און א גרעסער טייל ווערט געשאפן פון נדיבים בעם, אבער אצינד איז די צייט פאר כלל ישראל אונטערצולייגן א פלייצע פאר חולי ישראל און זייער פארטרעטער.

ווי דער קאמפיין לויטעט וועט כלל ישראל העלפן חיים מעדיקאל גיין "אנטקעגן אלע אויסזיכטן" און מיט די ניין מיליאן דאלאר איבערדרייען אידישע שטובער מאפילה לאורה, ערמעגליכנדיג פאר זיי צו קענען צושטעלן פאר די חולים דאס בעסטע און דאס שענסטע, ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד, און בזכות זה וועלן מיר זיכער זיין אפגעהיטן אז מיר וועלן נישט דארפן קיינמאל צוקומען צו ארגאניזאציעס פון דעם סארט, ואית מאן דפרע בגופא ואית מאן דפרע בממונא.


ב"ה
על הצדיקים ועל החסידים
בית יעקב נחמי'
לקדושים אשר בארץ המה
בשבת אחים יחד באי ומתפללי ולומדי
בית מדרשינו בית יעקב נחמי'
בראשות הגה"צ הרום"ץ שליט"א
נסיעה רוממה
לקברי צדיקים בארצות אייראפע
ושבת המתאחדת נועם הנשמות
הנה מה טוב ומה נעים שב"ת אחים

# מאסן תושבי העיר זענען מחזק דעם כבוד התורה בעירינו ביי סוקסעספולע מסיבה לטובת ישיבה גדולה ד'בלומינגראוו

## צוזאמלויף פון איבער דער גאנצער שטאט אויפצונעמען בכבוד הראוי הגאון הגדול רבי אליהו בער וואכטפויגל שליט"א, וואס האט זיך מטריח געווען אראפצוקומען און אויפטרעטן לטובת הישיבה | הערליכע סכומים אדירים אויפגעטריבן פאר די הצלחה פון די הערליכע מקום תורה אז עס זאל קענען בליען און וואקסן לתפארת עירינו

קרית יואל. - מאסן תושבי קרית יואל האבן געשטראמט במשך עטליכע שעה פארגאנגענעם ליל שישי פר' יתרו ארויסצואווייזן די ווארימסטע געפילן פון אהבת התורה און כבוד פאר לומדי תורה, ביי די ספעציעלע מסיבה נהדרה וואס איז אפגעראכטן געווארן לטובת די שוין-היינט בארימטע ליטווישע ישיבה, וואס געפינט זיך אין די גרעניצן פון אונזער הייליג שטאט קרית יואל, פארשפרייטנדיג אן אור און קדושה איבער דער גאנצער שטאט.

דער ציבור האט זיך גאר ווארעם משתתף געווען בגוף, בנפש ובממון, כדי צו פארזיכערן אז די הייליגע ישיבה האט אלע מעגליכקייטן אנצוגיין ביתר שאת ועוז, און מעמיד זיין תלמידים הגונים לתפארת בית ישראל, און אז דער געהויבענער ראש ישיבה שליט"א זאל האבן די ישוב הדעת און מנוחת הנפש צו קענען מרביץ תורה זיין אומגעשטערט און נישט דארפן זיין פארנומען ארומצוקלעטערן און טראגן אויף זיך דעם שווערן פינאנציעלן עול פונעם טאג-טעגליכן בודזשעט.

די מסיבה איז פאררופן געווארן דורך א קבוצה פון תושבי קרית יואל וועלכע זענען נאנט פארבינדן מיט די ישיבה, צי זייענדיג א שכן טוב צו די ישיבה וואס איז קווארטירט אינעם געגנט פון וואשינגטאנוויל אינעם טאון-אוו-בלומינגראוו, צי ווייל זיי זעצן זיך צומאל אריין לערנען אינעם היכל הישיבה, געניסנדיג פונעם ברענעדיגן קול תורה וואס דינערט כמעט 24 שעה א טאג.

ווי עס איז שוין באקאנט געווארן זענען דא מערערע חסיד'ישע אינגעלייט מתושבי עירינו וועלכע פארברענגען דארט עטליכע שעה אין טאג. זיי רייסן זיך אוועק פון דער וועלט און שווימען אריין אינעם ים התלמוד, ווען די פייערדיגע אטמאספערע פון לימוד התורה נעמט זיי ארום און העלפט זיי לערנען בהתמדה פאר לאנגע שעות אן אפשטעל.

די היימישע אינגעלייט דערציילן אז טראץ מען רעדט טאקע פון א ישיבה אויפ'ן דרך פון די יוצאי ליטא, איז עס אויסדרוקליך נישט קיין סתירה מיט'ן היימישן, חסיד'ישן לעבנסשטייגער, ווייל דער ראש הישיבה און די תלמידים שעצן גאר שטארק דעם חסיד'ישן ציבור און אט דאס איז טאקע געווען פון די הויפט סיבות פארוואס די ישיבה האט דירעקט געזוכט אזא פלאץ, כדי צו נשפע ווערן פונעם פלאם און פשרה'לאזע אידישקייט פונעם היימישן, חסיד'ישן ציבור.

דער צוועק פון די מסיבה איז געווען אראפצושטעלן א פעסטע, פינאנציעלע יסוד פאר די הצלחת הישיבה, ווייל ווי פארשטענדליך קאסט אפ גרויסע געלטער אויפצוהאלטן די ישיבה און די שכר לימוד וואס די עלטערן צאלן דעקט נאך ווייט נישט די גרויסע הוצאות. די ישיבה באקומט נישט קיין שום רעגירונגס פאנדן און אלס רעזולטאט מוטשעט מען זיך גאר שטארק צו דעקן דעם חודש'ליכן בודזשעט, בפרט ווען מען האט זיך לעצטנס אריינגעצויגן אינעם נייעם קאמפלעקס וואס האט אפגעקאסט אסטראנאמישע סכומים.

פאר'ן זעלבן צוועק זענען שוין אפגעראכטן געווארן א רייע מסיבות און באנקעטן אין אנדערע היימישע מקומות, פון לעיקוואד ביז מאנסי און לאס-אנדזשעלעס, אנצושליסן אידן וועלכע האבן א שייכות און געפיל צו דער ישיבה מיט שיינע נתינות אויפצוהאלטן דעם מקום תורה, וואס בלויז דער יערליכע דעפיציט שטייט ביי א פאנטאסטישן סכום פון צוויי הונדערט און פופציג טויזנט דאלאר.

אצינד איז געקומען די רייע אויף תושבי קרית יואל וועלכע האבן טאקע ארויסגעוויזן זייער געוואלדיגע אהבת התורה און מדת החסד מיט די שענסטע קאלירן און מחזק געווען די הייליגע ישיבה און דעם געטרייען ראש הישיבה און די גאנצע שטאב פון חשוב'ע מרביצי תורה.

אידן האבן זיך אנגעשטרענגט צו נעמען אויף זיך א חלק שותפות אין די הייליגע ישיבה, דורכ'ן אפקויפן איינס פון די זכותי הפטרונים פאר א חודש, טאג, וואך וכדומה, און דערמיט גענומען אויף זיך א חלק פון די געוואלדיגע זכותים אדירים וועלכע שטראמען ארויס טאג טעגליך מבין כותלי הישיבה.

ספעציעל האט ארויסגערופן א געוואלדיגע ערנסטקייט און התרגשות דאס ערשיינונג פון זקן ראשי הישיבות הגאון הגדול רבי אליהו בער וואכטפויגל שליט"א, ראש ישיבת זכרון משה אין סאוט פאלסבורג, וועלכער האט זיך מטריח געווען בטירחא דגופא אראפצוקומען קיין קרית יואל און מחזק זיין די הייליגע ישיבה וואס איז אזוי קרוב ללבו, און אנווארימען די הערצער פון תושבי העיר צו אנטקעגנקומען די הנהלת הישיבה מיט די שטערקסטע חיזוק און התחזקות.

דער ראש הישיבה שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט אויסנאם-ווארימע דיבורים, וואס האט באנומען אלע אנוועזענדע, ארויסברענגענדיג זיין פערזענליכן שייכות מיט'ן חשוב'ן ראש ישיבה הרב מונק שליט"א, וועלכער געניסט פון אויסערגעווענליכע הערצה פון די גדולי ראשי הישיבות אין אמעריקע.

אשרינו תושבי קרית יואל וועלכע האבן אויסגעדרוקט און דעמאנסטרירט זייער ווארימקייט פאר די תורה הק' און לומדי תורה, וואס איז געווען די שענסטע הכנת צו קבלת התורה דעם שבת קודש, און תושבי העיר קוקן ארויס אויף די ווייטערדיגע הצלחה פון די הייליגע ישיבה בעיר ה' שמה, אלס א הערליכן שטיינדל אינעם קרוין פון אונזער הייליג שטאט עד ביאת הגואל.



הגאון רבי אליהו בער וואכטפויגל שליט"א ר"י סאוט פאלסבורג ביי זיין אויפטריט לטובת הישיבה


דער ציבור פילט איבער קרן ויואל משה ביי דער מסיבה פאריגן דאנערשטאג נאכט לטובת ישיבה גדולה ד'בלומינגראוו


דער ראש ישיבה שליט"א נעמט אויף בכבוד הראוי הגאון רבי אליהו בער שליט"א



הרבני הנכבד ר' יקותיאל שווארץ הי"ו ערהאלט הערליכע מתנה און מזכרת פאר זיינע לייסטונגען לטובת הישיבה

ב"ה




בשורה טובה ומרנינה

הננו שמחים בזה לבשר צדק בקהל רב
לכבוד אנשי שלומינו מתפללי בית מדרשינו לקראת

# הנסיעה הרוממה

המתכוננים לנסוע ביחד בשבת אחים גם יחד
בראשות מורינו אלופ לראשינו
הגה"צ דומ"ץ בית מדרשינו שליט"א

שיפאר וירומם הנסיעה והשבת קודש
ונזכה להתענג מנועם זיו אמריו לרומם את לבבותינו
במשך הני ימים הנעלים בשב"ת אחים גם יחד!

ברום יקרת התאחדות יראי ה', בגדלות הצדיקים הקדושים
אשר מפיהם אנו חיים, ובנועם השבת קודש המתאחדת

ובמיוחד נקבל פניו בתודה של המגיד הנפלא
המלהיב לבבות פה מפיק מרגליות המפורסם
הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א
מגיד מישרים

אשר ילהיב וירומם את לבבות כל המשתתפים
בדברותיו המלהיבים לאורך כל הנסיעה ובפרט
במשך השבת קודש נועם הנשמות וחמדת הלבבות

שֵׁם קְנִיַּת
הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ!

ויתענגו בו כל ישרי לב!

פאָלגט נאָך!
דעם פולשטענדיגן
אויסגעאַרבעטן
רייכן סדר
הנסיעה
והשב"ק
מיט בעלי דרשנים
ומגידים מפורסמים
וואָס אַנטשפּרעכט בעז"ה אַ
הערליכע רוחניות'דיגע הנאה
הנה ימים באים!...



## אין ברען פון לימוד מס' חולין

חבורת
לומדי
ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון החבורה
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

# איבערראשונג פאר לומדי זכרו ש"ס

הנהלת החבורה וועט בעז"ה שענקן

# $100 באנוס

**ווען איר נעמט די קומענדיגע 2 בחינות, בחינה ו' א' ויקהל - בחינה ז' א' תזריע**

בנוסף צו די געווענליכע מתן שכרה בצדה פאר יעדע בחינה

**בנדבת הרבני הנגיד המרומם אוהב תורה ומכבד לומדי מוה"ר אברהם בנימין קרויס הי"ו פטרון החבורה**

## פארפאסט בחינות? הייבט אהן פריש!

**נעמט די קומענדיגע צוויי בחינות באַקומט די הוספה מתן שכרה**

געשמאַק. הנאה'דיג. זיס. מלא סיפוק.

**היינט דאנערשטאג משפטים הייבט מען אהן א נייע פרק, פרק כיסוי הדם, כאפט אייך יעצט מיט, ועלמך תראה בחייך**

זכרו
• תורת מש"ה •
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

# לוח הלימודים
## פרשת תרומה

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | פד. | פא: | עד. |
| יום ב' | פד: | פא. | עד: |
| יום ג' | פה. | פב: | עה. |
| יום ד' | פה: | פב. | עה: |
| יום ה' | פו. | פג: | עו. |

**בחינה ו' במס' חולין • יום א' פ' ויקהל**
לימודי החודש: פ"א. - צ: - חזרת החודש: ס"ט. - פ

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | ק"ד | א - ב | א - ג |
| יום ב' | ס' | ג | ד - ו |
| יום ג' | ק"ד | א | א - ג |
| יום ד' | ס' | ב - ד | ד - ה |
| יום ה' | ק"ה | א | א - ב |

**בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' תרומה**
לימודי החודש: מסימן צ"ב עד אחר סימן ק"ה
חזרת החודש: מסימן פ"ט עד אחר סימן צ"א

SPONSORED BY:

PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS,
OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010

יש שכר לפעולתיך:

# ווערדפולע 'געז קארטלעך' גרייכט פאסט קעסטלעך פון צענדליגער 'בעלי חסד' זוכים בגורל פון די 'היטשט און געווינט' ווינטער קאמפיין

## אומגלויבליך: נאנט צו 2,500 'חסד טריפס' אין די לעצטע פינף וואכן זינט די היטש קאמפיין

קרית יואל. - אלפי תושבי קרית יואל לעבן מיט א פולקאמע אויפוואכונג וואס זעצט פאר אין אלע שטאט ווינקלען ביי יעדן קארנער און אינטערסעקשאן, אויפצוהייבן דעם פאן פון חסד, מיט'ן פארמערן דאס געבן היטשעס און דערמיט דראסטיש רעדוצירן דאס ווארטן אויפ'ן גאס פון הונדערטער בני תורה און אנדערע וועלכע האבן נישט קיין קארס.

ווי מאטאריסטן זעען מיט די אייגענע אויגן האט מען ווי אפגעליידיגט די היטש צענטערן. מען זעט א גאר שטארקע שניט און 'היטש ווארטן' ווען עס נעמט בלויז עטליכע קורצע מינוט און וואוילע אידן ריכטיגע 'בעלי חסד' שטעלן זיך אפ אויפצונעמען און אפצופירן אידן נענטער צו זייער דעסטינאציע.

אינאיינעם מיט'ן אויפוואכונג איז דאס געקומען באגלייט אונטערן סלאגאן פון 'היטשט און געווינט' צו פאראייניגן 1,000'ער דרייווער זיך אנצושליסן אלס 'חסד' וואלונטירן. מיט ווערדפולע געווינסן דורך א פראקטישע סיסטעם ווי אזוי צו ווערן ערמעגליכט צו זיין א זוכה בגורל.

דורכאויס די לעצטע וואכן זינט די קאמפיין אויפוואכונג איז שוין געמאלדן געווארן 25 געווינער וועלכע האבן געהאט די געלעגנהייט צו גיין צום געז פאמפ און בחינם זיך אנפילן דעם געז טאנק מיט פרישע ענערגיע ווייטער פארצוזעצן מיט די חסד רייזעס מקצה העיר ועד קצה העיר.

אין די יעצטיגע טעג נאכן אויסארבעטן א פראקטישע אופן אפצוגעבן די געווינסן פאר די בעלי חסד צו קענען גיין צו סיי וועלכע געז סטאנציע לויט די אייגענע באקוועמליכקייט איז אויסגעארבעט געווארן א צוגאנג פון איינקויפן און אפשיקן דירעקט אהיים צום בעל חסד א ווערדפולע 'געז קארטל' לויט וויפיל ווערד ס'קאסט אנצופילן דעם 'חסד קאר' וואס מאכט גאר גרינג פאר'ן בעל חסד נישט צו דארפן אראפקומען אפנעמען, אדער דארפן זיין געבינדן דירעקט צו א סטאנציע פון דארט אפצונעמען. מיט'ן געז קארטל קען מען גיין צו סיי וועלכע סטאנציע און אפנעמען א פרישע קוואל ענערגיע פארצוזעצן מיט די מעשי חסד.

טראץ ווי ארגינעל געמאלדן האט געזאלט געצויגן ווערן וועכנטליך 'איין געווינער' אבער די אפקלאנג פון אידן וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אינעם קאמפיין. וועלכע האט ערקלערט אז זיי ווילן האבן א חלק אינעם ריזיגן זיכוי הרבים. און גרויסע פירמעס האבן געספאנסערט די וועכנטליכע 'היטש קאמפיין' האט דאס ערמעגליכט צו קענען אויסברייטערן די געווינער באזע און ציען א וועכנטליכע ציפער פון 5 זוכים בגורל.

צווישן די פילע פירמעס וועלכע האבן ביז יעצט גענומען אן אקטיווע חלק אינעם קאמפיין, האט זיך אנגעזען די בארימטע 'פראו דעקס' פירמע וועלכע בויעט פילע באלקאנען איבער די שטאט. און גלייכצייטיג איז זי אצינד געווען דער נחשון צו בויען חסד אין שטאט ביי יעדן קארנער און אינטערסעקשאן.

דער צווייטע ספאנסער איז געווען די בארימטע 'מענס קארנער' געשעפט וואס שטייט שוין יארן אין די ליין פון 'אנווארימען' אידן מיט פאסיגע ווינטער מלבושים און אצינד האט די פירמע אויסגעשפרייט זייער מאטאוואציע אנצוואורימען אידן דורך פארמערן און דערהייבן דאס ענין פון געבן היטשעס.

די דריטע וואך איז געספאנסערט געווארן דורך די פראפעסיאנאלע 'קוויק פיקס' פירמע וועלכע איז דא צו סערווירן יעדע סארט עקוויפמענט פון אפלייענסעס, פרידזש, וואש מאשין, דיש וואשער, און האט א גאלדענע רעקארד צו סערווירן תושבי העיר מיט שנעלע סערוויס, און האט אויך יעצט צום קאמפיין גענומען דעם זעלבן ציל צו ברענגען א 'קוויק פיקס' אין שטאט צו פאררעכטן די צובראכענע היטש סיסטעם און דאס צוריק מאכן ארבעטן ביתר שאת ויתר עוז.

די פערטע וואך איז געספאנסערט געווארן דורך די פארוואלונג פון 'סאטמאר פלייש' וועלכע שטעלט אלעס אהער אויפ'ן העכסטן סטאנדארט אין יעדן געביט און אספעקט. פון רויע ביז פארטיגע עסן. פיש און פלייש, און יעדע געברויך ווען ס'קומט צו א שמחת וואכנאכט, ברית, אדער סיי וועלכע קעטערינג געברויך, ביז סעודת שבת אין אלע עקן אמעריקע אפגעליפערט בין יום ללילה, און האט אויך ערקלערט צו ברענגען א טויש אינעם היטש סיסטעם פאר'ן וואוילזיין פון אירע קליענטן אלפי תושבי העיר און גלייכצייטיג צו האלטן די בוטשער אינטערסעקשאן ליידיג פון היטש ווארטענדע וואס ברענגט צו נאך פארקינג צום בוטשער...

אידן זענען נתבעים ונותנים. אידן געבן אוועק פון זיך אלעס. איבערהויפט ווען עס איז די רעדע פון קרית יואל וועלכע האט 'אויסגעטרעטן דעם וועג' אויף פילע פראנטן ריכטיגע פיאנערן ווען ס'קומט צו חסד האט ווי ערווארטעט אזא חסד פראיעקט תיכף אנגעשלאסן טויזנטער דרייווער.

אצינד שטייענדיג פינף וואכן אריין אינעם קאמפיין לאזט זיך זאגן מיטן ריכטיגן שטאלץ 'עיר החסד קרית יואל', ווען עס טוט זיך בלויז פארברייטערן די באזע פון חסד וואלונטירן וועלכע שטעלן זיך אפ און נעמען אויף אנדערע אידן צו גרייכן זייערע צילן.






'היטשט' און 'געווינט'
קרית יואל חסד ווינטער קאמפיין
845.288.3880

# טראַנספּאָרטאַציע 'סעיפטי מיטינג' אָפּגעהאַלטן אין בלומינג גראָוו

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג ליל שישי פרשת יתרו, איז פּאָרגעקומען אַ וויכטיגע טראנספאטאציע זיכערהייט זיצונג, אינאיינעם מיט די מענעדזשמענט פון די דרכי יושר באס פירמע, וואס פּאַרפיגט אויף די טראנספארטאציע פון די מוסדות התורה פאר תושבי בלומינג גראוו און די ארומיגע געגנטער, ווי סמיט-גארדענס, וואודבארי דזשאנקשאן, קאנטרי האלאו און נאך.

די זיצונג איז פּאָרגעקומען אין די יו. דזשעי. סי. אָפּיסעס אין בלומינג גראָוו, מיט דער באַטייליגונג די באס דרייווערס פון די "דרכי יושר" באס פירמע, די בלומינג גראָוו ווילעדזש באאמטע און ווי אויך די ווילעדזש און מאנראו פאליציי אגענטורן און דער מאנראו מעיאר ניעל דווייער, וועלכער איז גאר אקטיוו אויף די טאג-טעגליכע טראנספארטאציע פראצעדור, צו פאַרזיכערן די זיכערהייט פון די באסעס און קינדער.

דורכאויס אַ לענגערע צייט האָט מען ביי דעם זיצונג אויסגעשמועסט אַ רייע פון סעיפטי לעזונגען און מעטאָדן וואָס איז וויכטיג צו אימפלעמענטירן ווען מען פאָרט מיט די קינדער פון און צו די מוסדות התורה אין קרית יואל. ס'איז דוסקוטירט געוואָרן פארשידענע קאמפלעינטס און וויאזוי מען קען פארבעסערן די ראוטס און קאמיוניקאציע סיי צווישן די באס פירמע און די מוסדות און סיי מיט די עלטערן און די קינדער, צו די באקוועמליכקייט פון אַלעמען.

די זיצונג איז געקרוינט געוואָרן מיט ערפאָלג און ס'איז באַשטימט געוואָרן אַז אַזעלכע מיטינגען וועלן אפטער פּאָרקומען, כדי צו פאַרזיכערן דאָס מאַקסימום סעיפטי פאר די צאן קדשים, וה' ישמור צאתנו ובואינו, לשמרך בכל דרכיך!



# מתפללי ביהמ"ד בית יעקב נחמי' גרייטן זיך מיט רגשי קודש צו "נסיעה רוממה לקברי צדיקים"

מיט הייליגע געפילן גרייטן זיך אַ גרויסער ציבור, באַי בית ה' ומתפללי בית המדרש בית יעקב נחמי' דקהל יטב לב, זיך צו אָנשליסן אין דער געהויבענער "נסיעה רוממה", וואָס ווערט פּאָרקומען אין די נאָענטע וואָכן, צו פּוקד זיין די ציונים הק' פון תלמידי בעש"ט הק' אין אייראָפּע און אויס'פועל'ן ישועות און רפואות פאַר'ן גאַנצן כלל ישראל, ויושר יליצו בעדינו חיות אש.




לויט די פּלענער וועט מען אי"ה אַרויספאָרן פון ניו יאָרק מיטוואָך נאַכט פרשת פקודי, און מען וועט פּוקד זיין די ציונים הקדושים פון ליזענסק, צאַנז, קערעסטיר, אוהעל, ראַצפערט, ליסקא און קאַלוב. אויף שב"ק וועט מען ווײַלן אין קערעסטיר, און מען וועט צוריקפליען קיין ניו יאָרק אום זונטאָג ויקרא מיטאָג.

מטעם הנהלת בית המדרש איז געמאָלדן געוואָרן אז די גאַנצע נסיעה וועט באַשיינט ווערן דורך הגה"צ דומ"ץ בית המדרש שליט"א, וועלכער וועט מיטהאַלטן בראש פון דער גאנצער נסיעה און דעם שב"ק, און דער ציבור וועט נהנה זיין מנועם זיו אמריו איבער דאָס גרויסקייט פון די הייליגע צדיקים וקדושים אשר מפיהם אנו חיים.

אַ ספּעציעלע התרגשות האָט אַרויסגערופן די מודעה אַז די נסיעה וועט אויך באַגלייט ווערן דורך דעם באַקאַנטן מגיד משרים, הרה"ג רבי לייבוש דייטש שליט"א, משפיע רוחני במבצרי ישיבתינו הק', וואָס וועט מלהיב זיין די הערצער מיט זיין באַקאַנטן כח לעורר לבבות ישראל לאביהם שבשמים דורכאויס די גאַנצע נסיעה, ובפרט ביי די ציונים הק' און במשך דעם שב"ק אין דער שטאָט קערעסטיר.

אין די קומענדיגע טעג וועט נתפרסם ווערן נאָך פרטים איבער דעם געהויבענעם סדר השב"ק וואָס וועט ווערן אָנגעפירט דורך בעלי דרשנים און מגידים מפורסמים און אַנטשפּרעכט בעז"ה אַ הערליכע רוחניות'דיגע הנאה פאר אַלע באַטייליגטע.

די גאַנצע נסיעה וועט ווערן צוגעשטעלט, פון אָנהויב ביז'ן סוף, אויף אַ באַקוועמען שטייגער, מיט אַלע צוגעהערן ובשבת אחים ברוב פאר והדר, אַז מ'זאָל טאַקע קענען פּוקד זיין די ציונים הק' מיט ישוב הדעת און פועל'ן ישועות ורפואות פאר זיך און פאַר כלל ישראל, און פראַווען דעם שבת נועם הנשמות מיט אַ דערהויבנקייט.

ס'איז שוין פאַקטיש פאָרמירט געוואָרן אַ וועד פון בעלי בתים און אברכים וואָס האָבן זיך אַריינגעלייגט מיט שטאַרקע כוחות אָנצופירן מיט אַלע דעטאַלן אַרום די נסיעה. פאר אַלע דעטאַלן פון רעגיסטראַציע קען מען זיך מעלדן צו מו"ה אשר לעמיל ראזענצווייג הי"ו, מחשובי עסקני הביהמ"ד.

**לקדושים אשר בארץ המה!**


בעלי חסד
זוכים בגורל

פרשת יתרו:

NEW YORK *** 4366 EXCELSIOR
זיך נאכנישט געמאלדן

NEW YORK *** 2349 EXCELSIOR
ר' אשר יוסף דאסקאל

NEW YORK *** 9136 EXCELSIOR
ר' יואל מיללער

NEW YORK *** 7344 EXCELSIOR
ר' יעקב יצחק גאלד

NEW YORK *** 8518 EXCELSIOR
ר' עזריאל חיים פעלדמאן

ספאנסאר פון פרשת יתרו:

סאטמאר פל"ש

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

בס"ד

ראש חדש אדר א'...
יהי' ביום השישי
ולמחרתו ביום השבת

די מולד וועט זיין...

געדענקט:
'ראש חודש געלט' פארן חינוך פון אייער קינד!

שיקט אַ טיפ דורכ'ן
הקשר טעלע סיסטעם!

845 378.4080

הקשר "טיפ" ליין

חיים שתהא בנו אהבת
תורה ויראת שמים....

# הגאון הצדיק רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א חבר ביד"צ וועט וויילן בקרב העיר אויף שבת פ' משפטים הבעל"ט

## תפילות און של"ס אין ביהמ"ד הגדול דקהל חרדים ד'סאטמאר

דעם קומענדיגן שבת קודש פרשת משפטים, וועט די שטאָט קרית יואל האָבן די זכי' צו אַנטפאַנגען רב האי גאון וצדיק, הגה"צ רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א, חבר הביד"צ ד'סאַטמאַר ורב דביהמ"ד מכלל יופי, וועלכער וועט שובת זיין את שבתו בקרב עירינו להשפיע מאור תורתו וצדקתו.

דער דיין שליט"א קומט אויף דער איינלאַדונג פון די הנהלת ביהמ"ד דקהל חרדים ד'סאטמאר, צו פראַוועגען דעם שבת בקרב הקהילה, וואו ער וועט ווערן אויפגענומען בכבוד ובהערצה.

די תפילות שבת קודש און של"ס וועט אפגעראכטן ווערן אין ביהמ"ד הגדול ד'קהל חרדים, וואו דער דיין שליט"א וועט מאציל זיין מהודו מיט די וואַרימע תפלות שב"ק, און איבערהויפט דער סעודת רעוא דרעוין, ווען פילע תושבי הקרי' הצמאים לדבר ה', וועלן קומען מיטהאַלטן און הערן די דברי תורה פונעם גרויסן גאַסט. דער דיין שליט"א וועט משמיע זיין דברי התעוררות פאַר'ן ציבור און מעורר זיין לבבן של ישראל לתשובה ולתיקון המעשים, ספעציעל אין די וואָכן פון די ימי השובבי"ם וועלכע זענען שטאַרק מסוגל דערויף.

**לקראת שבת לכו ונלכה!**

# דערהויבענער באַזוך אין שטאָט דורך כ"ק אדמו"ר מזידיטשויב פרעמיסלא שליט"א

דעם פאַרגאַנגענעם דינסטאג פרשת בא האט מען אַנטפאַנגען דאָ אין שטאָט, כ"ק הגה"צ רבי צבי הירש פיש שליט"א, אדמו"ר מזידיטשויב פרעמיסלא, וועלכער האָט משמיע געווען אַ לענגערע שמועס בההתעוררות והתחזקות אין דעם באַרימטן "כולל חצות" וואָס איז סטאַנציאָנירט אין דעם פרעכטיגן בית המדרש ראדאשיץ אין קרית יואל.

דער געהויבענער באַזוך פון דעם רבי'ן שליט"א איז געווען לרגל די הנחת תפילין פון די חתני הבר מצוה, בן הרב שמואל שפיטצער שליט"א נשיא ביהמ"ד ראדאשיץ, און בן הרב דוד יהודה הענדלער שליט"א, מחשובי רבני כולל חצות. און דער באַזוך האָט ווירקליך אַריינגעבלאָזן אַ פרישע גייסט פון התעלות בתורה וביראת"ש ביי די בני הכולל ושומעי לקחו.

**יראת ה' אלמדכם!**



# דאַטום פון פּובליק הירינג נאָכנישט באַשטימט אַנבאַלאַנגט וואַסער און סוער פּערמיטן אין צוקונפטיגע "שכונת דברי חיים"

ס'איז שוין אַ לענגערע צייט וואָס די ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו איז אַקטיוו אין אַ פאַרצווייגטן פּראָיעקט צו איבערנעמען די וואַסער - געבענטשטע קוועלער וועלכע געפינען זיך אויף דעם גרויסן שטח פון די באַקאַנטע "שכונת דברי חיים" (קלאוו-וואוד) דעוועלאָפּמענט, וואָס וועט האָפנטליך ברענגען אַ פרישע שפע פון מיליאָנען גאַלאָנען וואַסער פאר דעם גאַנצן ווילעדזש.

אין די לעצטע תקופה האָט מען זיך גערוקט ביז צו דעם לעצטן שטאַפּל, ווען מען דאַרף בלויז באַקומען די "פיינעל וואסער און סוער אפראוועל" פון די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטל דעפארטמענט (DEC), און באַלד דערנאָך קען מען פאַקטיש אינסטאָלירן די גיגאַנטישע וואַסער "פייפּס" ביי די קוועלער און צוטרעטן צום אויפבוי פון דעם גרויסאַרטיגן דעוועלאָפּמענט.

דעם פאַרגאַנגענעם נאָוועמבער למספרם האָט די 'די.אי.סי.' טאַקע געגעבן א "דרעפט פערמיט" פאר דעם פּראָיעקט, מיט אַ נאָטיץ אַז די 'דרעפט' וועט פאַרבלייבן אָפן במשך דרייסיג טאג, כדי צו געבן אַ געלעגענהייט פאַר'ן פּובליקום זיך צו לאָזן הערן מיט באַמערקונגען און קאָמענטאַרן איבער דעם פּראָיעקט.

צום באַדויערן האָבן פאַרשידענע העסליכע עלעמענטן, מערסטנס וועלכע זענען ניטאַמאָל איינוואוינער אין דעם ווילעדזש, אַריינגעשיקט פילע בריוו און קאָמענטאַרן, וואָס אין רעזולטאַט האָט די 'די. אי. סי.' פארלענגערט די "קאמענט פעריאד" ביז צו דעם פארגאנגענעם יאנואר 5 און דאַן, שוין נאָכדעם וואָס די "קאמענט פּעריאד" האט זיך פאַרמאַכט, האָבן זיי געמאָלדן אַז ס'וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ "פּובליק הירינג" אויב מען זאָל באַשטעטיגן די פּערמיטן פאַר'ן שכונת דברי חיים.

דערווייל אָבער, האט די אַגענטור נאָכנישט באשטימט קיין אפיציעלן דאטום פאר דעם "פּובליק הירינג", וואָס דאָס זעלבסט קען זיך פאַרציען אויף אַ לענגערע צייט. די ווילעדזש באַאַמטע זענען דעריבער אַקטיוו צו פאָראויסשטופּן דעם פּראָצעדור אַז די "פּובליק הירינג" זאל שוין טאַקע פאָרקומען ווי אַמשנעלסטן, מיט האפנטליכע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.



# געהויבענער שבת אין ישיבת וויזניץ מיט כ"ק אדמו"ר מוויזניץ וויליאַמסבורג שליט"א

אַ געהויבענער שבת איז געפּראַוועט געוואָרן אין היכל ישיבת וויזניץ, אין בלומינג גראָוו, אינאיינעם מיט מורם ורבם, כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון וויליאַמסבורג, וועלכער האָט געוויילט דאָ לקראת דעם שב"ק קבלת התורה - שבת מברכים.

די תפילות ועריכת השלחנות זענען געפּראַוועט געוואָרן אינעם היכל הישיבה, וואָס איז פאַראיבער מבואו ועד צאתו מיט אַ גרויס ווארימקייט. לכבוד דעם אָנקום פון דעם וויזניצער רבי'ן שליט"א איז דאס וויזשניצער ביהמ"ד אויף דועלק איז געווען פאַרמאַכט, צוליב דעם וואָס די מתפללים האָבן מיטגעהאַלטן דעם געהויבענעם שבת אין היכל הישיבה.

דער שבת קודש מיט'ן וויזשניצער רבי'ן שליט"א אין בלומינג גראָוו האָט איבערגעלאָזט אַ התרוממות הנפש ביי די תלמידי הישיבה און די פילע תושבים וועלכע האָבן זיך אָנגעשעפּט מלא חפניים, מנוחה ושמחה אור ליהודים!

# הונדערטער תושבי העיר מיטגעהאַלטן שבת בצל כ"ק מרן אדמו"ר מתולדות יהודה מסטוטשין שליט"א

פילצאָליגע תושבי העיר, אינאיינעם מיט אַ גרויסער ציבור תלמידי וחסידי תולדות יהודה אויך פון אַנדערע געגנטער, האָבן דעם פאַרלאָפענעם שב"ק פּרשת יתרו קבלת התורה - שבת מברכים מיטגעהאַלטן אַ גאָר דערהויבענעם שב"ק, בצל רבם ומאורם כ"ק אדמו"ר מתולדות יהודה ד'תלמידי סטוטשין שליט"א וועלכע האט געוויילט צוגאַסט דאָ אין שטאָט.

דער גאַנצער סידורו של שבת איז אַריבער מיט אַ געוואַלדיגע דערהויבנקייט. די תפילות ליל שב"ק זענען געווען מיט אַ חסידי'שער ברען, ווען נאָכ'ן דאַווענען האָט הגה"צ שליט"א געמאַכט קידוש ברבים און שפּעטער איז געפּראַוועט געוואָרן די גרויסאַרטיגע באָטע מיט דער באַטייליגונג פון הונדערטער תושבי העיר מבקשי ה' וועלכע האָבן זיך לאַנגע שעות געוואַרימט מיט די הייליגע זמירות בניגונים המקובלים לבית ראפּשיץ - ראַזוואַדאוו - סטיטושין, בהתעוררות להב יקוד אש, און די פייערדיגע דברי תורה וואָס דער רבי שליט"א האָט משמיע געווען ע"פ פרד"ס.

וכמעשהו בליל שב"ק כך מעשהו בצפרא דשבתא ווען די תפלות זענען אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אַ ווארימקייט, בהשתתפות אַ גרויסער ציבור וועלכע זענען געקומען זיך אָנשעפּן מלא חפנים פון די השתפכות הנפש'דיגע תפילות.

דער קלימאַקס פון דעם שב"ק איז געוויס געווען די סעודת רעוא דרעוין ווען הגה"צ שליט"א האָט מאריך געווען בדברי תורה ודברי הדרכה ישרה וויאַזוי זיך צו שטאַרקן בעבודת השי"ת מיט התעוררות לתשובה ולמוסר, בהאי שעתא דבי' רעוא דרעוין.

מוצאי שב"ק איז געפּראַוועט געוואָרן אַ סעודת מלוה דמלכה, און דער געהויבענער שבת איז געקומען צו אַ שלוס, איבערלאָזנדיג אַ טיפע השפעה און גייסטישע הנאה אויף דער גאַנצער שטאָט קרית יואל.

# גייסטרייכע מסיבת מלוה מלכה אָפּגעראָכטן אין שכונת 'טאַון אָוו מאָנראָ'

אין אַ גייסט פון 'שבת אחים גם יחד' האָט אַ שיינער ציבור תושבי שכונת טאַון אָוו מאָנראָ זיך באַטייליגט ביי דעם הערליכן מסיבת מלוה מלכה וואָס איז פאָרגעקומען ברוב פאר והדר, דעם פאַרלאָפענעם מוצש"ק בשלח - שירה, אין דעם בית המדרש המפואר "אור לשמים סטאַוויניץ" אויף די עלדין גאַס, וואָס איז אַ לייכטורעם פאר דער גאַנצער געגנט.

מען האָט דערביי געהערט פאַסיגע דברי תורה פון הרה"ג רב דבית המדרש שליט"א. אויך האָט אויפגעטרעטן הרב שמעון ליבערמאן שליט"א אב"ד בעסערמין און פון הרה"ג ר' יעקב חיים ביער שליט"א אַ חשוב'ער גאַסט פון ארה"ק.

די מלוה מלכה האָט געדינט אַלס יערליכע געלעגענהייט פאַר תושבי השכונה צו מחזק זיין דעם הערליכן מקום תורה ותפלה וואָס איז דער נערוו - צענטער און דער מגדל אור פון דער גאַנצער אומגעגנט, ההולך וגדול מיט אַזאַ פּראַכט לתפארת העיר קרית יואל רבתי.



COLONIAL HOUSE IN VILLAGE OF MONROE

# FOR SALE

**18 Hillside Terrace** Monroe NY 10950

Welcome to 18 Hillside Terrace, Nestled in the heart of the Village of Monroe, where classic charm meets modern luxury. This meticulously updated colonial home sits on a quarter-acre of leveled grounds, showcasing a stunning kitchen with granite countertops and hardwood floors throughout.

◇

Step into 1934 sq. ft. of living space featuring 3 bedrooms and 3 baths, with an emphasis on contemporary design and well-kept finishes. Entertain effortlessly in the fully updated walk-out basement, illuminated by spotlights, or retreat to the fenced backyard with a deck for chic al fresco gatherings.

◇

Practical living is elevated with 4 heating zones, central air, a security system, and a central vacuum cleaner. The 2-car garage and extra storage ensure ample space for convenience.











| | | |
|---|---|---|
| **2,552** square feet | **3** upstairs **1** downstairs bedrooms | **2** car garage |
| **4** heating zones | **Central** air conditioning | **Central** vacuum cleaning |
| **Security system** | **Fireplace** | **Fenced in** back yard |
| **Quartz** counter tops | **Crown molding** all floors | **Brand new** Boiler / Central Air |

**Price: $640,000**

The REALTY BLUE group

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186



מבינים כאפן
ווילאנג ס'נאך דא!
Boro Park
5721 18th Avenue
Monroe
248 Seven Springs Mountain Rd
Williamsburg
575 Kent Avenue
Hours: Sunday - Thursday 2:00pm - 8:30pm
718-2-LERNER

כל הקודם זכה!

די שטאט פארט

# אויף רעדער!

די לאנג ערווארטעטע לערנער שטריימל
שיפמענט איז ענדליך אנגעקומען.

**פראכטפולע רייכע שטריימלעך**
**פאר שטוינענד ביליגע סעיל פרייזן!**

| יום טוב שטריימל | קעניגליכע שטריימל |
|---|---|
| $1,799 | $2,899 |
| REGULAR $2,800 | REGULAR $4,000 |

**זונטאג תרומה** ביז **זונטאג תצוה**

ב׳ אדר א׳ ביז ט׳ אדר א׳

February 11-18

לערנער
שטריימל עד



# תפילות שבת אין די גאַסן פון נייע געגנט רמת בית שמש ד' - נאָך וואָס ציוניסטישע אינסטאַנצן מאַכן חרוב פינף שולן

רמת בית שמש ד' – לב מי לא יכאב. מיט גרויס ווייטאָג האָבן ערליכע אידן אויפגענומען די נייעס, אַז דעם פאַרגאַנגענעם מאנטאָג פרשת בא, אין די פריע פאַרטאָגס שעות, האָבן די רשעי ישראל פון מדינת ישראל חרוב געמאַכט פינף בתי מדרשים אין דער נייער געגנט רמת בית שמש ד' - 4, וועלכע איז באַוואוינט מיט יראי ה' וחושבי שמו איבער אַ יאָר צייט, און ווילן נישט זיי זאָלן האָבן אַ ביהמ"ד און מקוה, וואו זיך צו קענען מטהר ומקדש זיין.

רמה ד' איז אַ נייע געגנט אין בית שמש, וועלכע איז אויפגעבויעט געוואָרן די לעצטע דריי יאָר מיט אַריבער צען טויזנט דירות. רמה ד' איז אַן עיר ואם בישראל פאַר זיך. די גאַנצע געגנט איז צעטיילט אין פיר עקסטערע חלקים: דלת 1, דלת 2, דלת 3, און דלת 4. צוביסלעך ווערט גרייט נאָך און נאָך דירות, וואָס ווערן איבערגעפילט מיט איינוואוינער.

במשך דעם לעצטן יאָר איז די דלת 4 געגנט געוואָרן שטאַרק באַזעצט. עס וואוינען שוין דאָרט כהיום קרוב צו טויזנט משפחות. די תושבי השכונה גייען אבער אדורך דעם 'כל התחלות קשות' מיט דעם וואָס עס איז נישט צוגעשטעלט קיין שום מינימאַלע גשמיות'דיגע געברויכן ווי אַ גראָסערי, באָסעס, סטאַנציעס, וכו'. דאָס ביסל וואָס מען האָט שוין יאָ דאָרט איז געבויעט געוואָרן מיט די געלט פון די תושבי השכונה, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטרענגט אַהערצושטעלן שולן, ועוד ידם נטוי'.

אָבער דער ס"מ איז פאַרשטענדליך נישט צופרידן דערפון. פאַרגאַנגענע וואָך זענען די ציוניסטישע אינסטאַנצן אָנגעקומען מאָנטאָג פרי פאַרטאָגס און אָנגעזייט דאָרט אַ חורבן. מיט אַ שרעקליכן רשעות זענען זיי געקומען מיט אַ טראַקטאָר אָן זיך רעכענען מיט די געפילן פון די פרישע תושבי השכונה, און צעבראָכן די יציקות וואו עס איז געווען אָנגעגרייטע צעמענט גרייט אַרויפצוציען אויף דעם צייטווייליגע קאַראַוואַנען - בתי מדרשים.

אויך די בתי מדרשים וואָס זענען שוין אויפגעבויט ווילן זיי נישט צולאָזן. זיי האָבן אַרויפעלייגט אַ "צו הריסה". מ'מוז דאָס איינוואַרפן ביז די קומענדיגע פאָר וואָכן. היל"ת.

באַזונדער האָט די ציוניסטישע רעגירונג אַראָפּגערופן אין בית משפט די גבאים פון 'בית הכנסת ווילנא', אַ גרעסער ביהמ"ד פאַר די ליטווישע בני תורה אין געגנט. זיי האָבן אויף זיי געלייגט אַ קנס פון אַכציג טויזנט שקל, און געזאָגט אַז זיי האָבן שוין אַ דעטאַלירטן מהלך ווי אַזוי חרוב צו מאַכן די אַלע בתי מדרשים אין דלת 4.

לאור זאת איז אויסגערופן געוואָרן ערב שבת אין אַלע גאַסן אין רמה ד': "לקראת שבת לכו ונלכה", דעם פרייטאָג צונאַכטס וועט מען זיך צוזאַמנעמען אויף אַן עצרת מחאה און תפילת ליל שב"ק בראשות רבני השכונה, "ואהליבה תזעק נשרפו ארמוני!" מוחה זיין קעגן דעם בזיון נורא פון פאַרשוועכן דעם 'בית המקדש מעט', בפרט אין אַזאַ שווערע תקופה וואָס אונזערע ברידער אין אַלע עקן ארץ ישראל זענען אָנגעוואנדן אין תפילות פון אידישע קינדער.

ליל שבת קודש, צוואָנציג מינוט פאַר דער שקיעה, האָט זיך צוזאַמגענומען אַ ריזן ציבור פון איבער צוויי הונדערט אידן, בעיקר פון די ליטווישע קרייזן, צו דאַווענען מנחה און קבלת שבת ברחובה של העיר. עס איז פארגעקומען ביים אַריינגאַנג פונעם דלת 4 געגנט, אויף רחוב רבי יצחק נפחא און רב חלקיה בר טובי.

צום ערשט האָט אויפגעטרעטן איינער פון די חשוב'ע רבנים אין געגנט, הרה"ג ר' אליעזר דוד שפירא שליט"א. ער האָט אַרויסגעברענגט צווישן אַנדערע דאָס רשעות פון די שטאָטישע אינסטאַנצן וואָס קומען און צעברעכן די שולן אפילו ווען מען בעט זיי אַז מיר ווען צענעמען די ווענט, ווילן זיי דייקא שאָדן מאַכן".

נאָך זיין דרשה האָט זיך דער עולם צעשפּרייט אין דריי קבוצות. עס זענען פאָרגעקומען דריי באַזונדערע מנינים מנחה וקבלת שבת, אַ ליטווישע, ספרדישע און חסיד'ישע. יעדער מנין האָט נאָכ'ן דאַווענען געטאַנצט און געזונגען ניגוני שב"ק.

עס האָט זיך נישט ביי דעם אָפּגעשטעלט. די ציוניסטישע אינסטאַנצן זענען ווייטער ממשיך מיטן צענעמען און שטערן די בוי אַרבעט פון די בתי מדרשים. דערווייל זענען די בתי מדרשים צווישן זיי ביהמ"ד אלעסק און אנשי ספרד, אַריבער צו דירות. דאָרט דאַוונט מען צעשטופּט. דער ווילנער ביהמ"ד גייט נאָך אָן מיט אַ פעסטקייט און פאַרגאַנגענעם מיטוואָך בשלח איז דאָרט געעפענט געוואָרן אַ בית הוראה שטיבל.

**ואהי להם למקדש מעט!**







# שטורמישע הפגנות און עקשנות'דיגע מסירות נפש האַלט אָפּ ניוול המת אין ארה"ק

## שפּאַנענדע געשיכטע פול מיט השגחה פרטית וועלכע האָט באַגלייט פון אָנהייב ביז צום סוף למעלה מדרך הטבע

ירושלים. – פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג פרשת בשלח האָבן די רשעים אין ארה"ק געוואָלט ר"ל מנוול זיין אַ נישט-געזונט מיידל וועלכע איז ל"ע נפטר געוואָרן אין אַ ספּעציעלן הילפס מוסד. טראָצדעם וואָס דער קאַמף צו באַפרייען דעם גוף האָט אויסגעזען אַ פאַרלוירענע, מען האָט נישט קיין אויסזיכטן צו טוישן די רוע הגזירה, האָט דער קומץ אחד פון מסירת נפש באַוויזן צו צעטראַסקען די כוחות הטומאה.

די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן אין די ליל שישי שטונדן, ווען אידישע הערצער זענען צעטרייסלט געוואָרן הערנדיג די בשורה קשה ומרה איבער אַ אידישע טאכטער וועלכע איז ל"ע נפטר געוואָרן, און די רשעים האָבן מחליט געווען איר מנוול צו זיין ר"ל. זיי האָבן איר שוין אפילו אָפּגעפירט אין דעם טרויעריג באַרימטן פּאַטאַלאָגישן צענטער "אבו כביר" צו קענען דורכפירן ניוול המת רח"ל.

אַן עקסטערע סייעתא דשמיא האָט באַגלייט די מערכה פון דער ערשטער מינוט, ווייל דער מוסד וואו דאָס מיידל איז געווען ביז איר פטירה האָט געשלעפּט זייער לאַנג, אויף אַ מוגזמ'דיגן אופן, מיט'ן מסדר זיין אַלע פּאַפּירן און דאָקומענטן.

אַזוי איז אויסגעקומען אַז נאָכדעם וואָס זיי האָבן געענדיגט אַלעס מסדר זיין, האָבן די רשעים פאַרשפּעטיגט די צייט, ווען זיי זענען אָנגעקומען אביסל נאָכדעם וואָס די פּאַטאַלאָגן האָבן שוין פאַרלאָזט אבו כביר. אַזוי האָבן זיי שוין נישט געהאַט דאָנערשטאָג ביינאַכט ווער עס זאָל ר"ל שענדן דעם גוף, און האבן באַשלאָסן צו וואַרטן אויף פרייטאָג אינדערפרי.

אינצווישן זענען אַריינגעקומען אין בילד פאַרשידענע אומווירדיגע מענטשן וואָס זענען נישט מסוגל צו סובל זיין קיין שום מלחמה פאַר אמונה. זיי האָבן פּרובירט פאַרהאַנדלען מיט די פּאָליציי און דורכפירן אַ פשרה מ'זאָל נאָר

משמרת חומותינו

דורכפירן אַ 'קליינעם ניוול המת'... אָבער דאָס יהדות החרדית האָט ווי שטענדיג געגעבן צו הערן אַז דאָ גייט מען נישט נאָכגעבן קיין כי הוא זה. מ'וועט טון וואָס מ'קען, און די מערסטע וואָס שייך, נישט צוצולאָזן אַזאַ בזיון המת.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן אַז פון גרויס צעטומלטקייט האָט איינער פון די קרובים פון די נפטרת גע'חתמ'עט אומוויסנדיג אויף אַ דאָקומענט פאַר 'אבו כביר'. זייטיגע עלעמענטן האָבן אים פאַרבלענדט דעם מוח מיט נישט ריכטיגע און נישט תורה'דיגע אינפאָרמאציע. דאָס האָט איבערגעדרייט דאָס בילד מן הקצה אל הקצה. אויב פריער איז געווען גאַנץ שיינע אויסזיכטן צו ראַטעווען איר קערפּער דורך פאַרשידענע טאַקטיקן וואָס מען האָט שוין גענוצט בעבר צו ראַטעווען אין אַזאַ מצב, איז אָבער נאָך דער חתימה געוואָרן פונקט פאַרקערט. עס איז נישט געבליבן קיין שום אויסזיכטן בדרך הטבע צו ראַטעווען דעם קערפּער.

ווען דער קרוב האָט געכאַפּט דעם בראָך, ווי די חתימה האָט פאַרערגערט דעם מצב, איז שוין געווען צו שפּעט. דער מצב האָט אויסגעזען שרעקליך, ביטער און פאַרווייטאָגט. עס איז כמעט נישט געווען שייך צו הייבן דעם מוט פון די וואָס זענען געווען פאַרמישט אין דעם ענין במשך דעם גאַנצן מעת לעת.

אָבער עטליכע חשוב'ע מסירות נפש'דיגע יונגעלייט האָבן זיך צוזאַמגענומען און באַשלאָסן אַרויסצוגיין אויפ'ן פראָנט פאַר יעדן פרייז מיט מסירות נפש, אפילו מ'שפּירט ווי מ'טאַפּט אַ וואַנט.

צום ערשט האָט מען אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ ציבור וואָס זאָל אַרויספאָרן גלייך אינדערפרי פאַרטאָגס, פאָרנט פונעם טרויעריג באַרימטן פּאַטאַלאָגישן צענטער "אבו כביר" אויפצוהייבן דאָרט אַ קול מחאה און מלחמה אדירה. אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך געפּלאַנט אַ פייערדיגע מחאה אין די גאַסן פון ירושלים עיר הקודש.

מ'האָט גערעכנט אַרויסצופאָרן גענוג פרי, כדי מ'זאָל קענען אָניאָגן צו זיין דאָרט פון האַלב זיבן אינדערפרי. למעשה, כאָטש מען האָט געהאַט אָנגעגרייט די רשימה פון די בעלי מסירות נפש פון ירושלים און פון בית שמש, האָט זיך אַביסל פאַרשלעפּט די צייט, און מ'איז ערשט אָנגעקומען דאָרט אַרום האַלב אַכט.

באַלד אין דער ערשטער מינוט האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע קאָכעדיגע קול מחאה אדירה, מען האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאָרנט פון די שערי הגהינום אַליין, און מיט הימלישע כוחות אָנגעהויבן דורכפירן אַ מהומה אויפ'ן ארט. בדרך לא דרך האָבן זיך אַ טייל פון דער ציבור המוחים געטראָפן אינמיטן, ממש אינעווייניג אין דעם 'אבו כביר' צענטער. דער גאַנצער מקום איז ווי פאַרכאַפּט געוואָרן.

די פּאָליציי האָט נישט באַהאַלטן זייער דארשט נאָך אידיש בלוט. מאַסן פון זייערע קרעפטן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אַהין. דורכאויס די מהומות האָבן זיי אַרעסטירט 9 בעלי מסירת נפש. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר שווערע רעגנס, וואָס האָט דורכגעווייקט נאַס די מסי"נ'דיגע מוחים. זיי האָבן מקיים געווען דער "מים רבים לא יכלו לכבות את האהבה" מיט שטאַרקייט.

אַכט אַזייגער, נישט מער ווי אַ האַלבע שעה נאָכדעם וואָס די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט, איז אָנגעקומען אַהין דער ראש הטבחים, דער פּאַטאַלאָג וואָס האָט געדאַרפט רח"ל דורכפירן דעם ניוול המת. ווי ער האָט געזען די גרויסע מהומות אַרום, איז ער מיט אַ שטורעם אַריינגעלאָפן און אויסגערופן: "מען רירט נישט צו דעם קערפּער, די גאַנצע צייט וואָס עס איז דאָ אַ מהומה אויפ'ן אָרט, מיט אלימות" כלשונו.

די סיבה פאַרוואָס ער האָט אַזוי געזאָגט ווייסט איין באַשעפער אין הימל. אָבער דאָס איז דער אומגלויבליכער פאַקט אַז ער האָט זיך אַזוי אויסגעדרוקט און אַזוי באַשלאָסן.

צו באַמערקן, אַז ער האָט שוין געדאַרפט אָנקומען זיבן אַזייגער אויספירן די גרויליגע מיסיע, דערפאַר האָבן די מוחים זיך געגרייט צו זיין דאָרט נאָך פאַר זיבן אַזייגער. למעשה האָט מען זיך אָבער פאַרשפּעטיגט, און ער האָט אויך געשפּעטיגט מיט אַ שעה צייט. ווי ער אַליין האָט מודה געווען האָט אים אַ הימלישער כח אָפּגעהאַלטן פון קומען אין צייט. עס איז נישט קיין ספק אַז דאָס איז אַלץ נאָר אין זכות פון די מוחים, וואָס האָבן זיך געגרייט צו זיין פון די ערשטע מינוט, און מ'האָט זיי פון הימל באַגלייט, אַזוי אַז ווען דער פּאַטאָלאָג איז אָנגעקומען שפּעט, האָט ער שוין געזען ווי דער גאַנצער צענטער גייט אויף רעדער.

די פּאָליציי האָבן טאַקע מחליט געווען אויסצופירן זיין ווילן. זיי האָבן געוואָלט מאַכן ליידיג דעם גאַנצן שטח און זען עס זאָל נישט זיין קיין שום מהומות. ווייל ער זאָגט דאָך אַז ווילאַנג ס'איז דאָ מהומות מיט מעשי אלימות רירט ער נישט צו.

פון יענער מינוט וואָס זיי האָבן מחליט געווען אים צוצושטעלן אַ ליידיגן פּלאַץ ער זאָל דאָרט דורכפירן זיין גרויליגע אַרבעט, האָט זיך דער קאַמף פאַרשטאַרקערט. די פּאָליציי האָט פּרובירט דערווייטערן דעם ציבור און מצד משני ליידיג מאַכן פון אינעווייניג און פון די טירן. דער קאמף פנים אל פנים מיט די כוחות הטומאה האָט געדויערט אַ לאַנגער צייט.

אינצווישן האָבן זיי פּרובירט אָפּנאַרן דעם ציבור מיט פאַרשידענע מהלכים. זיי האָבן פּרובירט זאָגן אַז זיי וועלן באַפרייען דעם קערפּער, אָבער נאָר בתנאי אַז יעדער פאַרלאָזט דאָס אָרט. למעשה איז עס נאָר געווען אַ שפּיל צו קענען מאַכן פריי דאָס אָרט, צופרידנצושטעלן דעם פּאַטאַלאָג. ברוב סייעתא דשמיא האָט מען זיך נישט געלאָזט. מ'איז דאָרט געבליבן קעמפן על פי הוראת די לאַנגיעריגע געטרייע עסקנים, וואָס רעדן זיך דורך מיט'ן דעת תורה על כל צעד ושעל.

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ גרויסער ציבור פון מקדשי שם שמים אין ירושלים עיה"ק. די שווערע שלאַקס רעגנס און די פּראָסטיגע וועטער האָט זיי אויך נישט אָפּגעהאלטן. מ'איז אַרויס מיט אַ קול מחאה וזעקה אדירה אין די הויפּט גאַס פון יחזקאל, זיך אַראָפּגעזעצט אין גאַס. פון מינוט צו מינוט איז דאָס אָרט געוואָרן שוואַרצער פון די מאַסן וואָס האָבן געשטראָמט אַהין. אויך זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן די הודעות פאַר'ן ציבור צו קומען נעמען אַנטייל לבוא לעזרת ה' בגבורים.

צו מסביר זיין דעם המשך ההשתלשלות













משמרת חומתינו

איז נישט פונקט אינטערעסאַנט. עס פאָדערט זיך נישט מסביר צו זיין ווער עס האָט זיך געבראָכן פריער, די פּאָליציי וואָס האָבן געזען אַז דער קאַמף איז נאָר אַן אָנהייב, צי גאָר די פּאַטאָלאָגישע רוצחים וואָס האָבן געזען אַז די מהומות און מעשי אלימות, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן, נעמט נישט קיין עק. איין זאַך איז זיכער אַז מען רעדט פון אַ מציאות וואָס האָט נישט קיין שום הסבר בדרך הטבע, עס איז געשען פלוצלינג, אומגלויבליך.

טראָצדעם וואָס אַלעס איז שוין געווען גרייט, די דאָקומענטן זענען שוין געווען גע'חתמ'ט, דער קערפּער איז געלעגן אונטער זייערע הענט, זיי האָבן געקענט טון ככל העולה על רוחם, האָבן זיי פלוצלינג אויסגערופן אַז זיי הייבן הענט, זיי רירן נישט צו, זיי טוען גארנישט, אפילו פונדרויסן רירן זיי נישט צו דעם קערפּער. זיי האָבן געלאָזט רופן אַנדערע מענטשן פון דרויסנדיג אינסטאַנצן צו טון דעם פשוט'ן פּראָצעדור.

עס איז נישט שייך צו שילדערן דער קידוש שם שמים וואָס האָט זיך געשפּירט אויפ'ן אָרט, אונטער די שווערע רעגנס וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון איין מינוט אויפן צווייטן.

פון אינעווייניג איז אַרויסגעקומען עמיצער וואָס טראָגט אַ געוויסן פּאָליטישן אַמט אין יענער געגנט. די מוחים האָבן אים געזען אַריינגיין און אַרויסגיין עטליכע מאָל. לענגאויס די גאַנצע צייט האָט מען נישט געוואוסט גענוי וואָס ער טוט דאָרטן, מ'האָט זיך געהיטן צו שטיין ווייט פון אים און זיך נישט פארבינדן מיט אים לטוב ולמוטב, אָבער נאָך וואָס דער קאָשמאַר איז אַריבער, און די בשורה טובה איז אַריבער פון מויל צו אויער, האָט מען פלוצלינג געזען ווי ער קומט אַנטקעגן די בעלי מסירות נפש און רופט זיך אָן:

"איר האַלט דאָך מיט, מ'האָט יעצט באפרייט די אידישע טאָכטער, איך וואונדערט זיך ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, ווער האָט געארבעט פארדעם און אין וועמענס זכות דאָס איז?". דער ציבור איז געווען זיכער אַז ער גייט אויסרעכענען אַ ליסטע פון פּאָליטישאָנס וכדומה. אָבער צו אַלעמענס שטוינונג פירט ער אויס: "זאָלט איר וויסן אַז נאָר אייער געוואַגטע מסירת נפש און מלחמה האָבן צוגעברענגט צו אַזאַ זאַך וואָס האָט נישט אויסגעזען בכלל, עס זאָל קענען זיין".

דאָ לייגט ער צו: "איך ווייס נישט פארוואס דער שר הטבחים האָט מחליט געווען אַז ער רירט זיך נישט צו צום קערפּער כל זמן עס איז דא אלימות. איך ווייס נישט פארוואס די פּאָליציי האָבן מחליט געווען אינמיטן צו הייבן הענט. איך קען אייך אָבער יאָ זאָגן. אַז דער פּאַטאַלאָג האָט געדארפט אנקומען היינט זיבן אַזייגער אינדערפרי, אין אַזאַ פאל וואלט איר שוין געהאַט פארשפּעטיגט די גאַנצע זאַך. ווי עס זעט אויס האָט איר געהאַט די עקסטערע סייעתא דשמיא, וואָס באַגלייט אייך שטענדיג אין אַלע מצבים".

יענער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דאָ נאָר ווייטער ממשיך געווען: "מאז ומעולם בין איך געווען פון די וואָס האָבן געהאַסט יעדע מלחמה און יעדן קאַמף פּאַר אידישקייט. איך האָב געלערנט אין אַ געוויסע ישיבה אין ירושלים וואָס אַלע ארום מיר האָבן געוואוסט די זעלבע וואָס מען האלט אונז און איין פיטערן, אַז די מלחמות און הפגנות מאכט נאר קאַליע. אַזוי האָט מען אונז שטענדיג מחנך געווען. איך מוז אייך אָבער זאָגן ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל און אויך נישט דאָס צענטע מאָל וואָס איך האַלט מיט עין בעין, אַז נאָר דער כח פון אייער מסירות נפש איז אַ כח וואָס ברעכט אייזן און קיין שום זאך קען נישט שטיין קעגן דעם. דאָס איז דער איינציגסטער מיטל צו קענען בלייבן לעבן דאָ ווי אידן אין ארה"ק".

פאַרשטייט זיך אַז מיר דאַרפן נישט קיין הסכמות פון די אַלע, און זיכער נישט פון אַזעלכע וואָס האָבן בוגד געווען אין זייער אייגענעם עבר. אָבער מיר האָבן געפילט פאר וויכטיג צו ציטירן זיינע ווערטער, אַרויסצונעמען פון דעם דער פאַקט, אַז אויסער וואָס חז"ל לערנען אונז אַז 'אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל יתייאש מן הרחמים', דארף זיין קלאר וואָס דער כח פון מסירת נפש האָט שוין באַוויזן במשך די אַלע יאָרן.

אין די ערגסטע מצבים, טונקלסטע מציאות'ן, ווען עס זעט אויס אַזוי שוואַרץ, דייקא דאָרטן באַקומט דער כח פון מסירת נפש אַן עקסטערע שטאַרקייט. עס שטעלט זיך אַרויס איינמאָל נאָכן צווייטן, עס איז נישט צו שילדערן די שמחה געפילן פון די אַלע וואָס האָבן געהאַט אַ חלק פון ראַטעווען אַ מת מצוה פון אַזאַ געפערליכן פאַל און געפערליכן עקירת האמונה.

איבערהויפּט איז שווער צו מאַכן אַ סך הכל פון די פילע הויפּנס פון השגחה פרטית וואָס האָט באַגלייט די מעשה נאָך פון דער ערשטער מינוט. דער מוסד האָט געשפּעטיגט מיט'ן אַריבערפירן די דאָקומענטן, אַזוי ווייטער על כל צעד ושעל, לענגאויס דעם גאַנצן מעת לעת, ביז מען האָט זוכה געווען צו ברענגען די נפטרת לקבר ישראל.

מען האָט זיך ווידער איבערגעצייגט אַז דער געוואַלדיגער פייער פון אמונה וואָס פלאקערט אין אידישע הערצער, אָן קיין איבעריגע פּראָפּאַגאַנדע אָן צו וואַרטן אויף איבעריגע הוראות אין אַזעלכע קריטישע מינוטן, איז דער ציבור אַרויס באש ובמים לקדש שם שמים, בלויז למען כבוד שמו הגדול. ברוך ה' 'שומר מצוה לא ידע דבר רע', אַלע ניין ארעסטירטע זענען באַפרייט געוואָרן דעם זעלבן טאָג דורך די השתדלות פון 'וועד למען אסירי ציון', נאָך פאַר'ן זמן קבלת שבת. ולה' הישועה.

**אני מאמין באמונה שלימה, שתהיה תחיית המתים!**

---

למען אסירי ציון לא נחשה:

# שטורמישע מחאות קעגן ארעסט פון ברייט באקאנטער אסיר ציון ר' ישראל אשר ראטמאן הי"ו

## שמאכטעט אין די ציוניסטישע טורמע בעמדו על משמר קדשי ישראל וירושלים עיה"ק

ירושלים. - א ריזיגער ציבור איז ארויסגעגאנגען אויף א פראטעסט אין ירושלים רחוב יחזקאל קעגן דעם פשע מחפיר פון אויפהאלטן דעם אסיר ציון הר"ר ישראל אשר בן מלכה ראטמאן הי"ו וואס ווערט שוין געהאלטן אונטער גראטעס פון די ציוניסטישע טורמעס פאר גאנצע צוויי וואכן.

די רשעים ווילן אים נישט אפלאזן און ווילן אים האלטן אין תפיסה מיט עלילת שווא פאר א לענגערע צייט היל"ת.

די יעצטיגע ארעסט איז אויסער א 3 חדשים אורטייל וואס ער דארף זיצן אין די קומענדיגע תקופה פאר פריערדיגע פראטעסטן אויף רחוב בר אילן קעגן דעם "רכבת הקלה" באן, און אצינד זענען די רשעים פארביסן אים אריינצושליידערן מיט פרישע קלאגעס און בלבולים צו ברעכן זיין מאראל און צוברעכן דעם יהדות החרדית פון פארזעצן על משמר קדושת ירושלים.

דער ציבור איז ארויס מיט א גרויסן שטורעם וואס מען האט שוין לאנג נישט געזען, קעגן די התעללות פון די רעגירונג אויפ'ן אסיר ציון. אין לויף פונעם מחאה האבן די פאליציי ארעסטירט איינע פון די מוחים היקרים, און נאכן זיין באגלייט מיט די נויטיגע יעוץ פון "וועד למען אסירי ציון" איז ער א טאג דערויף ווירקליך באפרייט געווארן.

גלייך פון רחוב יחזקאל פונעם מחאה אדירה קעגן דעם ארעסט פון רבי ישראל אשר בן מלכה ראטמאן הי"ו איז א גרויסער ציבור אריבערגעגאנגען





צום בר אילן גאס וואו עס זעצט פאר די ארבעט אויפצובויען די "רכבת הקלה", דארט אויפן פלאץ האבן די ערליכע אידן אפגעהאלטן בגופם דאס לאזן בויען די שינעס וועלכע זענען דא מיט א ציל פון 'איבערפארן' קדושת ירושלים און דאס מטמא זיין מיטן אנברענגן א פלייץ פון אלע סארט ביליגע עלעמענטן אינעם פלטרין של מלך.

די אראבישע ארבעטער - ווען האט מען צוריק געעפענט די גרעניצן פאר זיי? - האבן פרובירט מיט מכות צו פארטרייבן די ערליכע אידן. פארשטייט זיך אז ווען אראבער שלאגן חרדים פארשטייט יעדער אז דאסמאל באקומען די אראבער די רעכטן... אבער דער ציבור איז געווארן גרעסער און גרעסער און האט דורכגעפירט מחאות כדת של תורה אז מען זאל נישט אריבערפירן דעם באן און בס"ד בזכות מסירות נפש וועלן מיר זען בביטול הגזירה ובביטל מלכות הרשעה.

עסקנים יראי ד' האבן געלאזט הערן אז דער יהדות הגולה דארף אויפגערודערט ווערן קעגן דעם ארעסט פונעם אסיר ציון ר' ישראל אשר בן מלכה ראטמאן, כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

לעבט מיט די באריכטן פון מערכות הקודש אין ארץ ישראל

קול זעקה 605.313.6884

קול האמונה 718.298.4754

מערכת סאטמאר 718.831.7000 #1-1-4

# אויפ'ן שפיץ גאפל



## 'וועד למען אסירי ציון' אויסגעמיטן צוריקקער אין תפיסה פון אסיר ציון רבי יהושע דדון שליט"א

נאך א געריכטליכע זיצונג איז פארגעקומען איבער דעם אסיר ציון רבי יהושע דדון שליט"א וועלכער זיצט יעצט "הויז ארעסט". דאס קומט נאך וואס די ציוניסטישע פאליציי אינסטאנצן האבן פארלאנגט אַז ער זאל צוריק ארייגעשליידערט ווערן אין תפיסה, און נישט זיין בארעכטיגט 'אפצוקומען' מיט הויז ארעסט ווי ביז יעצט.

בחסדי השם האבן די עסקנים פון 'וועד למען אסירי ציון' באוויזן מיט גרויס סייעתא דשמיא אפצואווארפן די קלאגע און ער ווערט נישט צוריק איינגעזעצט אין תפיסה.

דער ציבור איז ווייטער מתפלל אז ער זאל אויך וואס גיכער באפרייט ווערן פון הויז אַרעסט און פון די אנדערע קלאגעס וואס מען באשולדיגט אים, און מען לויבט השי"ת פאר זיינע געוואלדיגע חסדים ביז יעצט.

**אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבי"ת!**

• • •

## ציוני'סטישער 'פּן ירבה' זארגן געהערט ביים 'וועלט עקאנאמיק סאמיט' אין דאוואס שווייץ

וויאר יערליך שפילט זיך אָפּ אַ גרויסע צוזאמפאר פון גרויסע פינאנציעלע קעפ פון איבער די וועלט קיין דאוואס שווייץ צו באהאנדלען 'וועלטס פראבלעמען' אויפן עקאנאמישן פראנט.

דער 'וועלט עקאנאמיק פארום' איז אוועקגעשטעלט געווארן מיט ארום 40 יאר צוריק דורך א דייטשער גוי וואס ציהט יעדע יאר א גרויסע באטייליגונג פון איבער די וועלט.

צווישן די באטייליגטע האט זיך אנגעזען דער הויפט פון די 'ישראל' באנק פון ארץ ישראל וועלכע איז אחראי אהערצושטעלן די פאנדן נענטער צו ברענגען די חרדי'שע און פרייע געזעלשאפט אין די מדינה. און אין א אינטערוויאו מיט די אמעריקאנער פרעסע האט דער הויפט פונעם באנק באווינט אז מען האט פארשפילט אסאך וויכטיגע צייט וואס מען וואלט געקענט מער ארייננשלעפן די ציבור החרדי צום שוק העבודה און האט זיך ברבים געקלאפט 'על חטא' און ער האפט אז מיטן שטארקן כח פון 'תשובה ברבים' וועט ער קענען פארצייט ווערן... און ער האט נאך צולייגט דארט אויפ'ן ארט בפני כל עמים ושרים א שטארקע קבלה על העתיד זיך מער אפצוגעבן דערמיט און ער טענה'ט אז ס'איז נאכנישט פארפאלן.

דאס האט דער פארשוין צו פארקויפן פאר די גרויסע פרעסע ביים וועלט'ס סאמיט. וואס צייגט זייערע גרויסע פלענער וואס וועבט זיי אין קאָפּ, וואס טוען זיי באוויינען, און וואס האפן זיי צו דערגרייכן.

דאס איז אלעס וואס מען הערט פון זיי אליינס אז גארנישט איז נישט וויכטיגער ביי זיי ווי ארייננשמעלצן די חרדים אין די פרייע געזעלשאפט. אין דער צייט וואס די גאנצע אקאמאנאמיע אין מדינת השמד האט געליטן אן ערנסטע גליטש זינט די מלחמה, פארגעסט מען נישט פונעם העכסטן פראיאריטעט 'די חרדים'! און פאר אונז בלייבט איבער ווייטער פארצוזעצן און אנהאלטן די חומת התבדלות ביתר שאת.

אגב, דארט ביים וועלט'ס סאמיט האט אויפגעטרעטן דער נייער פרעזידענט פון ארגענטינא וועלכע האט געלאזט הערן דעם קורצן סטעיטמענט פאר די וועלכע קומען זיך מטכס עצה זיין ווי אזוי צו באהאנדלען די וועלטס פראבלעמען: ענק זענען די פראבלעם און נישט די לעזונג... וואס איז זיכער גילטיג פאר דעם הויפט פון דער באנק פון מדינת ישראל.

• • •

## א פולער טאג פון 'ניין ביז פינף' אינעם לשכת הגיוס; וואס זוכט א בחור גאנצע 8 שעה אין לשכת הגיוס?

אין א פרישע באריכט פון די לשכת הגיוס אויף רחוב רש"י ווערט באקאנט די שרעקליכע באהאנדלונג וואס די רשעים געבן אויסצושטיין פאר די 'מתייצבים', וועלכע שטעלן זיך יא צום לשכת הגיוס.

א בחור איז פארגאנגענע וואך דאנערשטאג בא 9:00 אריין אינעם לשכה. דארט האט ער געדארפט בלויז איבערגעבן עטליכע דאקומענטן כדי צו באשטעטיגן זיין מעמד און זיין פטור פון די מיליטער. זיי האבן אים געהייסן ווארטן אין א צימער נעבן דעם דאקטאר'ס אפיס דארט אין לשכה. ער האט געוואלט געבן די דאקומענטן אבער זיי האבן זיך אנטזאגט דאס צו נעמען אדער אפילו מאכן א קאפי דערפון. ער האט נישט געהאט קיין שום ידיעה בעפאר אז ער דארף זיך טרעפן היינט מיט א דאקטאר. מען האט אים געלאזט ווארטן עטליכע שעה! אויף די פראגע פארוואס זיי נעמען נישט די דאקומענטן האבן זיי געזאגט אז 'באלד' וועט מען עס נעמען.

אינמיטן האָט אן עסקן זיך ארייגעמישט און פארגעהאלטן פארוואס מען נעמט נישט זיינע דאָקומענטן, הערשט דאַן האבן זיי ענדליך מסכים געווען און עס גענומען. שפעטער האט מען זיי געפרעגט פארוואס ס'נעמט אזוי לאַנג, האבן זיי געזאגט אז זיי האבן געשיקט די דאקומענטן פארן דאקטאר און ער האלט עס אינמיטן איבערקוקן. יעדע האלבע שעה ווען מען האט געפרעגט וואו זאכן האלטן האט מען גענטפערט אז 'מ'איז מטפל', 'מ'איז מטפל'...

ווען ס'איז געווארן 2:00 האט דער בחור געוואלט ארויסגיין פון לשכה, אבער זיי האבן אים אפגעהאלטן און געזאגט אז ער מוז זיך צוערשט טרעפן מיט'ן דאקטאר.

נאך לאנג ארומשלעפן האבן זיי אים ארויפגעשיקט צום פערטן שטאק און געזאגט אז 'דארט' וועט ער זיך טרעפן מיטן דאקטאר. אנקומענדיג אויבן האט ער געטראפן א סאלדאט און ער פרעגט וואס טוט זיך מיט'ן דאקטאר. האט דער סאלדאט געזאגט אז קודם דארף מען אים שיקן די דאקומענטן... דער בחור האָט גע'טענה'ט אז מען האט דאס שוין פריער געשיקט. האט דער סאלדאט גענטפערט אז קיינער האט נישט געשיקט דא קיין דאקומענטן און האט אויסגעפירט אז דיין נאמען איז בכלל נישט באצייכנט זיך היינט צו טרעפן מיטן דאקטאר...!!!

למעשה האט דער סאלדאט גענומען די דאקומענטן און אים געהייסן ווארטן נאך לאַנגע שעות ביז ס'איז געווארן 5 אזייגער! דאַן האט מען אים 'באפרייט' פון דארט מיט א גאנצע רשימה פון דאקומענטן וואס ער זאל מיטברענגען כדי זיך צו קענען טרעפן מיטן דאקטאר....

בסך הכל נאכן ווארטן א גאנצן טאג האט מען אים ביינאכט פארשיקט אָן בכלל ערלעדיגן סיי וואָס. ער האט נישט איבערגעגעבן קיין דאקומענטן און נישט זיך געטראפן מיט א דאקטאר.

דאס האט איז איינס פון א רייע אפמוטשענישן וואס די גוזרי גזירה באגייען זיך מיט די בחורים זיי צו אפמאטערן און צו דערנידערן אינעם לשכת הגיוס.

שפעטער האט א עסקן פון 'יד להושיע' זיך פארבינדן מיט אן איינגעשטעלטער אינעם לשכה און געפרעגט: היתכן?! וואס איז פשט פון אויפהאלטן א בחור און אים ארויסשיקן אן גאָרנישט?! איז געקומען דער גלאטער ענטפער 'אזוי ארבעט אונזער סיסטעם'.

• • •

## שר הביטחון קרוינט הויכראַנגיגער 'מפקד' פון מיליטער צו שטיין אין שפיץ פון גיוס חרדים

אתה ישן והוא ער לך. דער שלטון השמד שלאפט נישט

## משמרת תומתינו

און ארבעט מיט פלענער נאכמער צו פארברייטערן גיוס צווישן חרדים היל"ת, דאסמאל מיטן באשטימען איינע פון די גרויסע מפקדים אינעם מיליטער, א. שקדי, אז ער זאל שטיין אין שפיץ פון א פראיעקט אריינצוברענגען נאך חרדים צום מיליטער.

לא לחנם הלך. דאָס זיך ווענדן צו דעם מפקד האט א חשבון וויבאַלד ער איז שוין טרויעריג באקאנט מיט זיינע פארגאנגענע פראָיעקטן, ווען דער מפקד האט אנגעפירט מיט די 'חיל אוויר' אפטיילונג אינעם מיליטער האט ער בשעתו אוועקגעשטעלט א באזונדערע אפטיילונג פאר חרדי'שע סאָלדאַטן, גערופן 'שחר כחול' כלשונם, וואס דארט האט ער געוויזן כפי ערך גרויסע הצלחות אריינצוברענגען חרדים צום מיליטער און אצינד האפן זיי צו זען נאך בעסערע רעזולטאטן און ענדליך קענען אויספירן דעם וואונטש פון 'ככל הגויים בית ישראל', היל"ת.

• • •

## 'וועד הישיבות' פליגל פונעם מיליטער באפעלט ראשי ישיבות להתייצב

די 'וועד הישיבות' וועלכע איז אומאָפיציעל א ידא אריכתא פונעם צבא השמד האט ארויסגעשיקט א מודעה די לעצטע תקופה פאר ראשי ישיבות זיך צו קומען שטעלן צום לשכת הגיוס.

די תמי' דערפון איז אומגעהויער 'פארוואס זיך שטעלן ווען ס'איז נישטא קיין חוק הגיוס, און מען קען נישט מסדר זיין דיחויים'? אבער פארט איז דער וועד הישיבות אינאיינעם מיט'ן ממשלה געקומען צום החלטה אז מען זאל זיך יא שטעלן אפילו ס'איז בכלל נישטא קיין געזעץ.

אריינקוקנדיג אין די החלטת הממשלה איז 'אכן נודע הדבר'! מען זעט דארט עטליכע שורות וואס צייגט אז ס'איז טאקע יא וויכטיג זיך צו שטעלן. דארט שרייבן זיי: "אויב מען וועט נישט קענען באשטעטיגן ווער ס'האט א מעמד בן ישיבה, דאן וועט עס שווערער מאכן 'על יכולת הגיוס לרבות בייחס התחנייות היוחדות המיועדות לעידוד גיוסם'" - אין אונזער שפראך: כדי צו קענען ארבעטן און וויסן ווער ס'איז א ישיבה בחור און ווער נישט. און געבן די מעגליכקייט פונעם מיליטער ווייטער אריינצושלעפן חרדים אינעם מיליטער, דעריבער פעלט זיך אויס אז אלע בחורים זאלן זיך שטעלן.

אט דאס שיקט דער 'וועד הישיבות' ארויס פאר אלע ראשי ישיבות. און אצינד גרייטן זיך 'פערציג טויזנט' בחורים פון די ישיבות מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון זיך שטעלן! און אזוי ארום גרינגער מאכן פאר'ן מיליטער דורכצופירן א סעלעקציע אן קיין שוועריגקייטן, לקיים מה שנאמר עזוב תעזוב עמו!

דער יעצטיגער אריינרוף פון די 'וועד הישיבות' מאכט אַסאַך ערגער דער מצב ווי בעפאָר. היות וואס ביז היינט האט מען שוין גע'פועל'ט דורך די נייע געגרינדעטע 'איחוד הישיבות' וואס איז נתייסד געווארן דורך די ערליכע עסקנים אז מען זאל נישט דארפן צוקומען צו די פארטרעטער פון די 'וועד הישיבות' צו זיין בארעכטיגט פאר א מעמד בן ישיבה, נאר יעדע ארג. האט די רעכטן דאס צו געבן פאר א בחור. אבער מיט די יעצטיגע צוזאמארבעט פון די וועד הישיבות מיט די ממשלה ברענגט דאס אינאיינוועגס אריין שוועריגקייטן אויך אויף דעם פראנט, מיט דעם וואס דער וועד הישיבות האט אויסגענוצט די יעצטיגע צושטאנד צוריקצוכאפן בעלות אויף די עולם הישיבות אז נאר דער וועד זאל קענען געבן דעם אישור פון מעמד בן ישיבה היל"ת.

דער לויער פון 'איחוד הישיבות' האט שוין געלאזט מעלדן פאר די ממשלה און פאר די צבא אז דאס גייט נישט ווערן אריבערגעלאזט בשתיקה און מען וועט נאכאמאל אונטערנעמען אלע מיטלען צו ברעכן די מאנאפאל פון די 'וועד הישיבות'. דער אַדוואָקאַט האָט געווארנט זיי זאלן זאפארט אראפנעמען זייערע לאפעס פון די ישיבה וועלט, וואס איז אפילו לויט זייערע געזעצן נישט אויסגעהאלטן.


מרכז התורה
ועד הישיבות בארץ ישראל
THE CENTRAL OF TORAH INSTITUTIONS
VAAD HAYESHIVOTH IN ISRAEL

ב. השפעה על המתגייסים מקרב הציבור החרדי: בצה"ל משרתים אלפים בודדים של צעירים חרדים. לעמדת הגורמים הרלוונטיים בצה"ל, ככל שהקפאת הליכי הגיוס לא תותנה בהצגת אישור בדבר לימודים בישיבה, הדבר עשוי להקשות על יכולת הגיוס של אוכלוסייה זו, לרבות ביחס לתוכניות הייחודיות המיועדות לעידוד גיוסם

• • •

## זה לעומת זה: נאָכדעם וואָס 'וועד הישיבות' אַקטיוויזירט צוריק לשכת הגיוס 'תל השומר' ווערן באַנייט פעולות פון 'מטה הסברה' אויפ'ן אָרט

אין ליכט דערפון וואס די רשעים האבן צוריק באנייעט




די אקטיוויטעטן ביים לשכת הגיוס אין תל השומר מיט'ן אראפרופן ישיבות זיך צו שטעלן דארט ווי באַריכטעט, זה לעומת זה ווערט געמאלדן דורך 'מרכז הצלה' וועלכע וועט צוריק עפענען די 'מטה הסברה' טישל פארנט פון דעם לשכה אויף תל השומר.

דער ביז יעצטיגער מטה הסברה פונקציאָנירט טעגליך ביים לשכת הגיוס אויף רחוב רש"י און אצינד וועלן פארדאפעלט ווערן די מתנדבים וועלכע ווערן אריינגערופן ווערן צו צוויי באזונדערע פראָנטן, כדי אז פארנט פון יעדע לשכה זאל זיך געפינען אן אייגענע טישל צו געבן די גענויע אנווייזונגען פאר די מתייצבים, צו זיין געהיטן פון די שטרויכלונגען וואס די רשעים ווילן אונטערלייגן זיי אריינצוּוואַרפן אין צבא השמד.

• • •

## אראבישע ארבעטער ביים 'לייכטן באן' שלאגן דעם ציבור ערליכע אידן

גלייך פון דעם מחאה אדירה, וואָס איז פאָרגעקומען פארגאנגענע וואך אויף רחוב יחזקאל, קעגן דעם ארעסט פון דעם אסיר ציון רבי ישראל אשר בן מלכה רוטמאן שליט"א איז א גרויסער ציבור אריבערגעגאנגען צום בר אילן גאס וואו עס זעצט פאר די ארבעט אויפצובויען די 'רכבת הקלה'.

דארט אויפ'ן פלאץ האבן די ערליכע אידן אפגעהאלטן בגופם דאס לאזן בויען די שינעס, וועלכע זענען דא מיט א ציל פון 'איבערפארן' קדושת ירושלים און דאס מטמא זיין מיטן אנברענגען א פלייץ פון אלע סארט ביליגע עלעמענטן אינעם פלטרין של מלך.

די אראבישע ארבעטער - ווען האט מען צוריק געעפענט די גרעניצן פאר זיי? - האבן פרובירט מיט מכות צו פארטרייבן די ערליכע אידן. פארשטייט זיך אז ווען אראבער שלאגן חרדים פארשטייט יעדער אז דאסמאל באקומען די אראבער די רעכטן... אבער דער ציבור איז געווארן גרעסער און גרעסער און האט דורכגעפירט מחאות כדת של תורה אז מען זאל נישט אריבערפירן דעם באן און בס"ד בזכות מסירות נפש וועלן מיר זען בביטול הגזירה ובביטל מלכות הרשעה.

• • •

## ריכטערין פאר'פסקנ'ט 50 טעג תפיסה פאר אסיר ציון רבי נפתלי בן חי' שליט"א

די יעצטיגע פסק איז די לעצטע קלאגע וואס די מדינה האט ארויפגעלייגט קעגן דעם אסיר ציון. אינאיינעם מיט אנדערע קלאגעס און פסקים קומט דאס אויס אן ארעסט אורטייל פון א יאר מיט 2 חדשים פאַר'ן אסיר ציון היל"ת. דער ציבור איז מתפלל אז די רשעים זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף אים.

• • •

שב"ק למשוסה:

# בג"ץ הציוני פאָדערט פרעכע חילול שב"ק אין 'הר חורמון' געגנט אין ירושלים עיה"ק

דאָס בג"ץ הציוני האט געגעבן א פסק פאר'ן 'מנהל הקהלתי' צו עפענען דעם ציבור'ישן סווימינג פול, וואָס וועט ליידער געעפענט ווערן מתוך חילול שבת, כדי צו ערלויבן צו גיין דאָרט שווימען, אַנדערש ווי ביז היינט ווען ס'איז געווען פארמאכט יעדן שב"ק.

דאס ברענגט אַ פרישע שרעקליכע פירצה בחומת שבת קדשינו, ווען דער בג"ץ איז ממשיך מיט זייער עקירת הדת וואס זיי טוען שוין אלע יארן און יעצט מיט אזא געפערליכע פסק פון 'מחייב זיין' חילול שבת בפרסיא אין ירושלים, היל"ת.

• • •

# ארגאניזירער פון ציוניסטישע 'קדושת ציון' מזרחי ארגאניזאציע זוכן גושפנקא צו כשר'ן זייערע פעולות

א שרעקליכער כינוס וועלכע איז פאררופן געווארן דורך די ברייט באקאנטע ""קדושת ציון" ציוניסטישע מזרחי ארגאניזאציע צו ווייטער מפיץ זיין די ציוניסטישע השקפות פון ישוב א"י מיט התגרות באומות האט געזאלט פארקומען אין שטאט אשדוד ביי א "מלוה מלכה" אין געגענט פון חפץ חיים גאס אין א זאל אין ביהמ"ד וועלכע ווערט גאר גערופן אליהו הנביא.


בס"ד
אייר התשס"ג
קול קורא
לא האמינו כל מלכי ארץ כי יבוא צר ואויב בשערי ירושלים
על כן באנו בקריאה קדושה לכל יראי ה'
אל תלכו בדרך איתם, מנעו רגלכם מנתיבתם
ואל יהין איש מבני היהדות החרדית לקחת חלילה חלק באסיפותיהם
שריאל רוזנברג
מנחם מנדל לובין
דוד טווערסקי
יוסף משה שניאורסון
יוסף בנימין וואזנר
חיים שמרלר
נתן הכהן קופשיץ
מנחם מנדל פוקס
יצחק צבי אייזנהארן
אברהם דרברמדיקר
קלונימוס קלמן ווייס

זיי האבן מפרסם געווען און גערופן חסידי'שע משפיעים אויפצוטרעטן צום יארצייט פון הרב טייכטאל זצ"ל הי"ד בעל "אם הבנים שמחה", מיט'ן ציל צו געבן א כשר'ע גושפנקא פאר זייערע שרעקליכע ארגאניזאציע. ווי זיי זוכן ארייננצוברענגן ביים חרדי'שן ציבור דעם טומאת הציונות און זיי פרובירן אויף אלע סארטן פלענער מיט רבנים צו כשר'ן זייער ארגאניזאציע.

א גרויסע קידוש השם איז געווען ווען די מארגנים זענען ארויס בלעג ובקלס ווען די רבנים האבן געמאלדן אז זיי גייען נישט קומען. און אינדרויסן האט זיך פארזאמלט א גרויסע ציבור תושבי אשדוד איז באגלייט געווארן מיט גרויסע מהומות פון פאליציאנטן וועלכע האבן פרובירט פארשפרייטן דעם ציבור מיט גאז וכדו' און נאך א שטיק צייט זענען די אנפירער אנטלאפן פון פלאץ מיט בושות ולא עלתה זממם בידם.

• • •

# לינקער חבר כנסת באשולדיגט פאליציי איבער 'חרדים' ערשט 'פאַליסי' ביים אָננעמען פרישע פּאָליציאַנטן

אין דער צייט ווען יעדער וואס קוקט נאר אויס עטוואס פרום ווערט גלייך אנגענומען אין דער פּאָליציי דינסט, און די אגענטור אַנטפאַנגט אים מיט אפענע הענט, איז אבער דא אזעלכע וואס מען איגנארירט זיי און מען נעמט זיי נישט אריין צו ארבעטן אין די פאליציי.

איינער פון די חבר הכנסת המינים פון די לינקע פארטייען האט זיך אָפּגערעדט אז ס'איז בכלל נישט פשוט ארייננצוגיין ארבעטן ביי די פּאָליציי, זאָגנדיג אַז 'ער ווארט שוין העכער 5 יאר' אויף אַן אַנטוואָרט פון די פאליציי נאָכדעם וואָס ער וויל זיך מתנדב זיין אין ארבעטן פאר די פאליציי, און ביז היינט האט ער נאכנישט באקומען קיין ענטפער פון זיי.

נאר פרומע זיי ווערן געזוכט; אין די רעליגיעזע צייטונגען מאכט מען מודעות זיך מתנדב צו זיין; ביי די פרומע איז דא שירות לאומי. ווייל די מטרה איז דאך נישט צו טרעפן נאך פאליציאנטן, פון דעם האבן זיי גענוג! דער ציל איז פריי צו מאכן די פרומע פאליציאנטן! אבער א פרייע פאליציאנט קען מען דאך נישט פריי מאכן, דעריבער איז זיין התנדבות איבריג...

מעגליך זאל מען אים עצה'ן זיך אנצוטון א קאפל און שרייען 'איני מכיר'. אפשר אזוי וועט מען אים גלייך ארייננעמען...

• • •

# 'כיתות כוננות' אויפגעשטעלט אין פילע געגנטער צו באפאנצערן רעליגיעזע אידן מיט הייס געווער

איין 'בעל תשובה' פון א געגענט אין קרית מלאכי וואו דארט איז אויך אויפגעשטעלט געווארן אן אייַנהייט פון 'כיתות מכוננות' פארציילט אז מען טוט דאס בלויז צו נענטער ברענגען די פרומע מיט די פרייע, דורכ'ן אויסשולן די פרומע מיט הייס געווער און דערמיט ארייננברענגען דעם 'כוחי ועוצם ידי' און דער תאווה פון נאַציאָנאַליזם ביי די פרומע צו ארבעטן אינאיינעם מיט די פרייע צו היטן די געגענטער.

ווער ס'האט נישט געוואוסט די סיבה ביז היינט קען דאס שוין היינט זען אין זייערע אייגענע בלעטער.

• • •

# אנגייענדע תפילות ועצרות בקשה פראנט פון אוקראינע קאנסול אין תל-אביב אויף חילולי קברות ישראל אין אומאן

א גרויסע קבוצה פון יראי ד' זענען ארויסגעפארן קעגן איבער דעם אוקראינע קאנסול וועלכע געפונט זיך אויף רחוב ירמיהו אין תל-אביב ארויסצוגעבן דעם כאב הלב און די בקשה פונעם יהדות החרדית מען זאל אויפהערן די גראבונגען אינעם געגענט פון בית החיים הקדמון אין שטאט אומאן וואו דארט ליגן שוין הונדערטער יארן ישיני עפר. און יעצט בעד בצע כסף פון די וועלכע ווילן אויפגראבן און ווילן דארט בויען גרויסע געביידעס טוען זיי רח"ל צושטערן די רוה און מנוחה פון טויזענטער נפטרים וואס זעצט פאר מיט די באשטעטיגונג פון די אוקראינע רעגירונג.

דער ציבור איז געשטאנען אויפן גאס קעגן דעם קאנסול און געזאגט פסוקי תהלים מעומק הלב און געבעטן פון רבוש"ע זאל זיך מרחם זיין אויף דער שארית הפליטה און אויף די ישיני עפר וועלכע ווערן נעבעך געווארפן כדומן על פני השדה און גלייכצייטיג זיך געבעטן ביי די אוקראינע רעגירונג זאל אפשטעלן די חפירות וואס טוט ווי יעדן איד באשר הוא שם.

די עסקנים געבן איבער אז דער מעמד בקשת רחמים פארנט פונעם קאנסול איז ערווארטעט פארצוזעצן אויף א טעגליכן פארנעם ובשם ה' נעשה ונצליח אז די ווייטאג און זעקת היהדות החרדית זאל אויפפלאקערן איבער די גארער וועלט און אויסנוצן אלע מעגליכקייטן אפצושטעלן די חילול בית החיים העתיק און שטאט אומאן.



• • •

משמרת חומתינו



ליין און הער
וואונדערקינד
טעגע
דער
פארשטעלאכץ
מייסטער
סיינט אייך
היינט אויף
פאר א
סובסקריפשאן
פאר א
וואונדערליכע
חידושליכע
ערפארונג
מאושר
718.517.8310
VINDERKIND.COM
יעדן ראש חודש
אין אלע געשעפטן


א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
א קאמפיין אין חדר
הומאריסטישע קינדער-שפיל איבער א קאמפיין וואס האט יא אדער נישט מצליח געווען - דורך ילדי חן
אייער קינד
א וואונדערקינד

# שריפטן
צום
# וואָכנשריפט



**טעלעפאָן** (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6 | **פעקס:** 845-501-0246 | **פּאָסט:** POB 113, Monroe ny 10949 | **אימעיל:** Letters@kyweekly.com

## מער פּרטים אַרום די הערליכע איניציאַטיוו פון מוסדות סאַטמאַר

זעהנדיג אין דעם וואָכנשריפט די נייעס אז מ'האט צוגעשטעלט לאקערס פאר אלע גוי'שע ארבעטערס דארט אריינצולייגן זייערע סמארטפאון'ס אין דעם גיגאַנטישן בנין הת"ת אויף לארקין דר. און די ארבעטערס מעגן זיך נאר באנוצן מיט א כשר'ע פליפ פאון, וויל איך אָנמערקן אז דאָס איז פּאַקטיש אַסאַך אַ ברייטערע אונטערנעמונג, וואו ס'איז באַריכטעט געוואָרן.

די מוסדות האט אונטערגענומען אן איניציאַטיוו צו קויפן און צו באצאלן די חודש'ליכע פאון סערוויס פון כשר'ע פאונס פאר אלע גוי'שע ארבעטערס אין אַלע בניני המוסדות - סיי ביי די ת"ת, ביי די מיידלעך, און ביי די בחורים! דאָס ווערט באַצאָלט דורך די הנהלת המוסדות, נישט דורך קיין נדבנים און נישט דורך קיין גאָווערמענט פּראָגראַמען, אַלעס כדי צו פאַרזיכערן די קדושה פון די ריינע צאן קדשים.

באַזונדער האָט מען אין אַלע בניני המוסדות געבויעט לאַקערס וואו די אַרבעטער דאַרפן ארייַנלייגן זייערע סמארטפאונס יעדן צופרי און דורכאויס דעם גאַנצן טאָג, ווילאַנג זיי געפינען זיך אין דינסט, מעגן זיי זיך באנוצן נאר מיט די מוסדות באצאלטע כשר'ע סעלפאָנס!

ווי געזאָגט איז דאָס אן איינפיר וואָס מ'האָט איינגעשטעלט אין אַלע אָפּטיילונגען פון די מוסדות הק', נישט בלויז אין דער בנין הת"ת אויף לארקין דרייוו, נאר בכל סניפי המוסדות, אין דער ת"ת, בית רחל און ישיבות קטנות, מיט'ן ריינעם ציל פון האָבן אַ הייליגע ריינע אַטמאָספערע אין די ד' אמות פון די טייערע קינדער. לטהרינו ולקדשינו בקדושתך העליונה!

**בכבוד רב, י.ש.**

*

## תיקוני טעות בנוגע פּרטים בתולדות ימי חיין פון רבינו הק' זי"ע

לכבוד המערכת

איך האב געוואלט באַמערקן אויף דעם וואס איר האט געברענגט פ' בשלח בשם דעם ספר מהר"י בר חי, אז רביה"ק זי"ע איז נאכ'ן רויז שוין געגאנגען אין ביהמ"ד מיט א קאַר. דאס שטימט אָבער נישט במציאות, אלע אידן וואס האבן דעמאלטס מיטגעלעבט האבן געזען דעם רבי'ן קומען אין גיין כסדר פון קליימער ביזן ביהמ"ד סיי צום דאווענען און אויך צום פארהערן אדער פארלערנען, און אויך אפילו ערש"ק נאכמיטאג שפעט פארן זמן גייענדיג צו די מקו' איז ער געגאנגען און אַהיימגעגאַנגען צו פיס, מסתמא ווייל עס האט אויסגעפעלט צום בריאות דאס גיין.

אויך די מעשה וואס איר ברענגען פון ר' חיים צבי שטערן'ס פאטער, איז א טעות, דאס האט פאסירט מיט זקינינו החסיד מו"ה ר' קלמן ווייס ז"ל, און נאכדעם מיט בנו מוה"ר ר' שמעון ווייס ז"ל פון אורוגוויי.

**יעקב ווייס**

*

## נאָך איבער די ATM מאַשין ביי דעם 'נארט איסט' באַנק

אין דער 'שריפטן' אָפּטיילונג האָט אַ איד זיך אָפּגערעדט מען קען נישט אנקומען צו דעם 'עי טי עם' מאשין פון דער נארט איסט באַנק ביים 'ביזנעס צענטער' און אַ צווייטער האָט פאָרגעשלאָגן אן עצה צו ארויפגיין איין שטאָק, אַריבערגיין דעם גאַנצן שטאק און נאכדעם צוריק אַראָפּגיין.

וואָלט איך געוואָלט מיטטיילן אַז ס'איז דאָ פיל אַ לייכטערע וועג אנצוקומען דארטן; מען קען אַרייַנגיין צו 'ריפרעש' סופּערמאַרקעט, מען שפּאַצירט ביז צום קאָרנער ביים עק פון דעם געשעפט, נאך אלע רעדזשיסטערס, אינגאנצן ביים ווינקל איז דא אזא שמאלע וועג מיט א שווארצע טיר. אַז מען עפנט אויף יענעם טיר קומט מען אן אין די פלאץ וואו די עי טי עם מאשין איז. און ארויס קען מען שוין גיין געהעריג. דאָס איז אַ גרינגע וועג וואָס איך האב שוין אפאר מאל גענוצט.

יייש"כ פאַר'ן אַרייַנשטעלן.

**ברוך ל.**

*

## איבער דעם נייעם סטאַפּ סיין ביי 'מירון קאָרנער דעעש'

צו דער וואָכנשריפט.

לעצטנס האָט מען אינסטאָלירט א נייע סטאפּ סיין אויף מירון קארנער דעעש. דאָס הייסט אַז ביז היינט פלעגט מען דארפן סטאפן אויף 'מירון קארנער פּראַג', אָבער אַצינד דארף מען שוין נישט סטאפן ביי פראג, נאר אַנשטאָט געפינט זיך די סטאַפּ סיין ביי 'מירון קארנער דעעש'.

דער פּראָבלעם איז נאָר אַז מען האט נישט געמאכט קיין שום סימן פאר די דרייווערס דערוועגן, נישט קיין בלינקעדיגע לייטס, נישט קיין טאָוול, און נישט קיין שום סימן אַז עס קומט דאָ אַ נייע סטאפּ סיין, אבער די סטאפּ סיין איז דא, און די פּאָליציי ווייסט יאָ דערפון... די פאליס זיצט דאָרט און טיילט טיקעטס פון רעכטס צו לינקס.

דעריבער איז וויכטיג אַלס 'התורה חסה על ממונן של ישראל', צו מודיע זיין פאַר דרייווערס אַז ס'איז דאָ דאָרט אַ נייע סיין און מען דאַרף דאָרט סטאפּן. אַזוי אויך וואָלט געווען כדאי אַז קומענדיגע מאָל וואָס מען אינסטאָלירט אַ נייע סטאַפּ סיין זאָל מען מאַכן סימנים אַז אויך די דרייווערס זאלן וויסן דערפון נישט נאר די פּאָליציי...

אַ דאַנק.

**נ. הלוי**

*

## די טיקעט טיילער זענען גאָרנישט אַזוי יושר'דיג...

איך האב זיך געוואלט באדאנקן פאר דעם הערליכן 'וועכענטליכן שריפט', אויך איז זייער אינטערעסאנט די פילע בריוון וואס מענטשן שיקן אריין צו דעם קאלום.

איך האב געוואלט קאָמענטירן אויף דעם איד וואס שרייבט אז מען זאל נישט ארויסהעלפן מענטשן מיט אינפאָרמאַציע איבער די פּאָליציי וואָס טיילט טיקעטס, און מען זאל נישט מודיע זיין וואו זיי באַהאַלטן זיך כדי אַז מען זאל טאקע מורא האָבן.

פון איין זייט איז ער מעגליך גערעכט, אָבער פון די אנדערע זייט ווייסט יעדער איינער אז די פּאָליציי איז מער פון אביסל איבערגעטריבן און זיי טיילן זייער אסאך מאל טיקעטס ווען ס'איז בכלל נישט אויסגעהאַלטן.

לעצטנס האָב איך אַליין געהאַט אַזאַ מעשה: איך האב אויפגענומען עטליכע מענטשן פאר א היטש אין א ביזי אינטערסעקשן, דעריבער איז מיין קאַר געווען אַביסל שיף פון פּאָרנט, פאר די סעיפטי פון די מענטשן וואס איך האב אויפגענומען; דערנאָך, ווען איך האָב געוואָלט אַרויספאָרן האב איך זיך געדארפט שטעלן גראד כדי צו קענען זען די שפּיגל, האָב איך זיך געשטעלט גראד און געמאַכט די בלינקינג לייטס. פונקט קומט א פאליס, ער שטעלט מיר אפּ, ווייל איך האב געוואלט ארויספארן, זאג איך אים: דו האסט געזען אַז איך בין נישט געפארן! איך האב זיך נאר געשטעלט גראד פשוט צו זען דעם שפּיגל און צו קענען זען צי איך קען פארן!

די אַלע מענטשן וואָס זענען געווען אין מיין קאַר האָבן מיטגעהאלטן, וויאַזוי זיי האָבן מיך געגעבן אַ טיקעט על לא עול בכפּי. פשוט ווייל זיי דארפן אנפולן די נומער וויפיל טיקעטס זיי האָבן אויסגעטיילט!

ס'איז אמת אז מען דארף מורא האבן פון פּאָליציי אבער פון די אנדערע זייט ווייסט יעדער אז זיי דארפן אנפולן זייערע טיקעטס, און זייער אסאך מאל וועלן זיי בכלל נישט קוקן אויף די סעיפטי אָדער אויף די געזעץ. זיי וועלן בעיקר קוקן טאמער זיי קענען געבן א טיקעט. ס'וועט זיי גארנישט אינטערסירן וואס יענער זאגט, און אפילו ווען זיי אליינס זעען אַז מ'האָט גאָרנישט געטון שלעכט.

איך פערזענליך האב נישט געהאט קיין ברירה. כ'בין געגאנגען אין קאָרט און כ'האָב שיין באצאלט די $200. איך האב נישט געהאט קיין כח צו פייטן דעם טיקעט, כאָטש איך האב געוואוסט אז איך בין הונדערט פראצענט געווען גערעכט, און כ'האָב געהאט מענטשן אין קאַר וואָס האבן געזען איך בין בכלל נישט געפארן.

ממילא איז טאַקע יאָ זייער אַ חשוב'ע זאַך צו ארויסהעלפן אידן זאָלן וויסן וואו די פּאָליציי געפינט זיך, כדי מען זאָל זיך נישט דארפן מיטמאכן מיט זיי. מענטשן זאלן וויסן וואו זיי זענען באהאלטן, פשוט צו ראטעווען אידיש געלט. עס קומט אַ דאַנק פאר די אלע וואס זענען מודיע וואו זיי זענען באהאלטן, איך וואונטש זיי אסאך ברכות און הצלחה, להציל עשוק מיד עושקו, צו ראטעווען מענטשן וואס ווערן בא'עול'ט, תזכו למצוות!

**א. געליטענער.**


WELCOME
WINTER
PROMOTION
SATISFY YOUR PALATE
WHILE SHOPPING.
GET 2 SLICES PIZZA
FOR
FREE
WALK-INS ONLY
*WITH PURCHASE OF $125
**VALID 2/8-2/15
*** 9:00AM - 5:00PM
Peppermint
supermarket
mintleaf
Kosher Market
33 Dinev Road | 845-492-8777 | 5 Mangin Rd (Corner Rt. 208)

# פארשריט ביים נייעם ביהמ"ד דקיט"ל מעריוואלד
# אין בלומינג גראוו



טיילס ווערט געשניטן צום פונקטליכן מאס ביים הויפט אריינגאנג



מען פעינט צענטראלע קארידאר פארנט פון די מקוה



מען פארבט די דאך



מקוה צוימען אינסטאלירט אין אלע 3 בורות



3 גרויסע בורות הטבילה קאמפליעט פארענדיגט



מקוה בענק ווערט אינסטאלירט רינגס און ארום חדר המקוה

# פארשריט ביים נייעם ביהמ״ד דקיט״ל מעריוואלד
# אין בלומינג גראוו



רייכע קאוט רעקס ווערט פארענדיגט ביים אריינגאנג



מען ענדיגט בלעכענע ווענט ביים לעכט באקס צווישן די חדרי תפלה




ריזן פארקינג לאט שטח ווערט אויסגעגליכן צופיסנס פון בנין ביהמ״ד

אן עס אויף דער פרשה במשנתו של רבינו:





# חוקיו ומשפטיו לישראל

געקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רבינו ז"ע איבער דעם ענין פון

## דרך הלימוד

מערכת נחלת רבותינו

מכתי"ק: אור ליום ד' פרשת לך (תרפ"ז) ראיתי בחלומי והנה הוא ליל שבת קודש פ' משפטים ועלה בדעתי לפרש דברי המדרש, ואלה המשפטים אשר תשים לפנים הה"ד מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום...

נ"ל דהנה באמת התורה הקדושה שנתנה לישראל מפי הגבורה לא נתפרשו בה טעמי המצות אלא גזירת מלך היא, אך כל תלמיד חכם שעוסק בתורה ובמצות הוא מוצא בה טעמים חדשים בכל עת (עירובין נד:), ואם כן אף מה שהוא אצלו חק בלי טעם בתחילה, אבל על ידי תורתו מחדש בה שכליות ומוצא בה ענינים נפלאים ושוב רואה שאינם חק בלי טעם, אלא הכל הוא שכליות וטעמים עמוקים עד אין חקר... אבל אומות העולם אף כי גם להם נתן מצות, אבל שיחדשו בשכלם לאמיתתו במצות השם זה דבר שאי אפשר, כי אין דעתם מכוונת כלל למצותיו יתברך.

ואף בישראל כתב הסמ"ע (בש"ע חו"מ סי' ג' ס"ק י"ג) בשם תשובת מהרי"ו דפסקי הלומדים ופסקי הבעלי בתים המה שני הפכים, הרי שאף הבעלי בתים שאינם עוסקים בתורה הקדושה דעתם מכוונת היפך דעת התורה הקדושה, ואי אפשר לכוין לעניני התורה אלא על ידי דעת תורה, ועל אחת כמה וכמה שקל וחומר הוא באומות העולם שדעתם הוא היפך דעת תורה הקדושה ואי אפשר שיכוונו בדעתם במצות השם לאמיתת הענין.

והנה המצות שנמסרו מאתו יתברך ואף הז' מצות לא נתן בהם שום טעם רק גזירת המלך, וכיון שהאומות העולם לא יוכלו לחדש משכלם שום טעם, אם כן נשארו המצות אצלם הכל כחוק בלי טעם, ולא כן בישראל אשר בדעת שכלם מחדשים בה טעמים והוא דעת תורה ממש, והנה חק נקרא מה שהוא בלא טעם, ומשפט נקרא דבר שהשכל מחייבו, וזה שאמר 'חקיו ומשפטיו לישראל', דבישראל אף מה שהוא חוקים מתחילה אחר כך יהיה משפטים, דהשכל מחייבו לעשות, אבל 'לא עשה כן לכל גוי' שיהיה להם דעת תורה, לכן 'ומשפטים בל ידעום' דהכל רק חק אצלם ואין להם משפט שכליות בשום מצוה...

כל זה ראיתי בחלומי כאשר כתבתי פה מתחילה ועד סוף ואיקץ, והתבוננתי בדבר והנה הוא ענין פלא ודבר נחמד, לזה רשמתי לי למזכרת.

(דברי יואל פרשת משפטים עמ' ק"כ)

## וקובץ על יד ירבה

עס האט איבערגעגעבן הגאון הצדיק ר' משה יאזעפאוויטש זצ"ל - וועלכער איז נתמנה געווארן דורכ'ן רבי'ן ז"ע צו דינען אלס משגיח אין דער ישיבה - אז דער רבי אליין פלעגט באשטימען ביז וואו מ'זאל לערנען יעדע וואך אין דער גמרא.

דער וועכנטליכער שיעור פלעגט זיין צוויי אדער צוויי-און-א-האלב בלאט גמרא א וואך. אמאל פלעגט ר' משה פרובירן אראפצונעמען אן עמוד כדי צו פארלייכטערן פאר די בחורים. יעדן ענדע זמן ווען מ'האט געמאכט חזרה אויף די לימודים, האט דער רבי געפאדערט מ'זאל חזר'ן גאנצע פופצן בלאט גמרא א וואך.

דער רבי ז"ע האט שטארק מקפיד געווען אז מ'זאל צוגעוואוינען די בחורים, אז יעדער אן אויסנאם זאל אנוועזנד זיין ביים פארלערנען פון די מגידי שיעור. זאל עס זיין אפילו די גאר גוטע בחורים וועלכע דארפן אייגנטליך נישט צוקומען צו די שיעורים פון די מגידי שיעור, אדער די גאר שוואכע בחורים וועלכע קענען סיי-ווי נישט מיטהאלטן די שיעורים - דער רבי האט געוואלט אז יעדער זאל קומען צום פארלערנען.

(דער רבי ז"ע האט גערעדט דערפון ביי די פתיחה פונעם ווינטער זמן תשכ"ח).

דערביי האט דער רבי ז"ע געהאט א באזונדערע כוונה, אז די בחורים זאל זיך צוגעוואוינען צו האבן הכנעה און התבטלות פאר די מגידי שיעור און ראשי ישיבה און וויסן אז מ'דארף זיך אונטערווארפן און צושטעלן מיט אלעמען צו די סדרי הישיבה.

(באילנא דחיי ח"א עמ' ס"ט)

## צורבא מרבנן דשלים

## מסכתא: לערנען א גאנצע מסכתא

נאך האט דערציילט הגה"צ רבי משה יאזעפאוויטש זצ"ל: איך האב געהאט א קבלה פונעם רבי'ן אז מ'זאל קיינמאל נישט איבערלאזן א מסכתא אינדערמיט, נאר מ'זאל ענדיגן לערנען די גאנצע מסכתא. דער רבי האט געפאדערט אז די שיעורים זאלן זיין אויסגעשטעלט אזוי אז מ'זאל דורכלערנען א גאנצע מסכתא אויפ'ן סדר ביז צום סוף. אין קיין שום פאל האט דער רבי נישט מסכים געווען אז מ'זאל אנהייבן די קומענדיגע מסכתא פאר מ'האט מסיים געווען די פריערדיגע.

ווידער, ביי די דריי בבות, בבא קמא, בבא מציעא, און בבא בתרא, אויף וואס חכמינו ז"ל זאגן אז עס איז "כולא חדא מסכתא", האט דער רבי פארלאנגט אז מ'זאל לערנען די דריי מסכתות איינע נאך דער אנדערער אין דער רייע, אן איבערהאקן מיט אן אנדערע מסכתא אינדערמיט.

אין די ערשטע יארן האט פאסירט אמאל וואס מ'האט געלערנט אין דער ישיבה די דריי בבות לויט'ן סדר, אבער ווען עס איז געקומען צו מסכתא בבא בתרא האבן מיר געזען אז עס גייט נישט מער, מ'קען מער נישט אנציען מיט'ן לערנען די גרויסע און שווערע מסכתא. האב איך דאן געבעטן דעם שאפראנער רב הגה"צ ר' שמעון ישראל פאזען זצ"ל ער זאל אריינגיין שתדל'ען ביים רבי'ן אז מ'זאל אנהייבן צו לערנען אן אנדערע מסכתא, וואס דאס וועט שטארק צוגעבן פאר'ן תועלת פון דער ישיבה. דער שאפראנער רב האט טאקע גע'פועל'ט, און דער רבי האט בהוראת שעה דאן ערלויבט אפצושטעלן דאס לערנען די מסכתא און אנהייבן דערווייל א צווייטע מסכתא.

דאס קומענדיגע מאל, מיט עטליכע יאר שפעטער, ווען מ'האט אנגעהויבן צו לערנען אין ישיבה מסכת בבא קמא, האט דער רבי אונז געזאגט: "דאס פאריגע מאל האב איך זיך טאקע געלאזט, אבער איצטערט וועל איך זיך שוין נישט לאזן, נאר איך וויל אז מ'זאל ענדיגן אלע דריי בבות אין א צי, ביז צום סוף מסכת בבא בתרא".

מ'האט דאן אנגעהויבן צו לערנען אין דער ישיבה מסכת בבא קמא, און דערנאך בבא מציעא אויפ'ן סדר, און דער רבי זעלבסט האט איבערגעגעבן שיעורים פאר די תלמידי הישיבה, אבער ווען מ'האט געהאלטן ביים סוף פון מסכת בבא מציעא, ווינטער תשכ"ח, איז דער רבי ליידער אוועקגעפאלן מיט'ן שווערן סטראוק ה"י, און עס האט זיך אנגעהויבן אינגאנצן א נייע עפאכע פאר אלע אנשי שלומינו בכלל, און פאר די תלמידי הישיבה בפרט.

סוף ווינטער שנת תשכ"ח, אייניגע וואכן נאכדעם וואס דער רבי איז אוועקגעפאלן מיט'ן סטראוק, האט מען מסיים געווען מסכת בבא מציעא, און אויף דעם קומענדיגן זומער-זמן האט מען לויט'ן חשבון געדארפט אנהייבן מסכת בבא בתרא. אבער מיר, די אנגעשטעלטע אין דער ישיבה, האבן געזען אז עס וועט נישט טויגן פאר

דער הצלחה פון דער ישיבה זיך אריינצולאזן יעצט אין דער גרויסער און שווערער מסכתא פון בבא בתרא, איבערהויפט אין יענע אומשטענדן ווען דער רבי איז נישט געזונט געווען.

מיר זענען געווען אין א פארלעגנהייט, וויבאלד דער רבי האט זיך געפונען אין א מצב וואס מ'האט אוודאי נישט געקענט זיך שואל עצה זיין מיט אים דערוועגן. האבן מיר באשלאסן, אז אויף דערווייל וועט מען אריינרוקן א קליינע מסכתא, און מיט דער צייט ווען דער רבי וועט האפנטליך צוריקקומען צו די כוחות, וועט מען הערן פון אים זיין חוות דעת אין דעם ענין.

אזוי האבן מיר געטון. דעם קומענדיגן זומער, האט מען אנגעפאנגען אין דער ישיבה מסכת ביצה, וועלכע אנטהאלט וויניגער ווי פערציג בלאט, וואס מ'וועט קענען מסיים זיין אין א קורצער צייט, כדי אז ווען דער רבי וועט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף אינגיכן געזונט ווערן, זאל מען תיכף קענען טון אזוי ווי דעם רבי'נס הוראה און נישט האבן די פראבלעם אז מ'האלט אינמיטן א לענגערע מסכתא.

מיט דער צייט, ווען דער רבי איז ב"ה צוריקגעקומען צו די כוחות, האט מען מודיע געווען פאר'ן רבי'ן, אז מ'לערנט יעצט אין דער ישיבה מסכת ביצה. ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער אונז פארגעהאלטן, פרעגנדיג: "הלמאי? מיר האבן דאך אפגעשמועסט אז דאסמאל זאל מען ענדיגן די אלע דריי בבות, ביז סוף בבא בתרא?" דער רבי האט אונז טאקע געהייסן אז נאכ'ן ענדיגן מסכת ביצה זאל מען צוריקגיין צו בבא בתרא.

מ'האט טאקע אנגעהויבן לערנען מסכת בבא בתרא, אזוי ווי דער באפעל פון רבי'ן זי"ע. מ'האט פלייסיג געלערנט די ערשטע צוויי פרקים פון דער מסכתא, אבער ווען מ'איז אנגעקומען צו דעם דריטן פרק, פרק חזקת הבתים, וואו מ'האט זיך באגעגנט מיט די שווערע סוגיות, האבן מיר זיך אנגעשטויסן אויף דער אלטע פראבלעם. עס איז זייער שווער געגאנגען, און דאס האט זיך שלעכט אפגערופן אויפ'ן צושטאנד פון דער ישיבה.

דאן זענען מיר ווידעראמאל אריבערגעגאנגען צום רבי'ן זי"ע. מיר האבן אים פארגעלייגט די פראבלעם אז מ'קען ממש נישט אנציען ווייטער מיט'ן לערנען די מסכתא, אבער דער רבי האט בשום פנים ואופן נישט מסכים געווען מ'זאל אפשטעלן דאס לערנען די מסכתא, און ער האט זיך געשטעלט דערויף בכל תוקף ועוז אז מ'זאל ענדיגן די גאנצע מסכתא ביז צום סוף, טראץ די שוועריגקייטן מיט וואס דאס איז געווען פארבינדן. ווי פארשטענדליך, האט מען אזוי געטון, מ'האט ממשיך געווען צו לערנען מסכת בבא בתרא, ביז מ'האט עס מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף מסיים געווען.

(באילנא דחיי ח"א עמ' ע')

## דעם רבי'נס דרך לימוד העיון

נאך האט צוגעלייגט הגה"צ רבי משה יאזעפאוויטש זצ"ל: דעם רבי'נס הויפט-צוגאנג אינעם דרך הלימוד איז געווען, מ'זאל בעיקר לערנען גרינטליך צו פארשטיין די שקלא וטריא פון דער גמרא על בורי', און גלייכצייטיג זאל עס נישט פארמינערן פון דעם כמות וויפיל מ'לערנט.

דער רבי האט זייער נישט געהאלטן פונעם דרך הלימוד וואס איז געווען איינגעפירט אין אנדערע ישיבות, וואו מ'האט פארברענגט צייט מיט סברות און פלפולים וואס זענען נישט געבויעט אויף די יסודות פון די ראשונים און גדולי האחרונים.

דער רבי האט מיר אמאל געזאגט נאכ'ן פארלערנען א סוגיא: "דער חילוק צווישן אונז מיט זיי (מיינענדיג, די וואס לערנען אויפ'ן דרך הלימוד פון אייגענע סברות) איז, אז זיי צוטיילן איינס אויף צוויי, אבער מיר פלאגן זיך צו מאכן פון צוויי - איינס. דער תכלית איז צו מאכן פון אלעס איינס".

(באילנא דחיי ח"א עמ' ע"ב)

## בנין על מנת לסתור

בשייכות צו דעם האט דערציילט הרה"ח ר' חיים משה שטויבער ז"ל: דעם "דרך הלימוד" האָט דער רבי געהאַט ווי אין די אונגאַרישע ישיבות, לערנען אויפ'ן דף בעיון און זיך מאַטערן צו פאַרשטיין יעדעס וואָרט פון די ראשונים, און ווי אויך מהרש"א און מהר"ם. דער רבי האט נישט געהאַלטן פון די וועלכע לערנען בדרך פלפול סתם לשם מפלפל זיין.

דער רבי האָט דאָס ערקלערט מיט אַ משל צו אַ זייגער, אויב דער זייגער גייט, און מ'צונעמט עס סתם אַזוי כדי צו זען וויאַזוי עס זעט אויס פון אינעווייניג, וועט עס מער קיינמאָל נישט גיין אַזוי גוט און אַזוי פונקטליך ווי פריער. נאָר ווען דער זייגער שטעלט זיך אָפּ און גייט נישט מער פון זיך אַליין, דעמאָלט לוינט דאָס צו עפענען ווייל אפשר וועט מען דאָס קענען פאַררעכטן. דאָס זעלבע מיט'ן לערנען בדרך פלפול מיט חקירות, וואָס דערמיט צוברעכן זיי דעם ענין אַנשטאָט צו פאַרבעסערן.

## אם הראשונים כמלאכים: די וויכטיגקייט פון לערנען די ראשונים

נאך האט דערציילט הגה"צ רבי משה יאזעפאוויטש זצ"ל דער רבי האט מיר אמאל געזאגט אן


ב"ה

על זאת שבחו אהובים

ברגשי גיל וחדוה הננו לשגר ולאחל ברכת מזלא טבא וגדיא יאה מול פני האחד המיוחד שבחבורתינו האברך כמשמעו וכמדרשו איש חיל רב פעלים לתורה ולתעודה לבו ער וחם לכל דבר שבקדושה בקרב קהלתינו הקדושה ומסור בלו"נ למען בית הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

הרבני הנגיד המפואר כש"ת מוה"ר

חיים מרדכי אפרים
פישל ראזענבערג
הי"ו

מגדולי העסקנים הנאמנים לכל קדשי קהלתינו ומוסדותינו הקדושים פק"ק קרית יואל

לרגל השמחה השורה במעונו
בהולדות בנו למזל טוב

סימן טוב ומזל טוב!

ששו איתו משוש כל ידידים אהובים על כל הטובה שעשה ועושה ומעשה למען בית הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, בכל לבו ובכל נפשו ובכל מאדו, לילה ויום לא ישבות, אשרי לו ואשרי חלקו!

יהיו רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רב תענוג ונחת דקדושה עשר ואושר וכבוד עם הרחבת הדעת דקדושה ויזכה לגדל את כל צאצאיו לתורה ולחופה ולמעשים טובים עם כל טיב סלה עד ביאת הגואל בב"א.

המברכים לשמתו השמחים בשמחתו, המשמשים בקודש בבית הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
פה קרית יואל יצ"ו

פישל פריינד, אברהם חיים הכהן גאלדמאן

ג"א מצטרפים לברכה:

חיים הערש שמילאוויטש, ארי' לייבוש גראס, שמואל ברילל,
חיים בעריש מאנן, הב' בנציון פאלאטשעק

בית הוראה

## זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:

845.783.0546

לשכת בית הוראה:

6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג רבי מרדכי דוד יוראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג רבי משה זאב שווארץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום


אינטערעסאנטן דערהער איבער דער וויכטיגקייט פון לערנען די דברי הראשונים: "מ'טרעפט ביי די לומדים, אז אינמיטן א סוגיא שטויסט מען זיך אן אויף א הארבן רמב"ם אדער א הארבן רי"ף, צי א רא"ש, אד"ג. און וואס איז טייטש אז דער רמב"ם איז 'הארב'? אז ווען נישט דער רמב"ם, וואלט איך געלערנט אנדערש פשט אין דער גמרא, איך וואלט געהאט אן אנדערן מהלך אין דער סוגיא, און אצינד אז דער רמב"ם זאגט אנדערש, ווערט אים דער פשט פונעם רמב"ם 'הארב'!

"אבער אין אמת'ן אריין - האט דער רבי ווייטער געזאגט - איז עס פונקט פארקערט! ווען מ'לערנט די דברי הראשונים, איבערצייגן זיי אונז אז מיר זעלבסט פארשטייען נישט קיין לערנען, זיי ווייזן אונז אויף, אז דער פשט וואס מיר האבן געוואלט לערנען איז פאלש, און נאך א מזל, אז די ראשונים האבן פאר אונז אראפגעשטעלט א קלארן און ריכטיגן ביאור, וואס אדאנק דעם קענען מיר זוכה זיין צו לערנען לאמיתה של תורה.

"אבער די וואס לערנען קדשים – האט דער רבי צוגעענדיגט – וואס דארט איז דאך נישטא דער פירוש הרי"ף והרא"ש, קענען זיך די לומדים איינרעדן אז זיי פארשטייען באמת וואס זיי לערנען, זיי זענען משיג דעם ריכטיגן פשט אין דער סוגיא. אבער אין אמת'ן אריין איז גאר מעגליך אז זיי לערנען פאלש. ווען עס וואלט געווען א פירוש הרי"ף והרא"ש, וואלטן זיי פילייכט איינגעזען אז זיי האבן פאלש אפגעלערנט די סוגיא".

ווירקליך, האט מען ביים רבי'נס ישיבה אויסדריקליך נישט געלערנט קיין קדשים, טאקע דערפאר ווייל עס איז נישטא דערויף דער פירוש הרי"ף והרא"ש; אויסער דעם פרק "הקומץ רבה" פון מסכת מנחות, וואס דערויף איז יא דא דער פירוש פונעם רי"ף און רא"ש - ווי אויך איז דאס דער איינציגסטער פרק וואס רעדט להלכה ולמעשה - האט מען עס צומאל יא געלערנט אין ישיבה.

איבער דעם געדענק איך א מערקווירדיגע זאך: אין די ערשטע יארן פלעגן קומען אסאך פרעמדע ראשי ישיבות באזוכן דעם סאטמארער קעמפ, וואס עס איז געווען א חידוש בימים ההם, אז בחורים זאלן זיצן און לערנען דורכאויס די זומער-וואכן - א חידוש וואס דער רבי האט איינגעפירט און דורכגעבראכן אין אמעריקע. פלעגן די רבנים קומען באאבאכטן ווי אזוי עס גייט צו, און זיי פלעגן דאן שמועסן מיט די בחורים אין לערנען.

איין יאר האט מען פונקט געהאלטן אין ישיבה אינמיטן לערנען דעם פרק הקומץ רבה פון מסכת מנחות. ווען די פרעמדע ראשי ישיבות זענען געקומען באזוכן אין קעמפ, זעענדיג ווי עס ליגן אויסגעלייגט אויף די טישן פיל גמרות פון מסכת מנחות, זענען זיי צוגעקומען צו מיר מיט א שמחה, זאגנדיג: "אה, דא לערנט מען אויך מנחות - דארט זענען מיר דאך אינדערהיים" (נעמליך, אז זיי וועלן קענען שמועסן מיט די בחורים אין לערנען, היות אין די ליטווישע ישיבות פלעגט מען אסאך עוסק זיין אין די קדשים מסכתות).

ווענדיג אנהייבן צו שמועסן מיט די בחורים אין לערנען, האבן זיי געפרעגט די בחורים, וואס לערנט מען? האבן די בחורים געענטפערט אז דא לערנט מען נאר דעם פרק הקומץ רבה. הערנדיג דאס זענען זיי געווארן אנטוישט און האבן זיך אנגערופן: "פונקט וואס ביי אונז לערנט מען נישט, דאס לערנט מען ביי אייך" - וויבאלד אין די ליטווישע ישיבות פלעגט מען טאקע אויסלאזן בלויז דעם פרק הקומץ רבה.

(באילנא דחיי ח"א עמ' ע"ג)

## ללמוד על מנת לשנן: דער עיקר איז חזרה

גאר א שטארקן דגש האט דער רבי געלייגט אויפ'ן איבער'חזר'ן די לימודים. דער רבי האט איינגעפירט אין ישיבה אז סוף זמן זאל מען מאכן חזרה אויף אלע לימודים וואס זענען געלערנט געווארן במשכ'ן זמן, אז עס זאל זיין כמונח בקופסא. דער רבי האט מיר אסאך מאל נאכגעזאגט בשם זיין טאטן, דעם קדושת יו"ט זי"ע, וועלכער פלעגט זאגן: "דער עיקר איז נישט צו לערנען, דער עיקר איז צו חזר'ן, נאר מ'קען דאך נישט חזר'ן אן לערנען פריער, דעריבער מוז מען קודם לערנען כדי מ'זאל האבן וואס צו חזר'ן".

(באילנא דחיי ח"א עמ' ע"ו)

## לא תחסר כל בה: נישט אויסלאזן קיין איין תוספות

עס האט דערציילט הרה"ג ר' שמחה יוסף וואלטער ז"ל: עס איז אמאל געווען א מדובר אויפצונעמען אלס מגיד שיעור ביים רבי'ן אין ישיבה א געוויסער מרביץ תורה און תלמיד חכם גדול. דער רבי האט שטארק געשטיצט דעם געדאנק, נאכדעם וואס יענער קאנדידאט איז געווען א גדול בתורה ווען דער רבי האט שטארק רעספעקטירט, אבער למעשה האט יענער אינצווישן אנגענומען א פאזיציע אין אן אנדערע ישיבה, וואו איך האב דאן געארבעט.

אין א געלעגענהייט איז מיר אויסגעקומען צו רעדן צום רבי'ן דערוועגן. געווען איז דאס נאך א שמחת הברית פון איינע פון מיינע קינדער, ביי וועלכן דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, האט מיך דער רבי צוגערופן אין א זייט און האט מיך אויסגעפרעגט וואס איז פונקטליך יענעם'ס פאזיציע אין ישיבה, וואס איז זיין דרך הלימוד, א.ד.ג.

האב איך געענטפערט פאר'ן רבי'ן, אז יענער איז זייער א גרויסער מענטש, א גדול בתורה, אבער איך האב מיט אים א שטיקל סכסוך. ווייל ער לערנט נישט מיט די תלמידים אלע תוספות'ן אויפ'ן בלאט, נאר זיין דרך איז צו לערנען דוקא די תוספות'ער וואס געהערן צום ענין. צום ביישפיל ווען מ'האט געלערנט אין מסכת בבא מציעא די סוגיא פון 'מודה במקצת', האט ער געלערנט נאר די תוספות וואס רעדט פון מודה במקצת, און די אנדערע תוספות וואס איז נישט נוגע צו דעם ענין האט ער אויסגעלאזט, און אנשטאט האט ער געלערנט אנדערע תוספות'ער פון אנדערע ערטער אין ש"ס וואס האבן יא א שייכות צום ענין פון מודה במקצת.

דער רבי האט זיך זייער גע'חידוש'ט דערויף זאגנדיג: "אזוי? ער לערנט נישט אלע תוספות אין א סדר?". אינעם רבי'נס ווערטער איז געלעגן א משמעות אז ביי אים אין ישיבה וואלט ער נישט מסכים געווען צו אזא דרך, נאר מ'זאל זיך האלטן צום דרך המקובל אין אונזערע ישיבות צו לערנען אלע תוספות'ן אויפ'ן בלאט.

## לשמור את דרך עץ החיי"ם: בלייבן מיט'ן זעלבן דרך הלימוד וואס מיר האבן מקבל געווען פון אבותינו ורבותינו

דאן האט מיר דער רבי געפרעגט: "און וויאזוי לערנסטו?", האב איך געענטפערט אז איך לערן אזוי ווי מען האט געלערנט אינדערהיים אין די אונגארישע ישיבות. אבער אמאל-אמאל קען איך אויסרעדן אינמיטן שיעור א "רבי חיים" (פונעם גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל) אדער א "רבי ברוך בער" (פונעם גאון רבי ברוך בער לייבאוויץ זצ"ל קאמעניצער ראש ישיבה).

דער רבי האט מיך געפרעגט פארוואס עפעס זע איך פאר וויכטיג אויסצורעדן פאר די בחורים פשטים פון די ליטווישע גדולים. וואס ווי-נישט-ווי האט מען אין דער ליטא געלערנט אינגאנצן אן אנדערן דרך הלימוד ווי ביי אונז אין אונגארן.

האב איך געענטפערט פאר'ן רבי'ן אז צומאל איז פארהאן שווערע סוגיות וואס מען ברויך אויסברייטערן, און דער ליטווישע דרך הלימוד מאכט אינטערעסאנט די סוגיא, און עס ברענגט א חשק צום לערנען.

פרעגט מיר דער רבי: וואס למשל?

האב איך געענטפערט אז למשל יעצט לערנט מען אין ישיבה מסכת בבא קמא, און מיר האבן זיך געמוטשעט צו פארשטיין א געוויסן רשב"א, און בלויז אין די ספרים פון די ליטווישע ראשי ישיבות האב איך געטראפן א שיינעם ביאור דערויף. ממילא האב איך געשפירט פאר וויכטיג עס אויסצורעדן.

אויפ'ן רבי'נס בקשה האב איך פארגעלייגט פאר'ן רבי'ן דעם רשב"א אויף וועלכן מיר האבן זיך געמוטשעט:

די גמרא אנהייב בבא קמא (דף ב:) איז דאן איבער דעם חיוב פון אן אקס וואס שטויסט מיט אירע הערנער אן אנדערע אקס, און די גמרא ברענגט צוויי פסוקים פון וואו מ'לערנט עס ארויס. איין פסוק: (מלכים א כב) 'ויעש לו צדקיה בן כנענה קרני ברזל ויאמר כה אמר ה' באלה תנגח את ארם' וגו'. אן אנדערע פסוק: (דברים לג יז) 'בכור שורו הדר לו וקרני ראם קרניו בהם עמים ינגח'.

די גמרא ערקלערט פארוואס מען דארף האבן ביידע פסוקים. ווייל פון דער ערשטער פסוק וואס רעדט זיך פון א 'קרן תלושה' וואלט איך געקענט מיינען אז נאר ווען אן אקס שטויסט מיט אזעלכע הערנער וואס איז שוין נישט מחובר צום אקס, א זאך וואס איז נישט דער שטייגער, דאן איז א חילוק צווישן א שור תם וואס מ'באצאלט בלויז 'חצי נזק' מיט א שור מועד וואס מ'באצאלט 'נזק שלם', אבער ווען אן אקס שטויסט מיט זיינע באהאפטענע הערנער, דאן ווערט עס תיכף א מועד און מ'דארף באצאלן 'נזק שלם'. דעריבער דארף מען צוקומען צום צווייטן פסוק צו לאזן הערן אז אויך ביי א 'קרן מחוברת' איז פאראן א חילוק צווישן א תם און א מועד.

פרעגט דערויף דער רשב"א; ווי אזוי וואלט איך געקענט מיינען אז ביי א 'קרן מחוברת' זאל מען תיכף ביים ערשטן מאל באצאלן נזק שלם, אדרבא, זאל מען זאגן פארקערט, אז אזא שור איז אייביג א תם צו באצאלן בלויז חצי נזק. ווייל ווען מ'קומט ארויסציען געלט פון א צווייטן מכח א ספק, איז די הלכה אז מ'גייט לקולא, ווי דער כלל לויטעט אז 'ספיקא דממונא אזלינן לקולא', און דא איז מען דאך דאן איבער א 'ספק ממון' צי א אקס וואס שטויסט מיט אירע באהאפטענע הערנער דארף באצאלן חצי נזק אדער נזק שלם. לויט דעם, אפילו ווען איך זאל נישט האבן קיין בפירוש'ע פסוק צי מ'באצאלט חצי נזק אדער נזק שלם, איז עס בסך הכל א ספק, און ביי א ספק ממון גייט מען דאך לקולא. ענטפערט דער רשב"א אז דא ביי נזיקין גייט מען יא לחומרא אזוי ווי ביי יעדן ספק איסור מדאורייתא.

לכאורה, דארף מען פארשטיין דעם תירוץ פונעם רשב"א, פארוואס עפעס רעכנט ער עס ווי א ספק איסור און נישט ווי א ספק ממון, פאקטיש איז דער אסתפקתא וויפיל מ'ברויך באצאלן; חצי נזק אדער נזק שלם, אויב אזוי איז דאך דאס א ריכטיגער ספק ממון, וואו דער כלל איז אז מ'גייט ביי דעם לקולא. - ביז אהער האב איך איבערגעזאגט פאר'ן רבי'ן די שוועריגקייט וואס מיר האבן זיך געמוטשעט צו פארשטיין דעם תירוץ פונעם רשב"א.

דער רבי האט ארייגעקלערט דערין, און אויפ'ן ארט האט דער רבי אנגעהויבן צו זאגן אן הסבר אויפ'ן רשב"א'ס תירוץ ווי פאלגענד:

דער עיקר חיוב שמירה איז דאך א דאורייתא, און אויב האט מען פושע געווען אין דער שמירה דאן איז דא א חיוב תשלומין. אצינד איז אונזער ספק צי ביי א 'קרן מחוברת' איז דא א 'חיוב שמירה' אלס א 'שור תם' אדער אלס א 'שור מועד', און אט דער ספק אינעם חיוב שמירה איז א ריכטיגער 'ספיקא דאורייתא' ביי וועלכן מען דארף גיין לחומרא אזוי ווי ביי אנדערע איסורים.

מיט אנדערע ווערטער: ווען דער ספק וואלט געווען צי דער שור האט מזיק געווען אדער נישט, דאן וואלט עס טאקע געווען א 'ספיקא דממונא', אבער ביי אונזער פאל איז דאך דער ספק אויף דער 'חיוב שמירה' צי דער תורה האט אים מחייב געווען כדין שור תם אדער כדין שור מועד, ממילא אפילו מכח דעם קומט ארויס א ספק צי מ'דארף באצאלן חצי נזק אדער נזק שלם, פונדעסטוועגן ווערט עס ווייטער פאררעכנט ווי א ספיקא דאורייתא, און לויט דעם וואלט מען אייביג געדארפט באצאלן נזק שלם, ווען נישט דער צווייטער פסוק פון וועלכן די גמרא לערנט ארויס אז אויך ביי א קרן מחוברת איז דא א חילוק צווישן א תם און א מועד.

נאכדעם וואס דער רבי האט געענדיגט זאגן דעם הפלא'דיגן ביאור אין די ווערטער פונעם רשב"א, זאגט מיר דער רבי: "נו! יעצט לאמיר הערן וואס רבי חיים זאגט!".

האב איך איבערגעזאגט פאר'ן רבי'ן אז רבי ברוך בער זצ"ל האט אן אריכות דערוועגן, און ער ברענגט אראפ פון זיין רבי'ן רבי חיים בריסקער זצ"ל אקוראט דעם זעלבן הסבר וואס דער רבי האט נארוואס געזאגט!...

דערויף האט דער רבי רעאגירט בדרך צחות: "נו, אויף דעם ברויך מען צו זיין א ליטוואק?!..." - דער רבי האט דערמיט ארויסגעברענגט אז דער דאזיגער פשט אינעם רשב"א איז זייער פשוט און זעלבסטפארשטענדליך, און כדי דאס צו פארשטיין מוז מען נאכנישט אריבערשפרינגען צום דרך הלימוד פון די ליטווישע גדולים. מ'קען דאס זייער גרינטליך פארשטיין און ארויסהאבן אויך ווען מ'האלט זיך ווייטער צו אונזער דרך הלימוד לויט ווי מיר האבן מקבל געווען פון אבותינו ורבותינו הקדושים.

האב איך געזאגט פאר'ן רבי'ן: ווען יעדער זאל קענען לערנען אזוי ווי דער רבי, וואלט מען טאקע נישט געברויכט צוקומען צו זוכן אין אנדערע ספרים. אבער וואס זאל איך טון אז איך קען דאך נישט לערנען אזוי ווי דער רבי, מוז איך עס זוכן דארט וואו עס שטייט דערוועגן...

הערנדיג מיין תשובה האט זיך דער רבי צושמייכלט.

## דעם ריכטיגן דרך הלימוד קען מען זיך אויסלערנען פון די גדולי האחרונים

עס האט דערציילט הרב הגאון רבי בעריש קאהן שליט"א ראה"כ ויואל משה אנטווערפען: דער רבי האט פונקטליך געוואלט וויסן אלעס וואס שפילט זיך אפ אין ישיבה, און פאר דעם צוועק האט דער רבי זיך כסדר נאכגעפרעגט ביי די איינגעשטעלטע אדער ביי די עלטערע בחורים איינצעלהייטן פון ישיבה.

אויך מיר האט דער רבי אמאל געלאזט רופן, און דערביי אויסגעפרעגט פארשידענע ענינים פון ישיבה. צווישן אנדערן האב איך אויפגעברענגט אז די בחורים ווייסן נישט דעם פונקטליכן 'דרך הלימוד' וואס מיר ברויכן צו לערנען. דערויף האט דער רבי רעאגירט אז ווען מ'קוקט נאך ווי אזוי די גדולי האחרונים האבן געלערנט (ווי עס דאכט זיך מיר האט דער רבי אנגעכאפט פאר א דוגמא דער חתם סופר זי"ע) קען מען זיך דערפון אויסלערנען דעם בעסטן דרך הלימוד.

## גם כי יזקין לא יסור ממנו: דער ריכטיגער "דרך הלימוד"

דאס זעלבע פארציילט הגה"צ רבי מרדכי שטיין שליט"א אבד"ק פאלטישאן ומלפנים מנהל רוחני בישיבה תורה ויראה ד'סאטמאר: דער רבי פלעגט אלץ חזר'ן זיין יסוד אז דער ישיבה איז נישט געמאכט געווארן בלויז אויף די פאר יאר וואס דער בחור געפינט זיך במסגרת הישיבה, נאר די ישיבה שטעלט אהער דעם בחור אויפ'ן גאנצן לעבן, ממילא דארף מען אהערשטעלן דעם בחור אויף אזא אופן אז דער חינוך וואס ער באקומט דא זאל ממשיך זיין ווייטער.



און דערפאר דארף מען זיין זייער געווארנט וואספארא סארט חינוך מ׳גיט זיי איבער, ווייל לויט ווי אזוי מ׳איז מחנך דעם בחור אין זיינע אינגע יארן, אט אזוי וואקסט ער אויף אלע זיינע שפעטערע יארן.

דאס זעלבע האט דער רבי געהאלטן כלפי דעם "דרך הלימוד", אז מ׳ברויך צוגעוואוינען די בחורים צו לערנען אויפ׳ן ריכטיגן דרך הלימוד, לויט ווי מיר האבן מקבל געווען פון די פריערדיגע דורות, צו לערנען קלאר און בעיון די שקלא וטריא פון דער גמרא תוס׳ מיט די ראשונים, און געזונט פארשטיין די מהלך הסוגיא לויט די שיטות הראשונים והפוסקים, און זיך מבטל זיין פאר זייער מיינונג. אויב א בחור געוואוינט זיך צו לערנען אויף אזא וועג, וועט ער אויך אלס אלס אינגערמאן קענען ממשיך זיין צו לערנען ביי זיינע שיעורי קביעות עתים לתורה.

מה שאין כן, אויב לערנט מען אלס בחור לויט׳ן דרך הלימוד ווי עס איז איינגעפירט אין אנדערע ישיבות, ווי מ׳פארברענגט די גאנצע צייט מיט חקירות ופלפולים, המצאות און היכי תמצות, געבויעט אויף אייגענע בויך-סברות פון וואס עס קומט גארנישט ארויס, אויסער דעם וואס דאס זעלבסט איז א שכחת התורה בדרך האמת לויט ווי מ׳האט געלערנט אין די פריערדיגע דורות, קומט צו דער פאקט אז שפעטער נאך דער חתונה, ווען דער אינגערמאן ברויך ארויסגיין ארבעטן על המחיה ועל הכלכלה, קען ער כמעט נישט ממשיך זיין צו לערנען אויף דעם וועג, און אזוי בלייבט ער קרח מכאן ומכאן.

און דער מציאות האט אויפגעוויזן אז "סאטמאר" האט זיך נישט געהאט צו שעמען און האט גאר איבערשטיגן די אלע לומדישע ישיבות.

א מערקווירדיג ביישפיל דערויף: צוליב א געוויסע סיבה האט מען אמאל אריבערגערופן א פרעמדער ראש ישיבה זאל פארהערן ביי אונז אין ישיבה, און איך האב האב אים ארומגעפירט צווישן די כתות צו פארהערן די בחורים. מ׳האט דעמאלט געלערנט אין ישיבה מסכת כתובות, און נאכ׳ן פארהער האט ער מיר געזאגט מלא התפעלות: "איך קען ניט גלייבן. דאס איז סאטמאר?! דאס איז די ישיבה אויף וועלכע מ׳זאגט אז מען לערנט ניט?!".

ער זאגט ווייטער מיט אן אומבאהערשנדע באגייסטערונג: "איך האב נאך אזאנס נישט באגעגנט... אזויפיל בחורים זאלן אזוי גוט קענען די גאנצע שווערע מסכתא מיט אלע תוספות׳ן, מיט אזא קלארע הבנה און בקיאות. איך האב נאך אזאנס נישט באגעגנט!".

## לערנען הלכות איז מסוגל צו יראת שמים

עס האט דערציילט הרה"ח ר׳ חיים משה שטויבער ז"ל: דער רבי האָט שטאַרק מקפיד געווען אַז די בחורים זאָלן לערנען אויסער גמרא תוספות מיט ראשונים ואחרונים, אויך טור-בית יוסף און שלחן ערוך מיט מגן אברהם און מחצית השקל.

דער רבי האָט געזאָגט, אַז אויסער דעם נחיצות צו קענען אַ הלכה פסוקה איז עס אויך מסוגל צו יראת שמים.

דער רבי האָט אַמאָל שמועסנדיג מיט אַ תלמיד, איבער געוויסע בחורים וואָס זענען געגאַנגען לערנען אין אַן אַנדערע ישיבה וואו מ׳לערנט בדרך פלפול, זיך באַקלאָגט: "עס איז ממש אַ שאָד אויף זיי. זיי האָבן גוטע קעפּ און וואָלטן געקענט קאָנען לערנען, און זיי ברענגען זיך נעבעך אָן די צייט מיט פלפולים של הבל.

דער סוף וועט זיין, די פלפולים וועלן זיי פאַרגעסן, און קיין הלכה אין שלחן ערוך וועלן זיי נישט וויסן, ס׳איז לא הא ולא הא!". – עס איז איבריג אויסצופירן אַז ס׳איז טאַקע אַזוי געווען.

## צדיק יבחן: דער רבי פאַרהערט דעם פרי מגדים

עס האט דערציילט הרה"ח ר׳ חיים מרדכי שטיינבערג ז"ל: יעדע דאָנערשטאָג האָט דער רבי פאַרהערט דעם שיעור אין גמרא תוס׳, און זונטאָג האָט דער רבי פאַרהערט שלחן ערוך או"ח און יו"ד, און אויך חומש רש"י.

ביים פאַרהער אויף גמרא תוס׳ האָט דער רבי געהאַלטן אָפן אַ גמרא, און אויסער די שקלא וטריא האָט דער רבי אויך געפאָדערט מ׳זאָל קענען דעם לשון פון גמ׳ און תוס׳ בעל פה.

ווידער ביים פאַרהער אויף שלחן ערוך האָט דער רבי נישט געהאַלטן קיין שלחן ערוך אָפן. מ׳האָט אויך געדאַרפט קענען דעם מחבר און רמ"א מיט׳ן לשון, און די שקלא וטריא פון די נושאי כלים: ש"ך, טורי זהב, מגן אברהם מיט׳ן מחצית השקל. די עלטערע בחורים האָבן אויך געדאַרפט קענען פרי מגדים.

אין די צייטן וואָס איך האָב געלערנט אין רבי׳נס ישיבה אין קראָלי, פלעגט דער רבי׳נס איידעם, דער סעמיהאַליער רב, פאָרלערנען דעם שיעור אין שולחן ערוך. דער שיעור איז פאָרגעקומען אינעם פאָדער-צימער ביים רבי׳ן אין שטוב [וואו דער רבי פלעגט געווענליך פראַווען די "ראש חודש טישן"].

איינמאָל אין אַ מיטוואָך, בין איך אָנגעקומען צום שיעור ביים רבי׳ן אין שטוב זייער פרי, ווען קיינער איז נאָכנישט דאָרט געווען. אַזוי זיצנדיג דאָרט האָב איך געזען אויפ׳ן טיש דעם רבי׳נס גרויסע שלחן ערוך יורה דעה, און היות איך זעלבסט האָב נישט געהאַט קיין שלחן ערוך וואָס האָט אויך ענטהאַלטן אויך ׳פרי מגדים׳, האָב איך גענומען דעם רבי׳נס שלחן ערוך, און איך האָב מעיין געווען אין די לאַנגע הקדמה פונעם פרי מגדים אויף הלכות מליחה (וואו ער איז מסביר זעקס טעמים פאַרוואָס מען דאַרף זאַלצן פלייש).

מיטאַמאָל, איז דער רבי אַדורכגעגאַנגען יענע שטוב. היות דער רבי פלעגט גיין זייער גיך האָב איך אין אָנהייב נישט באַמערקט אַז דער רבי איז דאָרט אַריינגעקומען. ערשט אַ קורצע ווײַלע דערויף אויפהייבנדיג מיינע אויגן האָב איך






געזען אַז נישט קיין צווייטער ווי דער רבי שטייט דאָ נעבן מיר און בליקט אַריין וואָס איך לערן...

איך בין געוואָרן אַביסל אומבאַקוועם, ווייל איך האָב דאָך גענוצט דעם רבי'נס שלחן ערוך אָן זיין רשות. אָבער דער רבי האָט מיר נישט געזאָגט קיין וואָרט, נאָר ער איז ווייטער געגאַנגען אַריין צו זיך אין ספרים שטוב.

דעם נאָכפאָלגענדן זונטאָג ווען מיר האָבן זיך געשטעלט צום פאַרהער אויף שלחן ערוך, הלכות מליחה, וואָס מיר האָבן דאַן געלערנט, ווען עס איז געקומען מיין רייע זיך צו פאַרהערן האָט מיך דער רבי געפרעגט: "וואָס זאָגט דער פרי מגדים די טעמים אויף מליחה?"...

די אַנדערע בחורים וואָס זענען דאָרט געווען האָבן זיך שטאַרק גע'חידוש'ט פאַרוואָס דער רבי פרעגט מיך אַ פרי מגדים, אין דער צייט וואָס די יונגע בחורים האָבן נישט געלערנט פרי מגדים. אָבער פאַר מיר איז דאָס ווי פאַרשטענדליך נישט געווען קיין וואונדער, נאָר אדרבא, אַ שטאַרקער חיזוק.

מיט עטליכע יאָר שפּעטער, שוין לערנענדיג אין סאַטמאַר, ווען לויט מיין יאָרגאַנג האָב איך שוין אָפּיציעל געדאַרפט לערנען פרי מגדים, האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַז ביים וועכנטליכן שיעור האָט מען געדאַרפט לערנען אַ גרויסן שווערן פרי מגדים, און אַ גרויסן שווערן מחצית השקל. דורכאויס די גאַנצע וואָך האָב איך זיך זייער געפּלאָגט דאָס אַדורכצולערנען, און זונטאָג ביים פאַרהער בין איך ב"ה געווען גרייט זיך צו פאַרהערן דעם פרי מגדים מיט'ן מחצית השקל.

ווען ס'איז געקומען מיין רייע זיך צו פאַרהערן האָט מיך דער רבי געפרעגט: "האָסט געלערנט דעם גאַנצן פרי מגדים?", האָב איך געזאָגט אַז יאָ.

האָט מיך דער רבי ווייטער געפרעגט: "האָסט אויך געלערנט דעם גאַנצן מחצית השקל?", האָב איך ווידער געענטפערט אַז יאָ. איך האָב געקלערט אַז דער רבי וועט מיר אוודאי הייסן איבערזאָגן וואָס דאָרט שטייט, אָבער צו מיין איבערראַשונג האָט זיך דער רבי אָנגערופן: "נו, וואָס זאָגט רש"י אויף דעם און דעם פסוק?"... אויף דעם בין איך שוין נישט געווען גרייט, ווייל זייענדיג אַזוי פאַרנומען יענעם וואָך מיט'ן לערנען דעם פרי מגדים מיט'ן מחצית השקל האָב איך פשוט נישט עספּיעט גרונטליך אַדורכצולערנען חומש רש"י.

היות איך האָב נישט געוואוסט צו ענטפערן אויפ'ן רבי'נס פראַגע, האָט מיר דער רבי געגעבן אַ 'פסק' זאָגנדיג: "אָה, דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור, און ס'פּאַסט דיר שוין נישט צו לערנען חומש רש"י?!"... ווי פאַרשטענדליך איז דאָס געווען פאַר מיר גענוג און נאָך אַז פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו לערנען חומש רש"י, אָפּגעזען ווי שווער עס איז געווען דער שיעור פון די אַנדערע לימודים אין ישיבה, ווייל כ'האָב געוואוסט אַז ביים רבי'ן איז חומש רש"י העכער פון אַלעם.

רעדנדיג פון די פאַרהערן אויף 'פרי מגדים', קומט מיר אַרויף אין זכרון ווען איינמאָל ביי אַ פאַרהער האָט אַ געוויסער בחור נאָכגעזאָגט אַ פשט אין פרי מגדים ווי ער האָט דאָס אָפּגעלערנט לויט זיין פאַרשטאַנד. דער רבי האָט אָבער געזאגט אַז עס איז אַנדערש פשט אינעם פרי מגדים.

נאָכ'ן פאַרהער, ווען דער רבי איז אַהיימגעגאַנגען, האָט דער רבי נאָכאַמאָל מעיין געווען אינעם פרי מגדים, און עס האָט זיך אים אַרויסגעשטעלט אַז דער בחור האָט געזאָגט אַ ריכטיגן פשט אינעם פרי מגדים.

דער רבי האָט תיכף אַריבערגערופן דעם בחור, און האָט אים מפייס געווען, און אים געזאָגט אַז ער האָט זיך מתבונן געווען אינעם פרי מגדים, און עס האָט זיך אים אַרויסגעשטעלט אַז ער איז גערעכט געווען מיט'ן פשט וואָס ער האָט אַריינגעלערנט אינעם פרי מגדים.

## "חוות דעת" קלארט אויס דעם שכל

א מערקווירדיגע זאך האט דערציילט הגאון הצדיק ר' משה יאזעפאוויטש זצ"ל: אין די ערשטע יארן, ווען דער רבי זי"ע פלעגט פארהערן די בחורים אין שולחן ערוך יורה דעה, פלעגט ער אלץ פארהערן אויך דעם "חוות דעת". איך האב זיך זייער גע'חידוש'ט פארוואס עפעס דער רבי לייגט אזא דגוש מ'זאל קענען דעם חוות דעת; בעסער וואלט דער רבי געדארפט פארהערן "פרי מגדים". ווען איך האב אויסגעדריקט מיין וואונדער פאר'ן רבי'ן, האט ער מיר געענטפערט: "דער פירוש פונעם חוות דעת קלארט אויס דאס לערנען, דעריבער וויל איך אז די בחורים זאלן דאס גוט קענען".

(באילנא דחיי ח"א עמ' ע"ג)

## הוא מותיב והוא מפרק: דער רבי פארהערט 'הלכה למעשה'

עס האט דערציילט דער מאנטרעאלער דיין כ"ק הגה"צ רבי משה מנחם טירנויער זצ"ל: געווען איז עס אינעם ערשטן זמן לערנענדיג ביים רבי'ן אין ישיבה, ווען מ'האט געלערנט אין ישיבה די סוגיא פון "טבילת כלים" (אויף וועלכן דער רבי האט געזאגט דעם "קרעפל פשעטל" דעם קומענדיגן יו"ט שבועות שנת תשכ"א). ביים פארהער האט מיר דער רבי געפרעגט: וואס איז די הלכה, טאמער מען האט נישט געטובל'ט א כלי בעפאר יו"ט, צי מען מעג עס טובל'ן אום יו"ט?.

האב איך געזאגט פאר'ן רבי'ן דעם אמת אז איך האב געלערנט די גמרא מיט די ראשונים מיט'ן שאגת אריה אויפ'ן סוגיא, אבער איך האב נאכנישט אנגעיאגט צו לערנען הלכה למעשה אין שלחן ערוך.

האט זיך דער רבי אנגערופן מיט א ליבליכקייט: "איך וועל דיר זאגן!". ומיניה וביה האט דער רבי אנגעהויבן מיר צו זאגן די הלכה למעשה וואס עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך אנבאלאנגט די שאלה. עס איז מיר דאן געווען זייער מערקווירדיג, ווייל געווענליך ביי א פארהער, אויב האט מען נישט געוואוסט דעם ענטפער, איז דער רבי גראד געגאנגען צום קומענדיגן בחור. אבער ביי דעם פאל האט דער רבי אליין אנגעהויבן מיר צו ערקלערן בטוב טעם ודעת וואס עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך הלכה למעשה.

דאס איזווירקליך געווען איינס פון די פרינציפן וואס דער רבי האט אריינגעברענגט אין זיינע תלמידים, אז דער עיקר תכלית פונעם לערנען איז מ'זאל ארויסקומען מיט ידיעות התורה להלכה למעשה.

## אמור לו כהלכות הפסח: לערנען די הלכות איז פונקט ווי מ'באקט אליין די מצות

נאך האט דערציילט כ"ק הגה"צ מאנטרעאלער דיין זצ"ל: איין יאר ערב פסח בין איך אנוועזנד געווען ביים רבי'נס "מצות באקן". עס איז דאן געווען א גרויסן אנלויפעניש, א זאך וואס איז נישט ניחא געווען פאר'ן רבי'ן.

דער רבי איז כדרכו בקודש געווען זייער צוקאכט ביים מצות-באקן ערב פסח, ווערלנדיג זיכער מאכן אז אלעס זאל געטון ווערן על צד היותר טוב מיט די גרעסטע חומרות און הידורים. און אצינד זעענדיג דעם שטופעניש האט זיך דער רבי געווענדן צו עמיצן פרעגנדיג:

"האסט שוין געלערנט דעם רמב"ם הלכות קרבן פסח?", האט יענער געענטפערט אז ניין!.

האט אים דער רבי געזאגט: "נו, גיי שוין לערנען!". שפעטער ווען דער רבי האט אים נאכאמאל באמערקט, האט אים דער רבי איבערגעפרעגט: "דו האסט שוין געלערנט?".

פאר אן אנדערער בחור האט זיך דער רבי אנגערופן בשעת'ן מצות-באקן: "דו ווילסט באקן מצות? גיי לערנען שלחן ערוך סי' תנ"ט הלכות אפיית מצות, עס איז פונקט אזוי ווי דו באקסט אליין די מצות".

SPONSOR #1
PRO DECKS
845.352.DECK

SPONSOR #2
MEN'S CORNER
845.782.6756

SPONSOR #3
QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733

SPONSOR #4
סאטמאר פלייש

SPONSOR #5
MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
845.287.4190

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880



שאול בחיר ה':

# דער קאַשויער רב אַלס סיגוטער תלמיד

די וואונדערליכע תקופה ווען

## הגה"ק רבי שאול בראַך זצוק"ל

אבד"ק קאַשוי

האָט יונגערהייט געלערנט ביי זיין הייליגן רבי'ן

## מרן הגה"ק בעל קדושת יו"ט מסיגוט זי"ע

פארעפענטליכט לקראת די יומא דהילולא
פון מרן בעל קדושת יום טוב זי"ע דעם דאָנערשטאָג
כ"ט שבט, און די יאָרצייט פון הגה"ק רבי שאול
בראך זי"ע, דעם דינסטאָג כ"ו שבט, זי"ע

שטייענדיג אין די וואָך ווען עס געפאַלט די יומא דהילולא רבא פון מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע, איז געוויס אַ דבר בעתו צו שילדערן די אויסטערלישע דביקות עילאה פון זיין גרויסער תלמיד מובהק, הגה"ק רבי שאול בראך אבד"ק קאַשוי, וועמענס יאָרצייט געפאַלט אויך אויס די וואך, כ"ו שבט.

דער קאַשויער רב זצ"ל האט ווירקליך זוכה געווען לקבל לקח מפי מרן בעל קדושת יום טוב זי"ע בימי בחרותו, ווען ער האָט געלערנט און זיך אָנגעשעפּט מיט דעם קוואַל פון תורה און עבודה אין דער ישיבה הרמה אין דער שטאָט סיגוט בצל תומר, און ער האָט דאַן זיך אָנגעקניפּט מיט אַ קשר אמיץ צו זיין הייליגן רבי'ן, דער קדושת יום טוב וואָס איז אים געבליבן איינגעקריצט אין האַרץ כל ימי חייו.

לאמיר אַלזאָ, צוערשט איבערגיין אין קורצן די יונגע יאָרן פון דעם גרויסן גאון וצדיק, ביז ער איז אָנגעקומען אין דער ישיבה פון סיגוט, בצלו פון מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע.

## די ימי הבחרות פון הגה"ק מקאַשוי זצ"ל

הגה"ק רבי שאול בראַך זצוק"ל איז געבוירן כ"ט שבט שנת תרכ"ה אין נייטרא, צו זיין פאָטער ר' אלעזר ז"ל און זיין מוטער מרת ליבא ע"ה. זיין פאָטער איז געווען אַן עושר מופלג און אַ גרויסער עסקן בצרכי הלל. רבי שאול בראַך האָט זיין ערשטן ספר אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין טאַטן "משמרת אלעזר", ווי ער שרייבט אין די הקדמה, איז עס וויבאַלד ער איז יונגרהייט געוואָרן אַ יתום און נישט געקענט געהעריג מקיים זיין כיבוד אב בחייו.

זיין מוטער מרת ליבא ע"ה איז געווען די טאָכטער פון הגה"צ המפורסם רבי יעקב מאיר צבי פרידלענדער זצ"ל אבד"ק שוראַני מח"ס דרך ימה דרושים לתשובה.

שוין יונגערהייט האָט מען געזען אויף אים אַז לגדולת נוצר. נאָך ביי די פינף יאָר האָט ער יעדע וואָך שבת ביי די סעודה געזאָגט פון אויסנווייניג דעם גאַנצן כלי יקר אויף די פרשת השבוע. און ער פלעגט זאָגן אַז ביז ער האָט נישט געענדיגט זאָגן דעם גאַנצן כלי יקר פון די סדרה האָט זיין טאַטע נישט געענדיגט די סעודה און נישט געבענטשט. פון די פיר ביז די עלף יאָר האָט ער געלערנט ביי זיין רבי'ן הצדיק ר' יעקב פונפדער זצ"ל.

די צוויי יאָר פון די עלף ביז ער איז געוואָרן בר מצוה האָט ער געלערנט אין צוויי ישיבות וועלכע האָבן פונקציאָנירט אין נייטרא. נייטרא איז געווען די איינציגסטע קהילה אין די גאַנצע מדינה וואו עס האָבן משמש געווען צוויי אָרטאָדאָקסישע רבנים אינאיינעם,ביידע מיט אַלע רעכטן פון אַ רב. עס איז געווען דאָרט אַ מחלוקה צווישן צוויי אָפּטיילונגען פון די קהילה אין געוויסע ענינים. ביידע גרופּעס זענען געווען אָרטאָדאָקסישע אידן, און כדי די מחלוקת זאָל נישט ווערן גרעסער האָבן זיי מפשר געווען צווישן זיך אַז יעדע גרופּע זאָל האָבן אַן אייגענעם רב, און אויך איז אָנגענומען געוואָרן די קהילה זאָל בלייבן ווייטער פאַראייניגט, נאָר צוויי באַזונדערע שולן זענען געווען פאַר ביידע רבנים. דאָס געהאַלט האָבן די רבנים באַקומען פון די קהל'ישע קאַסע. יעדער רב האָט געהאַט זיין בית הכנסת, גע'פסק'ט שאלות און געפירט דין תורה'ס פאַר זיינע מענטשן, און דאָס האָט צעביסלעך אָפּגעשטעלט די מחלוקה. נאָך זייער פטירה איז די קהילה צוריק פאַראייניגט געוואָרן מיט בלויז איין רב.

ביידע רבנים, הגאון רבי שלמה דייטש זצ"ל און הגאון רבי יוסף האָניג זצ"ל, האָבן געפירט ישיבות באַזונדער, און רבי שאול בראַך האָט צוויי יאָר געלערנט אין ביידע ישיבות, וואו מען האָט ווי פאַרשטענדליך געלערנט באַזונדערע שיעורים. דאָס עלף יעריג אינגל פלעגט לויפן פון ישיבה צו ישיבה, פון איין שיעור צום אַנדערן, און זיך געשטעלט צום פאַרהער אויף אַלע שיעורים ביי זיינע ביידע רבי'ס.

נאָך די בר מצוה איז ער געפאָרן לערנען ביי זיינע רבי'ס דער מהר"ם שיק און נאָכדעם דער חתן סופר אין מאַטערסדאָרף, און שפּעטער האָט ער געלערנט אַ גאַנץ יאָר אין סיגעט ביי מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע, וואו עס האָט אים נענטער געברענגט צו די חסיד'ישע וועלט, און ער איז מיט די יאָרן געוואָרן שטאַרק מקושר צו די צדיקים פון סיגעט, בעלזא, צאַנז-שיניאָווא, און נאָך, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן



OWL SECURITY
אברהם יהושע בינער | 845.782.8090
sales@owlsecurityinc.com

ביז סוף ימיו ממש.

## בצל מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע

נאָך די פטירה פון מהר"ם שיק איז דער קאַשויער רב אַוועקגעפאָרן פון חוסט קיין מאַטערסדאָרף לערנען אין די ישיבה פון הגאון בעל חת"ן סופר זצ"ל וואו ער האָט געלערנט פיר יאָר. נאָך מאַטערסדאָרף האָט ער געדאַרפט זיין אינדערהיים צוליב משפחה אַנגעלעגנהייטן און ער האָט געלערנט אין זיין שטאָט נייטרא. דערנאָך איז ער צוריק קיין סיגעט. דאָס איז שוין געווען נאָך די הסתלקות פון ייטב לב זי"ע ו' אלול תרמ"ג, און זיין זון הגה"ק בעל קדושת יו"ט זי"ע האָט ממלא געווען מקום אביו אַלס רב און רבי אין סיגעט. רבי שאול בראַך איז געוואָרן מקושר צו זיין נייעם רבי'ן דער קדושת יו"ט זי"ע.

ביים קדושת יום טוב איז ער פאַרבליבן אַ גאַנץ יאָר און ער האָט אויך געלערנט אין זיין ישיבה. במשך פון יענעם יאָר איז ער איינגעשטאַנען ביי זיין רבי'ן אין שטוב און געגעסן ביי אים אויפ'ן טיש. ער פלעגט דערציילט וועגן דאָס גרויס פרישות און קדושה פון זיין רבי'ן וואָס ער האָט אַליין צוגעזען מיט די אויגן במשך יענעם יאָר וואָס ער האָט זיך געפינען אין זיין מחיצה, ולא זזה ידו מידו פון זיין רבי'ן יומם ולילה.

## מיט'ן אוהעלער רב, הגה"ק רבי משה יוסף זי"ע

ווען רבי שאול בראַך האָט חתונה געהאַט אין אוהעל האָט ער דאָרט געוואוינט דריי יאָר ביז ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין מאַגענדאָרף. אין יענע צייט איז געווען רב אין אוהעל הגה"ק רבי משה יוסף טייטלבוים זצ"ל, דער ברודער פונעם קדושת יו"ט, און רבי שאול בראַך פלעגט אָפט גיין צום רב און שמועסן אַסאַך אין דברי תורה. ווי פאַרשטענדליך האָבן זיי אַסאַך אויך גערעדט וועגן בית סיגעט. דער אוהעלער רב האָט דערציילט פאר רבי שאול בראַך אַסאַך זאַכן פון זיין הייליגן טאַטן דער ייטב לב. און ער האָט אים דערציילט וועגן זיין ברודער דער קדושת יו"ט.

רבי שאול בראַך פלעגט שפּעטער באַמערקן אַז ער האָט אויפגעפּאַסט פיל מאָל ווי דער אוהעלער רב האָט זיך געוואונדערט ווען ער האָט דערציילט וועגן די גרויסע קדושה פון זיין ברודער דער קדושת יו"ט, געוויסע זאַכן זענען געווען ביי אים אַ חידוש, ער האָט נישט געוואוסט פון זיין קדושה און זיינע גרויסע מדריגות.

דעריבער האָט אים רבי שאול בראַך דערציילט אַז במשך פונעם גאַנצן יאָר וואָס ער האָט געוויילט ביים קדושת יום טוב אין שטוב האָט ער זיך קיין שום נאַכט אויסער שבת נישט געלייגט אין בעט, און ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעטאָן די בגדים נאָר ווען ער איז געגאַנגען אין מקוה. אין די שפּעטע נאַכט שעה'ן ווען ער איז שוין געווען מיד און ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט האַלטן וואַך און זיצן ביים טיש, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין בענקל, אַרויסגעשלעפּט דעם רעכטן אַרבל פון די פּלייצעס, און געלייגט דאָס אַראָפּגעצויגענע חלק אויף די האַנט און אַזוי איז ער געשלאָפן אויף אַ בענקל אין צימער אַ שטיק צייט אָן קיין קישן אָדער דעקע, און באַלד נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ווייטער געלערנט.

דאָס האָב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אַ גאַנץ יאָר - האָט רבי שאול בראַך אויסגעפירט.

**"אויב אַזוי", האָט דער אוהעלער רב געזאָגט, "אַז אַ איד קען לערנען מיט אַזאַ יגיעה און קדושה ווי איר דערציילט, דעמאָלט איז שוין נישט קיין וואונדער ווי ער איז געוואָרן אַ רבי און מנהיג פון אַזאַ גרויסע עדה און ממלא מקום געווען דעם הייליגן טאַטן זי"ע".**

## אן אָפענע וואונדערליכע ישועה קעגן דעם רשע

ווען דער קאַשויער רב האָט געוויילט יענעם יאָר אין סיגעט, האָט ער געזען אַן ענין נורא ביי זיין רבי'ן דער קדושת יו"ט, און ער פלעגט עס שטענדיג דערציילן מיט אַ געוואַלדיגע התרגשות.

די גזירה פון רעקרוטירן אידן צום מיליטער איז דעמאָלט געווען איינע פון די שווערסטע און מסוכנ'דיגע זאַכן. עמיצער וואָס איז געגאַנגען דינען אין מיליטער, אין צוגאָב צו די פילע צרות און עינויים וואָס ער האָט געליטן לאַנגע יאָרן, איז מען געוואָרן אָפּגעזונדערט פון אידן, מען האָט נישט געהאַט קיין שום מעגליכקייט צו האַלטן תורה ומצוות, לייגן תפילין און היטן שבת, ובפרט עסן כשר'ס, וואָס איז ממש געווען אוממעגליך. דעריבער איז פאַרשטענדליך אַז די בחורים וועלכע האָבן זיך געדאַרפט שטעלן צו די קאָמיטעס זיך אונטערזוכן אויב זיי זענען פּאַסיג צו דינען אין מיליטער, האָבן געטאָן כל טצדקי, געזוכט אַלע וועגן און פעולות וויאַזוי צו קענען פטור ווערן פון דעם עול און די שרעקליכע סכנה. מען פלעגט זיך מאַכן קראַנק און שוואַך אַז ביי די אונטערזוכונג זאָל מען זען אַז מען איז נישט קערפּערליך פּעאיג צו מיליטער דינסט. מען האָט אונטערגעקויפט די באַאַמטע און וואָס נאָר מעגליך האָט מען געטאָן מען זאָל באַפרייט ווערן.

דער קדושת יום טוב פלעגט שטאַרק אויפפאָדערן זיינע חסידים זיי זאָלן אַלעס אין דער וועלט אָנווענדן באַפרייט צו ווערן פון מיליטער דינסט, ווייל דאָס איז אַ סכנה בגוף ובנפש.

אין די יאָרן ווען רבי שאול בראַך האָט זיך געדאַרפט שטעלן פאַר אַזאַ קאָמיטע, זענען געווען אין אונגאַרן פילע מיליטער-לייט וועלכע זענען געווען די הויפּטן פון די סאָרט קאָמיטען. רשעים און באַרימטע





ביים קארנער ווארט פאר א היטש-אויף
אנצוקומען קיין בארדיטשוב
נעמט א חלק בלימוד התורה
קרית יואל
חסד ווינטער קאַמפּיין
'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

שונאי ישראל, וועלכע האָבן דירעקט געזוכט אַריינצונעמען אידישע בחורים אין מיליטער. די מיליטערישע קאָמיטעס פלעגן געשיקט ווערן דורך די קריגס-אָפּיסעס פון שטאָט צו שטאָט, און אַלע וואָס האָבן זיך געדאַרפט רעקרוטירן פון יענע שטעט האָבן זיך געמוזט שטעלן צו זייער אָרטיגן קאָמיטע. עס זענען געווען צווישן די קאָמיטעען אויך אָרנטליכע וועלכע האָבן נישט דוקא געלאָקערט אַריינצונעמען אידן, דעריבער ווען מען איז געוואויר געוואָרן אַז אין אַ באַשטימטע שטאָט קומט אַזאַ קאָמיטע אויף וועלכן מען האָט שוין געוואוסט אַז ער איז פון די גוטע, זענען די בחורים וואָס האָבן זיך געדאַרפט שטעלן צום פאַרהער געקומען צו אים פון אַלע פלעצער, זיי האָבן זיך איינגעשריבן ביי די לאָקאַלע אויטאָריטעטן אַז זיי וואוינען אָדער לערנען דאָרט, און נאָכדעם ווען עס איז געקומען דער זמן פון מיליטער האָבן זיי זיך געשטעלט דאָרט פאַר די קאָמיסיע.

אין יענע יאָרן פלעגט מען זיך דאַרפן שטעלן צום מיליטער דריי מאָל. אָנגעהויבן פון ווען מ'איז אַלט געווען צוואָנציג יאָר ביז די 22. רבי שאול בראַך האָט אַסאַך מאָל דערציילט אַז ער האָט געליטן צרות פון זיך שטעלן צום מיליטער אין אַן אופן יוצא מן הכלל, און יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר די קאָמיטעס האָט מען אים רעקרוטירט צו דינען. אָבער יעדעס מאָל האָט ער מיט פאַרשידענע תחבולות באַוויזן צו טוישן דאָס מיליטער און זיך ווידער שטעלן. נאָכדעם וואָס ער האָט זיך געמוזט שטעלן צו זיי דאָס פערטע מאָל, האָט ער געמאַכט אַ תחבולה וועלכע מען פלעגט טאָן דעמאָלט, זיך פאָרשטעלן ווי מען האָט אַ שווערע קרענק אין די אויגן, אַ מחלה וואָס איז דעמאָלט געווען אָנגענומען אַלס אָנשטעקיג. ער האָט באַקומען פון אַ חבר לצרה אַזאַ רפואה, וועלכע איז געווען ווי אַ קליין שטיינדל, און נאָכ'ן שמירן יעדע פאָר שעה אויף די אויגן האָט עס אויסגעזען ווי איינער וואָס ליידט און איז אָנגעשטעקט מיט די מחלה.

איידער ער האָט זיך געשטעלט פאַר די קאָמיסיע האָט ער גענוצט די רפואה, אָבער דער דאָקטאָר וואָס האָט אים אונטערזוכט האָט אים נישט געוואָלט געבן קיין פטור, ער האָט אים געשיקט צו אַ מיליטערישן שפּיטאָל וואו ער זאָל ווײַלן עטליכע טעג אויף אונטערזוכונג, אין שפּיטאָל האָט מען אים געהייסן אויסטאָן די קליידער און עס זיי געבן, און זיי וועלן אים געבן די שפּיטאָל קליידער, רבי שאול בראַך איז פון דעם געוואָרן זייער דערשראָקן, ווייל יענע שטיינדל איז געווען אין זיינע מלבושים, און אויב וועט מען אונטערזוכן זיינע מלבושים וועט מען טרעפן דאָס שטיי, האָט ער געבעטן רשות אַרויסצוגיין, דאָרט האָט ער אַביסל צעריסן די לען וועלכע איז געווען צוגענייט ביי די פיר עקן פון זיין טלית קטן, און ער האָט דאָרט אַריינגעלייגט דאָס שטיינדל זייענדיג זיכער אַז דאָרט וועט מען נישט זוכן און נישט טרעפן, ער האָט אָבער געוואוסט די סכנה וואָס עס קען געשען אויב ער בלייבט אַפּאָר טעג אין שפּיטאָל און ער וועט נישט נוצן די רפואה, וועלן ממילא אַוועקגיין די סימנים פון די מחלה און מען וועט אים זאָפאָרט רעקרוטירן אין מיליטער, אין צוגאָב וואָס מען וועט אים אויך שווער באַשטראָפן. ווען ער איז צוריק אין זיין צימער האָט ער אויסגעטאָן די קליידער, איבערגעגעבן אַלע זיינע בגדים און באַקומען די שפּיטאָל קליידער אַנשטאָט. לפלא איז געווען, אַז נאָך עטליכע מינוט איז דער וועלכער האָט אַוועקגענומען זיינע קליידער צוריק געקומען און אים געגעבן זיין טלית קטן, זאָגנדיג: דאָס קענסטו האַלטן ביי דיר. רבי שאול בראַך האָט דאָס גענומען צוריק און ווי פאַרשטענדליך זיך באַנוצט מיט די רפואה כפי הצורך, אָן וואָס עמיצער זאָל בכלל אויפפּאַסן דערין.

נאָכדעם וואָס עס זענען אַריבער עטליכע טעג פון אונטערזוכונגען האָט מען אים באַפרייט פון שפּיטאָל אַלס אַ קראַנקער וואָס ליידט פון יענע געוויסע קרענק. ער איז צוריק צו די קאָמיסיע פאַר וועלכע ער איז געשטאַנען צו באַפרייט ווערן, אָבער דער דאָקטאָר פון די קאָמיסיע וועלכער איז געווען אויפ'ן שטאַפּל פון אַ מאַיאָר, אַ רשע עריץ, האָט בשום אופן נישט מסכים געווען אים צו באַפרייען. רבי שאול בראַך פלעגט דערציילן אַז יענער דאָקטאָר איז צו אים צוגאַנגען און אָנגעכאַפּט זיינע לאַנגע פיאות און געזאָגט: "די דאָזיגע פיאות וועל איך אָפּשניידן".

רבי שאול בראַך האָט ערהאַלטן אַ באַפעל זיך צו שטעלן אַ פינפטן מאָל זיך אונטערצוזוכן ביי די קאָמיסיע ביז אַ יאָר. ער האָט דערציילט אַז דער ענין פון זיין רעקרוטירן צום מיליטער איז שוין דעמאָלט געווען באַוואוסט אין גאַנצן לאַנד.

# נשאו פנים לדורו עבורו כבימי הראשונים

**אין ספר בהית הבוקר** (אות תקט"ז) **שרייבט דער קאַשויער רב: איך האָב אַזוי געהערט מפ"ק פון מרן הגאון הצדיק בעל קדושת יו"ט זצ"ל וועלכער האָט זיך מתאונן און מתמרמר געווען צו מיר פאַרוואָס זיין טאַטע הגאון הקדוש בעל ייטב לב האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע פלייצעס צו ווערן רב ואב"ד אין אַזאַ גרויסע קהילה אין סיגעט, וואָס איז לפי דעתו געווען העכער פון זיינע כוחות. און דער קאַשויער רב לייגט צו: "כאָטש וואָס איך האָב געזען עטליכע מאָל מיט מיינע אויגן ווי מען האָט זיינע ווערטער געהערט אין הימל, און מען האָט נושא פנים געווען זיין דור צוליב אים אַזוי ווי אין די ימי הראשונים, פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ שפל אין זיינע אייגענע אויגן".**

די צרות וואָס מען האָט אים אויסגעטיילט און די פילע באַלעמוטשונגען האָבן אָפּגעקלינגען אויף אַזוי ווייט, אַז אויך אין בודאַפּעסט האָט אַ מעמבער פון פּאַרלאַמענט אַרויפגעברענגט צום דיון דאָס וואָס בראַך פון נייטרא דרייט זיך אַרויס אַזויפיל מאָל פון דינען אין מיליטער.

ווען ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פינפטן מאָל צום מיליטער, איז ער געווען אין סיגעט ביים הייליגן קדושת יו"ט. אינצווישן איז באַקאַנט געוואָרן אַז מען שיקט אַראָפּ קיין סיגעט אַ קאָמיסיע וועלכע איז געווען באַקאַנט אַלס זייער אַ גוטע. האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין סיגעט בחורים פון אַלע מקומות און ווי פאַרשטענדליך האָט אויך דער בחור שאול בראַך זיך איינגעשריבן דאָרט פאַר אונטערזוכונג.

די קאָמיסיע האָט געדאַרפט אָנהויבן איר אַרבעט שבת קודש. אָבער ערב שבת האָט מען נאָכנישט געהאַט געזען אָדער געוואוסט ווער עס זענען די קאָמיסיע לייט. שבת צופרי זענען הונדערטער בחורים אַריין אין לשכת הגיוס מיט די הייסע האָפענונג זאָפאָרט באַפרייט צו ווערן ביי די גוטע קאָמיסיע. אָבער וואָספאַראַ שרעק און ציטער האָט יעדן אָנגעכאַפּט שבת צופרי, הערנדיג אַז אין שפּיץ פון די קאָמיסיע שטייט דער באַוואוסטער "דאָקטאָר מאַיאָר" דער גרויסער רשע וואָס האָט שוין אין אַ פריערדיגע געלעגנהייט געהאַט צוגעזאָגט אָפּצושערן רבי שאול בראַך'ס פיאות. יענער רשע איז אַריין אין זיין אָפיס און ווען ער האָט דערזען אַז די גרויסע צאָל פון די קאַנדידאַטן פאַר אונטערזוכונג זענען אידישע קינדער, האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ שפּאָטישע באַרימעריי: היינט וועל איך אויפשטעלן אַ מיליטער פון יוצאי מצרים! - דאָס הייסט ער גייט רעקרוטירן די אַלע אידן אין מיליטער.

און ער האָט טאַקע געטאָן ווי ער האָט צוגעזאָגט. די בחורים וואָס זענען אים דורך מיטביידע פיס האָט ער אפילו נישט ערלויבט מען זאָל זיי אונטערזוכן, ווי עס איז געווען איינגעפירט צו זען אויב מען איז קערפּערליך פעאיג צום מיליטער דינסט, נאָר ער האָט באַלד געהייסן מען זאָל זיי אַלע אויפשרייבן אַלס זעלנער, פולקאָם גרייט צו דינען אין מיליטער.

אינדרויסן ביי די טויערן פון די געביידע האָבן געוואַרט הונדערטער משפחות מיטגלידער פון די אַלע בחורים, ווען זיי האָבן געהערט וואָס דאָ האָט פאַסירט זענען זיי אויפגעציטערט געוואָרן און די גאַנצע שטאָט האָט אָנגעהויבן קאָכן ווי אַ קעסל פון די שרעקליכע גזירה.

רבי שאול בראַך וועלכער איז אויך געווען צווישן די אָנוועזנדע האָט זיך די גאַנצע צייט אַרויסגעדרייט און אָפּגעהאַלטן פון גיין צום מאַיאָר, ביז עס איז געוואָרן צוועלף אַזייגער נאָכמיטאָג. אָבער דעמאָלט האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַז ער וויל נישט ממשיך זיין היינט ווייטער, און די וואָס זענען איבערגעבליבן זאָלן אַריבערקומען מאָנטאָג צו אים. האָט איינער פון זיינע געהילפן אים געזאָגט אַז סך הכל זענען בלויז צוויי מענטשן פאַרבליבן אומגעזיגלט, און מען קען ענדיגן די אַרבעט נאָך היינט. אָבער דער


Special Package
INCLUDING
• Tables
• Chairs
• Tablecloths
• Set up
• Waiter
• Hot food
Sesame chicken, Grilled chicken strips, Overnight kugel, Kishka in gravy
• Gefilta fish platter
• Bilkalach
• Cake
• Fruits
• Chocolate & Nuts
• Chips
• Soda + water
• Beer
• Paper goods
Only! $1,499
Catering
DEPARTMENT
For all your Catering/Events, big or small, call us:
845-782-2900 Ext 150
Events@satmarmeatkj.com

דאָקטאָר האָט זיך פאַר'עקשנ'ט. ער האָט געהייסן אויפשרייבן די נעמען פון די צוויי בחורים אַז זיי זאָלן אַריבערקומען מאָנטאָג. איינער פון די צוויי איז געווען דער קאַשויער רב רבי שאול בראַך און מיט אים נאָך אַ אינגער בחור פון סיגעט.

רבי שאול בראַך איז צוריק צום בית המדרש פון קדושת יו"ט, אָבער ער האָט גאָרנישט געדאַרפט דערציילן ווייל דער קדושת יו"ט האָט שוין אַלעס געהאַט געהערט וואָס האָט פּאַסירט. דער קדושת יו"ט האָט אים באַרואיגט ער זאָל גאָרנישט מורא האָבן, ער דאַרף נישט ציטערן, ער וועט נישט דאַרפן דינען אין מיליטער און ער וועט זיך נישט דאַרפן נאָכאַמאָל שטעלן ביי דעם רשע זיך אונטערזוכן. רבי שאול בראַך האָט דערציילט זיין רבי'ן דער קדושת יו"ט אַז זיין נאָמען איז שוין אויפגעשריבן באַזונדער אַז ער מוז זיך שטעלן מאָנטאָג פאַר די קאָמיסיע. אָבער דער קדושת יו"ט האָט אים באַרואיגט: **"שרעק זיך נישט, ישועת ה' כהרף עין, אַלעס וועט זיין גוט!"**

זונטאָג צען אַזייגער פאַרמיטאָג האָט דער קדושת יו"ט געהאַלטן אינמיטן פסוקי דזמרה פון תפלת שחרית [דעם קדושת יו"ט'ס הויז איז געווען געבויעט אויף די הויפּט גאַס פון די שטאָט און פון זיינע פענסטער האָט מען געקענט אַרויסקוקן אויף די הויפּט גאַס]. פּונקט דעמאָלט איז דער דאָקטאָר דער רשע געריטן אויף אַ פערד. די מקורבים פונעם קדושת יו"ט זענען געקומען צו לויפן צו אים אין בית המדרש און אים דערציילט אַז דער רשע רייט יעצט אויף זיין פערד, ער פאָרט צו זיין קירכע און מען קען אים זען דורכ'ן פענסטער דורכרייטן די גאַס. האָט דער קדושת יו"ט זיך אויפגעשטעלט פון די שטול, ער איז אַרויס פון בית המדרש, איז אַריין צו אַ זייטיגן שטיבל און זיך געשטעלט ביים פענסטער. רבי שאול בראַך האָט דערציילט אַז דער קדושת יו"ט פלעגט האָבן לאַנגע אויגן ברעמען וואָס האָבן כמעט אינגאַנצן צוגעדעקט זיינע אויגן, יענסמאָל האָט ער זיך צוגעבויגן צום פענסטער, אויפגעהויבן זיינע אויגן ברעמען, אַרויסגעקוקט אויף די גאַס און נאָכגעקוקט דעם רשע ווי ער רייט זיך געמיטליך אויף זיין פערד.

פּלוצלינג האָט דער פערד געגעבן אַ ווילדן שפּרינג. דער רשע דער מאַיאָר איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד אינמיטן די גאַס און ער איז דער'הרג'ט געוואָרן אויפ'ן פּלאַץ. כן יאבדו כל אויבך ה'. ווידער האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט און געטומעלט פון וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

מאָנטאָג האָט מען אויסגעהאָנגען גאַנץ סיגעט מיט פּלאַקאַטן פון די קאָמיסיאָן אַז אַלע וועלכע האָבן זיך געשטעלט שבת דאַרפן זיך יעצט נאָכאַמאָל גיין שטעלן. יעדער איינער בלי יוצא מן הכלל איז דעמאָלט באַפרייט געוואָרן, ווי פאַרשטענדליך איז צווישן זיי אויך געווען דער קאַשויער רב.

ווען רבי שאול בראַך איז נאָכדעם צוריק צו זיין רבי'ן, האָט אים דער קדושת יו"ט געזאָגט מיט אַ סיפוק און מיט שמחה: **זעסט אַז דו האָסט נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן!** ער איז טאַקע מער נישט געשטאַנען פאַר דעם רשע און ער איז דעמאָלט ענדגילטיג באַפרייט געוואָרן.




## אַלס תלמיד חבר ביים הייליגן קדושת יום טוב

דער קאַשויער רב האָט געלערנט אַ גאַנץ יאָר אין די ישיבה פון קדושת יו"ט זי"ע. ער האָט אַמאָל געזאָגט אַז ער איז פאַררעכנט געוואָרן אין די אויגן פון זיין רבי'ן ווי אַ תלמיד חבר. ער האָט געלערנט אַסאַך אינאיינעם מיט זיין רבי'ן. אויך איז געווען צווישן זיי די גאַנצע צייט שאַרפע פּלפּולים. דער קאַשויער רב האָט געזאָגט אויף זיך אַז ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ בקי אין ש"ס און פוסקים, און וויבאַלד ער איז געווען אינג פלעגט ער פירן פּאָלעמיק מיט די לומדים אין סיגעט און אויך מיט זיין רבי'ן דער קדושת יו"ט.

אַמאָל האָט ער געזאָגט צום קדושת יו"ט אַז אויפ'ן פּלאַץ וואו ער האָט געוואוינט און אין אויבערלאַנד האָט מען געלערנט אַסאַך מער תורה און מיט אַ גרעסערע עמקות ווי דאָס וואָס מען לערנט דאָ אין סיגעט. האָט אים דער קדושת יו"ט געענטפערט: ביזט גערעכט. איך ווייס אַז ביי אייך לערנט מען מער, אָבער עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן דאָס לערנען און די התנהגות צווישן די צוויי געגענטער, ביי אונז אפילו מען לערנט אפשר ווייניגער, אָבער מען לערנט דאָס מיט אַ ברען און חסיד'ישע התלהבות, ווידער ביי אייך איז אַלעס קאַלט, עס פעלט וואַרימקייט און שמחה ביים לערנען און קיום המצוות, דער קדושת יו"ט האָט דערויף געמאַכט אַ משל צו אַ בעל-הבית'טע וואָס קאָכט אַ גוטע זופּ. זי לייגט אַריין אין די זופּ פאַרשידענע פליישן, געווירצן, זאַלץ און פעפער און פאַרשידענע גרינצייגן עס זאָל אַריינגעבן אַ גוטן טעם אין די זופּ, מיט'ן גאַנצן שלימות. אָבער אויב לאָזט זי די זופּ אין שיסל ביז עס ווערט קאַלט, האָט עס שוין נישט קיין שום טעם, טראָץ די גאַנצע שלימות און די אַלע גוטע זאַכן וואָס מען האָט דאָרט אַריינגעלייגט. דאָס זעלבע איז אויך מיט לימוד התורה אויב מען לערנט עס אָן קיין ברען. כאָטש מען לערנט אַסאַך האָט עס נישט דעם ערך ווי ווען מען לערנט מיט אַ פייער און התלהבות.

*

רבי שאול בראַך האָט געזאָגט אַז ער האָט שטענדיג חרטה פאַרוואָס איינמאָל שבועות, ווען דער קדושת יו"ט האָט געזאָגט אַ קרעפּיל פשעטל נאָכ'ן דאַווענען אין די סוגיא פון "חלבי שבת קרבין ביוה"כ", האָט ער עטליכע מאָל שאַרף אַריינגעפרעגט אינעם פּלפּול וויבאַלד ער האָט געהאַט גוט דורכגעלערנט די סוגיא. ער האָט געציטערט אויב ער האָט נישט גורם געווען קיין חלישות הדעת צו זיין גרויסן רבי'ן. ווען ער פלעגט עס דערציילן מיט יאָרן שפּעטער האָט ער צוגעלייגט אַז אינגערהייט האָט מען נאָכנישט די ריכטיגע הבנה צו קענען מבחין זיין ווען עס איז מותר זיך מפלפל צו זיין און ווען נישט.

ער האָט אויך דערציילט אַז דער קדושת יום טוב האָט אים אַמאָל געזאָגט מיט זיין געוואַלדיגע עניוות: "וואָס ווילסטו? איך זאָל קענען לערנען אַזוי ווי דיר? דו זעסט דאָך מיט די אויגן ווי מען שטערט מיר מיט טירדות רוב שעה'ן פון טאָג און פון די נאַכט. מען לאָזט מיר נישט האָבן קיין מנוחה, איך האָב נישט קיין צייט צו לערנען, אַוודאי קען איך נישט זיין אַזאַ תלמיד חכם ווי דיר"...

**זכותם הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!**

פון מרדכי שעהר קארנער
ליפא פרידמאן
אנצוקומען צו
פרעמישלאן
לאזט אים נישט ווארטן
נעמט אים אריין...
קרית יואל
חסד
ווינטער קאַמפּיין
'היטשעט' און 'געווינט'
845.288.3880



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק


געענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"אַ
דומ"ץ במאָנסי


## טייערע אידן האטס אמונה אין בורא כל עולמים
## וועט אייך זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט

### שאלה:

**אין די קאלום פון 'שאלת חכם' איז שוין אסאך ארומגערעדט געווארן וועגן די וויכטיגקייט פון חינוך הבנים והבנות. איז מיין שאלה אזוי: היות ס'איז דא זייער אסאך זאכן וואס ס'פעלט אויס צו באהאנדלט ווערן ביים שבת טיש אד"ג ארייננצוברענגען אין די קינדער, צב"ש: מידות טובות, אהבת התורה, עבודת התפלה, דיקדוק במצוות, צו זיין בשמחה, זיך צו דערוויטערן פונעם שלעכטס, פאלגן עלטערן, מחנכים, מנהיגים,ביישטיין נסיונות ווען ס'איז דא א גרויסע רייץ, נזהר זיין אין יענעמ'ס געלט, העלפן אין שטוב נושא בעול זיין וכו' וכו' ס'איז א לאנגע ליסטע, און ס'איז שווער נאכצוקומען אלעס. איז אפשר קען מען אויסשמועסן וואס איז די וויכטיגסטע און מערסט ברענעדיגע חלק אין חינוך וואס א טאטע מאמע דארפן איבערגעבן פאר זייערע קינדער, וואס אויף דעם דארף מען לייגן די מערסטע געוויכט, און ארייגלייגן כוחות דאס צו ארייננברענגען אין די קינדער?**

**א גרויסן יישר כח פון פאראויס.**

### תשובה:

די שאלה האט שוין חבקוק הנביא פארענטפערט (חבקוק ב, ד) וצדיק 'באמונתו יחיה'. די גמרא זאגט (מכות כד.) אז ער האט מיט דעם געשטעלט די גאנצע תורה אויף איין כלליות'דיגע שפיץ: אויב איז דיין אמונה גאנץ, דאן לעבסטו ווי א איד, דאן ביסטו אויף קיינעם ברוגז, ביסט צופרידן און פרייליך מיט וואס דו האסט, דאן איז דא מדות טובות, תורה, ביישטיין נסיונות, תפלה וכו' וכו' אלעס וואס א איד דארף נאר פארמאגן, אזוי ווי ס'שטייט 'כל מצותיך אמונה' (תהלים קיט, פו).

אין דעםווארט 'יחיה' ליגט דריי מיינונגען:

א) באמונתו 'יחיה' מיינט אז נאר אזוי קענסטו זיין 'לעבעדיג' און פרייליך, ווייל דורך אמונה שפירט מען קרבת אלקים - נאענטקייט מיט'ן באשעפער וואס ער איז דער מקור החיים והשמחה, און אז נישט דרייסטו זיך ארום טרויעריג און האלב טויט, ווייל דיין נשמה וואס איז פון אונטערן כסא הכבוד (זוהר ויקרא כט:) איז משתוקק צו קרבת אלקים און צו שמחה, און אז זי באקומט דאס נישט וועט זי דיר פארביטערן דיין לעבן און מאכן אומצופרידן. דאס איז די סיבה פארוואס די יונגווארג דרייט זיך היינט ארום אויסגעלאשן און אוממוטיג, ווייל מ'בויעט זיי נישט אויף מיט די יסודות האמונה, די וועג וויאזוי מ'נוצט דאס, און וואס דאס מיינט און באדייט אויף טריט און שריט. פון ווי זאל ער שפירן שמחה און נאענטקייט צו קדושה, אדער נאר אפילו א רצון צו ווערן נאענט? מ'זאגט שיינע תורה'לעך און מעשה'לעך, ס'איז זייער גוט און שיין, אבער ווען ס'פעלט דער עיקר איז דאס ווי א שיינע גרויסע פארצווייגטע בוים אן קייןווארצלען, וואס געשעט ווען ס'קומט א ווינט?

ב) אויך ליגט אין דעם ווארט יחיה 'חיי עולם הבא', וואס די גרעסטע שכר דארט איז מען זוכה צוליב אמונה, ווי דער רמב"ן זאגט (אמונה ובטחון פט"ו), און דער דרשות הר"ן (ריש דרוש ו), אזוי אויך זאגט ישעיה הנביא (ישעיה כו) פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים - די טירן פון גן עדן עפענען זיך אריינצונעמען דער וואס האט געלעבט מיט אמונה, און ווער ס'האט נישט אמונה פארלירט עולם הבא (משנה סנהדרין צ.) און ער ווערט חרוב (איוב טו). וועגן דעם ווען איינער איז סומך גאולה לתפלה, ער גלייבט אין די גאולה פון מצרים, און אז תפלה קען ברענגען אויך די גאולה העתידה, איז ער זוכה צו עוה"ב אין דעם זכות פון די אמונה (ברכות ד. ורבינו יונה שם). אלעס וואס מיר עסן אויף די וועלט איז אין שכר פון אמונה, אזוי ווי ס'איז געווען ביי די מן, און צוליב דעם האט השי"ת געהייסן אוועקלייגן אביסל פון די מן פאר א זכר אז נאר השי"ת איז דער וואס שפייזט דעם מענטש.

ג) נאך ליגט אין דעם ווארט 'באמונתו יחיה', אז אמונה איז נישט א זאך וואס מ'לערנט און איינמאל מ'ווייסט דאס איז געגאנגען ווייטער, ניין! אמונה דארף מען לעבן און אטעמען, מען דארף דאס פראקטיצירן אין יעדע פיצעלע איינצלהייט וואס קומט אונטער פאר'ן מענטש טאג טעגליך, ער דארף שפירן אז השי"ת איז שטענדיג מיט מיר און איבעראל (ה' רועי לא אחסר, שויתי ה' לנגדי תמיד, גם כי אלך כו' כי אתה עמדי, אנה אברח מפניך).

ירמיהו הנביא זאגט (ה, א): שוטטו בחוצות ירושלים וגו' ובקשו ברחובותיה אם יש איש עושה משפט 'מבקש אמונה' ואסלח לה. ער הענגט אן די חטאים פון די אידן פאר'ן חורבן אז אלעס איז געקומען פון דעם וואס ס'איז נישט געווען קיין 'מבקש אמונה' - דאס מיינט אז אמונה איז עפעס וואס מ'דארף דאס זוכן און הארעווען דערויף. עס געשעט נישט פון זיך אליין בלויז ווייל ער איז געבוירן אין א אידישע הויז. יעדער איד האט טאקע די נקודה הפנימית פון אמונה וואס איז אריינגעבויעט אין זיין הייליגע ריינע נשמה, אבער מצד דעם גוף איז דא זייער אסאך וועלטליכע געשעענישן וואס פארדעקן דאס גאנץ שטארק, און מ'דארף ארבייטן דערויף אז ס'זאל נישט פארשטעלט ווערן און אז מיר זאלן האבן די זכיה צו קענען נהנה זיין דערפון און פון אלע השפעות טובות וואס קומען צוליב אמונה.

דער ספר שומר אמונים (וואס איז כדאי פאר יעדן דורכצולערנען, ס'איז געשטעלט אויף חיזוק האמונה) אין דעם מאמר מבקש אמונה פ"ג זאגט, אז אין דאס ווארט 'מבקש' ליגט דריי מיינונגען: א] 'וועלן' - אז מ'זאל שטענדיג גלוסטן צו קונה זיין די ריכטיגע אמונה; ב] 'זוכן' (את אחי אנכי מבקש) - מ'זאל דאס זוכן אין הייליגע ספרים און ביי ערליכע אידן; ג] 'בעטן' - מ'זאל בעטן כסדר פון רבונו של עולם זאל אים אויפלייכטן די אויגן ער זאל זען דאס מציאות ה' מיט זיין השגחה און שפירן דאס נאענטקייט צו אים. באמת גייען די דריי זאכן אינאיינעם, ווייל אז איינער גלוסט שטענדיג צו עפעס און ער וויל דאס זייער שטארק, האלט ער דאס אין איין זוכן, און דאס איז זיין איינציגע בקשה וואס ער בעט. (און אז מ'זוכט טרעפט מען די ריכטיגע ספרים וואס רעדן צו זיין הארץ.)

אין די תורה איז דא דריי הויפט געשעענישן וואס זענען געווען געצילט ארייננצוברענגען אמונה אין אידן: א] יציאת מצרים - קריעת ים סוף; ב] מתן תורה; ג] פרשת האזינו די צוואה פון משה רבינו צו אידן. ביי אלע דריי זאגט די פסוק אז דאס איבערגעבן אמונה אין יעדן דור פון טאטע מאמע צו די קינדער, זאל נישט זיין נאר אויף א וועג פון אויסלערנען, נאר אויף א וועג פון עס אריינברענגען אין די בלוט.

א] ביי יציאת מצרים שטייט: למען 'תספר' באזני בנך ובן בנך - נישט נאר לערנען פאר'ן שכל אינעם 'מח', נאר אויך אין 'הארץ' אריין דערציילן מיט אלע דעטאלן אויף א וועג פון דערציילונג וואס גייט אריין אין הארץ און ווערט דארט איינגעקריצט. ווי ס'שטייט ביי די פרשה פון קבלת עול מלכות שמים - קריאת שמע אז אמונה דארף זיין בכל 'לבבך' די הארץ זאל דאס אויך שפירן.

ב] דאס זעלבע ביי מתן תורה שטייט: 'והודעתם' לבניך ולבני בנך - ס'איז נישט גענוג זאלסט זיי 'לערנען' נאר זאלסט דאס אזוי איבערגעבן אז זיי זאלן דאס 'וויסן'! דער חילוק צווישן גלייבן און וויסן איז אמונה 'חושית' - א זאך וואס מ'פילט אזויווי עפעס וואס מ'ווייסט במציאות. נישט ווי די אפיקורסים וואס זאגן אז אמונה איז א פשוט'ע אפיניאן. דער פסוק (ישעיה לח, יט) זאגט אב לבנים 'יודיע' על אמתך - א טאטע מיינט נאר דער וואס מאכט זיין קינד וויסן פון אמונה, א מלמד 'לערנט' מיט א קינד אמונה, א טאטע מאכט אים דאס 'וויסן' דורך זיין טאג טעגליכע התנהגות.

ג] אויך אין די שירה פון פרשת האזינו ווערט ארויסגעברענגט די יסודות פון אמונה, פירט אויס משה רבינו, 'לייגט צו הארץ' צו די ווערטער כדי איר זאלט דאס קענען איבערגעבן פאר אייערע

קינדער - אמונה איז נישט עפעס וואס מ'לערנט אפ און געגאנגען ווייטער, ניין! מדארף צולייגן הארץ דערצו און חזר'ן כסדר אן אויפהער, ווי ס'שטייט דארט 'שימה בפיהם' ס'זאל ליגן אין מויל, און ערשט נאכדעם וואס עס האט א קלארקייט און הבנה אין אמונה דעמאלט קענט איר דאס איבערגעבן פאר די קינדער. דאס איז אויך געווען דער סימן פון יעקב אבינו וואס יצחק האט אים דערקענט אז שם שמים שגור בפיו, אויף יעדע זאך זאגט ער בעזר ה' און בסייעתא דשמיא, ווייל דאס ליגט אים אין די געדאנקען און ער איז נישט מסיח דעת דערפון.

אין דעם בוך 'הכל לאדון הכל' פון די טאכטער פון הצדיק ר' יעקב יוסף הערמאן ז"ל איז זייער שיין באשריבן ווי אזוי ער האט אויפגעצויגן א שטוב לשם ולתפארת, אינעם טריפה'נעם אמעריקא פאר די קריג ווען ס'איז נאך געווען א מדבר שממה, זיין סלאגאן איז שטענדיג געווען, 'אלעס פאר דעם באָס!' (בעל הבית). וואס מ'האט געטון און געקויפט איז געווען כדי צו ערפילן דעם שליחות פונעם 'באָס'. מ'האט אינגאנצן נישט געלעבט פאר זיך. די קינדער האבן זיך מער אפגעלערנט פון זיינע פאקטישע טאג טעגליכע התנהגות ווי פון זיין רעדן.

אברהם אבינו איז דער טאטע פון אלע וואס ווילן זיך שיצן אונטער די שכינה, אויך פון די גרים (רמב"ם ביכורים ד, ג) וויבאלד ער איז דער ראש המאמינים וואס האט צושפרייט אמונה אין די וועלט, און מודיע געווען אז דאס פארבינדט א מענטש מיט אן אייביגן קשר צו השי"ת, און ער האט זיך בפועל מוסר נפש געווען אויף די אמונה, און דאס איז אריין געבאקן געווארן אין אלע אידן וואס צוליב דעם ווערן זיי גערופן (שבת צז.) מאמינים בני מאמינים. השי"ת האט געזאגט 'בך חותמין' - אין דעם שווערן מצב בעיקבתא דמשיחא וועט מען נישט האבן מיט וואס זיך צו דערהאלטן נאר מיט די פינטעלע אמונה, די נקודה הפנימית וואס מיר האבן איינגעפלאנצט פון אברהם אבינו.

און דאס איז די גרעסטע און וויכטיגסטע אחריות פון יעדע טאטע מאמע: ארייצופלאנצן אין יעדע קינד אמונה טהורה אן קיין חכמות. גלייבן אמת'דיג און לעבן דערמיט. ס'איז דא א באשעפער וואס באלעבט די גאנצע וועלט יעדע מינוט און ער שפייזט זיי, גארנישט קען געשען אן זיין ווילן, ער איז אייביג, און ס'איז נישט דא קיין שום אנדערע כח אויסער אים, ער קען אלעס און ווייסט אלעס, און ס'איז דא שכר ועונש אויף יעדע זאך וואס א מענטש טוט, און די גאנצע תורה איז אמת יעדעווארט, א.א.וו. אלע י"ג עקרים.

# א מלמד 'לערנט' מיט א קינד אמונה, א טאטע מאבט אים דאס 'וויסן' דורך זיין טאג טעגליבע התנהגות!

אמונה איז אויך פון דעם לשון 'אומן' אויפציען (ויהי אמן את הדסה), מ'דארף אויפציען קינדער פון דעם יוגנט אן מיט אמונה כדי זיי זאלן האבן א גוטן יסוד פון אנפאנג זייער לעבן, אזוי אז אלעס וואס בויעט זיך נאכדעם זאל זיין געבויעט גראד. אויב איז דער יסוד קרום, ס'איז נישט דורכגעווייקט מיט אמונה, איז דער גאנצער בנין קרום! וועגן דעם באלאנגט דאס צו דעם אומן, די אויפציערס פונעם קינד - די טאטע און מאמע, ווייל זיי געטרויעט דאס קינד די מערסטע און ער ווייסט אז זיי האבן אים ליב, און זיי זאגן אים דעם ריינעם אמת פונקטליך אזוי ווי זיי האבן דאס מקבל געווען. אין אב מנחיל שקר לבניו.

ווי מער די עלטערן וועלן אריינברענגען אמונה אין זיך וועלן זיי דאס בעסער קענען איבערגעבן פאר די קינדער. די תורה זאגט נאך דעם פסוק למען תספר לבנך ובן בנך וגו' 'וידעתם' - כדי צו קענען דערציילן פאר די קינדער דארפט עטס אליין קודם וויסן די קלארע אמונה. דער חתם סופר זאגט (תורת משה ואתחנן, עה"פ השמר לך פן תשכח וכו' והודעתם לבניך) אז טאמער דו אליין האסט פארגעסן די אמונה, און דאך ווילסטו דאס איבערגעבן פאר דיינע קינדער, פון דעם דארף מען זיך זייער היטן (עיי"ש לשונו הקדוש).

אמונה איז אויך א לשון פון געטריישאפט, איבערגעבנקייט, 'נאמנות'. אמונה איז נאר אויב מ'איז אינגאנצן איבערגעגעבן דערצו מיט'ן גאנצן הארץ, לעבן און געלט וכו', מ'איז גרייט אלעס אוועקצוגעבן דערפאר מיט מסירות נפש. אויך דארף דאס איבערגעגעבן ווערן פון עלטערן צו קינדער מיט 'נאמנות' - מיט'ן גאנצן אמת'דיגקייט און פנימיות, ס'זאל נישט זיין אויבערפלעכליך. קינדער דארפן זען במציאות ווי אזוי דאס גאנצע לעבן און התנהגות איז דורכגעווייקט מיט אמונה, מ'ווייסט אז אלעס ווערט געפירט נאר דורכ'ן רבונו של עולם מ'האט נישט טענות אויף קיינעם, מ'יאגט זיך נישט ביים דאווענען צו די ביזנעס ווייל דער רבש"ע איז דער וואס גיבט פרנסה, ומהאי טעמא פארדינט מען נאר ערליך געלט, ווייל מ'גלייבט אז דאס וואס איז מיר באשערט קען אנקומען דורך א כשר'ע וועג, א.א.וו. אויף טריט און שריט. (לערן דורך דעם קונטרס שפת תמים פון חפץ חיים וואס איז געשטעלט אויף האנדלען ערליך.)

ווי נאר א קינד הייבט אן רעדן, זאגט מיט אים דער טאטע פסוקי אמונה: 'תורה צוה לנו משה', 'שמע ישראל' (סוכה מב.) אפילו ער פארשטייט נאך נישט, אבער ווען ער וועט עלטער ווערן וועלן די ווערטער ליגן אין זיין מויל און ער וועט דורך זיי באקומען יראת שמים און אמונה וויבאלד דאס זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער אויף די וועלט.

יעדע איינציגע טאטע און מאמע דארפן מקיים זיין דעם שליחות וואס זיי האבן גענומען אויף זיך מיט דעם וואס זיי האבן געברענגט קינדער אויף די וועלט; ממשיך צו זיין ווייטער די אמונה וואס זיי האבן באקומען און דאס איבערגעבן פאר דעם קומענדיגן דור. נישט נאר לערנען מיט זיי נאר זיין א גוטע ביישפיל דאס אריינצוברענגען אין זיי אז






זיי זאלן דאס וויסן און שפירן נישט, נאר גלייבן. ווי די תורה זאגט למען 'תספר' וגו' 'והודעתם', אויך זאגט דער פסוק לדור ודור 'אודיע' אמונתך בפי - כאטש אמונה איז אין הארץ מוז מען דאס אבער אויסשמועסן מיט'ן מויל כדי די קומענדיגע דור זאל דאס כסדר הערן און חזר'ן.

דער אמת איז אז ווען איינער לייגט צו קאפ צו די ברכות וואס ער מאכט און די תפלות וואס ער זאגט האלט ער אין איין חזר'ן אמונה. צב"ש: שהכל נהיה בדברו אד"ג, אויך זאגט מען ביי יעדע ברכה ווען ער רופט אויס 'דו ביסט דער באשעפער דער קעניג פון די וועלט' איז מען מיט דעם מקיים די מצוות עשה פון אנכי ולא יהיה לך, מיט'ן שם הוי' זאגט ארויס מיט'ן מויל אז ס'איז דא אן אייביגער באשעפער (ווייל אין דעםווארט ליגט היה הוה ויהיה). ווען מ'זאגט 'אתה' מיינט דאס נאר דו און קיינער מער, ס'איז נישט דא קיין צווייטע כח, און מיר זענען נישט אונטער די מזלות. ווען מיר זאגן אלקינו מיינט דאס, אז נישט נאר ער האט באשאפן אלעס, נאר ער פירט דאס אויך ווייטער מיט השגחה פרטית. ווייל אלקינו מיינט אז ער איז די סיבה פאר יעדע זאך וואס געשעט אויף די וועלט בפרטי פרטיות, כל הנשמה תהלל י-ה אויף יעדן אטעם אן עקסטערע השגחה פרטית.

קומט אויס אז ווען א מענטש זאגט מאה ברכות יעדן טאג חזר'ט ער די אמונה הונדערט מאל. חוץ מזה וואס ביי יעדע איינציגע ברכה אדער תפלה ווערט שטארק ארויסגעברענגט עניני אמונה, איז דאס עצם זאך וואס א איד שטעלט זיך דאווענען איין שטיק אמונה, ער גלייבט אז ס'איז נישט דא עפעס חוץ דער בורא כל עולמים וואו מ'קען זיך ווענדן, דאנקען, און בעטן. ס'איז גארנישט פארהאן נאר דער הייליגער באשעפער, ווייל נאר ער קען און נאר ער טוט, און קיינער מער! אבער ממש קיינער! נישט זיך פארלאזן אויף קיין שום אנדערע מציאות.

## אויב נישט קיין אמונה צוזאמען מיט'ן געלט וואס האסטו פון די גאנצע וועלט!

ווען מ'לייגט צו קאפ צו דעם וואס מ'זאגט און מען טוט איז דאס זייער זייער גוט און געשמאק, אבער ליידער ליידער מיט וואס זאלן מיר זיך פארענטפערן ווען מיר טוען זיך אליין צוגרונד-לייגן מיט דעם וואס מ'שטופט אריין אין דעם קאפ נארישע הבלי עולם הזה, מ'פאקט אים אן מיט נארישקייטן, מ'לאזט אים נישט איבער גענוג פלאץ צו טראכטן הייליגע זאכן, פארלירט מען דאך דעם מורא'דיגע געלעגנהייט פון חזר'ן אמונה הונדערט מאל א טאג, איז דאס דען נישט א שרעקליכע פארלוסט און ווייטאג? פארוואס און פארווען דארף איך מיך באשעפטיגן מיט נישט וויכטיגע זאכן, און פארפאסן די טעג און די וואכן מיט גארנישט און מיט נישט? וואס האב איך דערפון? מיט וואס בלייב איך? מיט וואס וועל איך ערנערן מיין נשמה אויף די וועלט און אויף יענע וועלט?

דער מנחם ציון (לפסח מהגה"ק ר"מ מרימנוב) זאגט: א מענטש זאל נישט טראכטן אז ער איז שטארק אין אמונה און ער דארף שוין נישט כסדר רעדן דערפון, ווייל מ'זעט דאך אז אידן ביי יציאת מצרים זענען געווען זייער שטארק אין אמונה און דאך זענען זיי צוריקגעפאלן.

דער מאור ושמש (ויחי ד"ה ונראה) זאגט בשם דעם הייליגן נעשכיזער זי"ע אז דאס פארן צו צדיקים איז נישט צוליב זיך אויסלערנען דאווענען אדער לערנען תורה (דאס קען מען באקומען פון סתם ת"ח ערליכע אידן), נאר געוואויר צו ווערן אז השי"ת איז דער עיקר און דער שורש פון אלע וועלטן, און מ'זאל פון אים מורא האבן. דאס שטימט מיט די מעשה אז דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע ווען ער איז אלס אינגערמאן געפארן צום מגיד פון מעזריטש - דער הייליגער ר"ר בער זי"ע, האט אים זיין שווער געפרעגט: דו ביסט דאך א תלמיד חכם וואס זוכסטו דארטן? האט ער אים געענטפערט "דארט בין איך געוואויר געווארן אז ס'איז דא א רבונו של עולם!" האט דער שווער געלאכט און געזאגט "אפילו אונזער שפחה אין שטוב ווייסט דערפון", און ער האט איר אריינגערופן און געפרעגט "אין וועם גלייבסטו?" האט זי געזאגט "אין רבונו של עולם". אויף דעם האט זיך דער קדושת לוי צופייערט און געזאגט "זי גלייבט אבער איך וויים!" דאס מיינט א העכערע מדריגה אין אמונה, אז מ'פילט דאס און מ'לעבט דערמיט און ס'אינטערעסירט גארנישט עפעס אנדערש און מ'איז גרייט יעדע רגע אויף מסירת נפש, צו ביישטיין די שווערסטע נסיונות. דאס קומט נישט פון זיך אליין, אויף דעם דארף מען כסדר הארעווען א גאנץ לעבן ממש אן קיין אויפהער, און אסאך צייט דארף מען אוועקגעבן זיך צו באהעפטן אין מוסר ספרים אויך אין חסיד'ישע ספרים וויפיל מ'קען פארשטיין.

די גמרא (סנהדרין לח:, חגיגה יד:) באנוצט זיך אויף כפירה מיט'ן לשון כופר 'בעיקר' מקצץ 'בנטיעות' - ווייל אמונה איז דער ווארצל און דער עיקר פון א איד. אויב איז דער ווארצל און דער פונדאמענט נישט גענוג פעסט מעגן די צווייגן זיין לאנג און ברייט, איין שטארקער ווינט קערט דאס איבער. אויב דער יסוד איז קרום איז אלעס וואס ס'בויעט זיך העכער דעם קרום, אפילו ווען ס'איז מעכטיג געבויעט. אויב א מענטש איז אפילו גאר א גרויסער תלמיד חכם און א מחבר ספרים, אבער זיין אמונה איז נישט גאר פעסט געבויעט, איז ער אסאך וויניגער ווי א פשוט'ער איד וואס האט א שטארקע אמונה. ר' יוסף יעב"ץ שרייבט אז ביי די גזירות השמד אין שפאניע האבן זיך פשוטע עמי הארץ און פרויען מוסר נפש געווען און נישט די געלערנטע אידישע פילאזאפן וואס האבן זייער גאנץ לעבן שטודירט אמונה. אמונה איז נישט קיין פילאזאפיע, ס'איז א קבלה דור אחר דור! ס'איז אין אונז אריינגעבויעט פון אברהם אבינו, מ'דארף נאר זען אז ס'זאל נישט פארשטעלט ווערן דורך אונזערע מעשים, מיר זאלן בלייבן ריין און ארגינעל ממילא וועט דאס ליכטיגקייט פון אמונה בלייבן שיינען אין אונז.

אין אדם חוטא אלא א"כ נכנס בו רוח שטות (סוטה ג.) - ווען א מענטש זינדיגט מיינט דאס אז ער האט בשעת מעשה געהאט א רוח שטות. וואס איז די שטות? ענדערש איז דאס רשעות...! נאר ווען א מענטש פארט אויפ'ן וועג און ער זעט א פאליציי קאר גיבט ער מער אכטונג נישט צו פארלעצן די געזעצן. ער טוט אן דעם

אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6 אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**


והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון

# בית הוראה

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## רשימת מורי הוראה דקהלתינו
### העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

הגאון הדומ"ץ שליט"א
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd .#302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

הרה"ג רבי משה זאב שווארטץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
8 Austra Pkwy #405
היים: 845.799.1988 סעל: 347.486.1199

הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
15 Garfield Rd. #202
היים: 845.783.7325 סעל: 845.238.7199

הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
5 Leipnik Way #102
היים: 845.782.0492 סעל: 845.662.1545

הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Kalev Way. #102
היים: 845.782.9252 סעל: 845.537.9173

יכולין לשמוע הטעל נומ. ואדרעסן של הדיינים וכן להתקשר
עם הדיינים על ההוראה ליין 5# 845-783-0546

לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. 013#

24 שעה על ההוראה ליין:
845.783.0546

סיט בעלט, לייגט אוועק דעם טעלעפאן, פארט נישט העכער דעם ספיד. אבער אויב פונקט ווען ער זעט דעם פאליציי הייבט ער אן צו פארלעצן די געזעצן איז ער א געהעריגער שוטה. ווען ער באקומט דעם טיקעט האט ער נאך טענות, און דער פאליסמאן איז גאר א וויסטער אנטיסעמיט... יעדער פארשטייט אז דער איז סתם א געלעכטער. דאס זעלבע איז ווען איינער זינדיגט. וואס ביסטו א שוטה? גיי כאטש ווי השי"ת קוקט נישט אויף דיר. וויבאלד ס'איז נישט דא אזא מציאות, ער איז איבעראל און ווייסט אלעס, איז וואס זינדיגסטו?

ווי איינער האט געזאגט פאר'ן רוזינער אלס קינד: איך גיב דיר א רייניש אויב דו זאגסט מיר ווי השי"ת איז. ענטפערט ער אים: איך גיב דיר צוויי רייניש אויב דו זאגסט מיר ווי ער איז נישט... (אנה אלך מרוחך אנה מפניך אברח אם אסק שמים כו' תהלים קלט).

פון איין זייט זענען מיר ב"ה מאמינים בני מאמינים, אבער פון די צווייטע זייט פארגעסן מיר כסדר און מיר לאזן נאך פון אמונה. מ'איז שטענדיג פארנומען מיט וואס יענער האט מיך געטון. דוד המלך ווען שמעי בן גרא האט אים נאכגעווארפן שטיינער און געשאלטן, האט ער געזאגט פאר זיינע מענטשן טוט אים גארנישט, פארוואס? ווייל 'ה' אמר לו קלל' - השי"ת האט דאס צוגעלאזט! ואשר ע"כ מיינט דאס עפעס א רמז פאר מיר, איך דארף עפעס מתקן זיין, עפעס אפקומען, אדער איז דאס א נסיון צו זען אויב איך וועל נאכלאזן פון מיין אמונה. וואס א חילוק ווער דער שליח איז? ס'קימערט מיר נישט יענעמ'ס עוולה, איך האב נישט קיין צייט צו טראכטן דערפון, איך בין צו שטארק פארנומען מיט מיין אויפגאבע; וואס פונקטליך וויל השי"ת יעצט פון מיר! נאר דאס איז מיין איינציגע זארג! אזוי און נאר אזוי דארף א איד שטענדיג לעבן. דאן וועט מען זיין אייביג גוט אויפגעלייגט און נישט האבן טענות אויף השי"ת און אויף מענטשן, מ'וועט זיין א שמח בחלקו, מ'וועט שפירן קרבת אלקים, וועט מען זיין גליקליך ווי דער פסוק זאגט 'שויתי ה' לנגדי תמיד' כי מימיני בל אמוט לכן שמח לבי וגו' 'אף בשרי ישכון לבטח' - אויב וועל איך האלטן פאר מיינע אויגן נאר דעם באשעפער, דאן נישט נאר מיין נשמה וועט זיך פרייען נאר אויך דער גוף מ'וועט לעבן רואיג און גליקליך, אז איך האב דעם רבונו של עולם מיט מיר אין מיין הארץ וואס פעלט מיר דען?!

דער חובת הלבבות פארציילט: א חסיד איז געפארן מיט אנדערע גוים אויף א שיף פול מיט סחורה צו גיין פארקויפן אין א ווייטע מדינה ווי מ'קען מאכן אסאך געלט. אינמיטן איז געווארן א שטורעם ווינט מ'האט געמוזט אריינווארפן די סחורה אין ים כדי זיך צו ראטעווען דאס לעבן. יעדער איז געווען טרויעריג, אבער דער חסיד איז געווען פרייליך. ווען מ'האט אים געפרעגט דערויף האט ער געזאגט: "עטס דארפט טאקע זיין טרויעריג ווייל איר זענט געבליבן מיט גארנישט, איך האב אבער דעם רבש"ע אין מיין הארץ און דאס קען קיינער נישט אוועקנעמען און מיט דעם בין איך גליקליך." וועגן דעם זאגן מיר פרייטאג צונאכט ביי רבון העולמים: 'ושויתי ה' לקראתי שתרחמני עוד בגלותי לגאלני' וכו' - אויב השי"ת איז שטענדיג פאר מיינע אויגן וועל איך ארויסגיין פון מיין אייגענע גלות נישט צו זיין שטענדיג פארנומען מיט הבלי עולם הזה דאס נאכלויפן צו ערייכן און זיין ברוגז אויף דעם און אויף יענעם, אזוי וועט קענען זיין לעורר לבי לאהבתך וכו'. אויך שבת ביי מנחה זאגן מיר 'אתה אחד כו' כי מאתך הוא מנוחתם' - אויב מ'גלייבט אמת'דיג אז ס'איז נאר דא איין באשעפער מער פון דעם איז גארנישט דא לעבט מען במנוחה.

ביי מתן תורה נאך די ערשטע צוויי דברות פון אמונה וואס אידן האבן געהערט פון רבונו של עולם אליין, און זיי האבן זיך זייער דערשראקן פון דעם גרויסן גילוי שכינה וואס זיי האבן געזען, האט זיי משה רבינו געזאגט: "כי לבעבור נסות אתכם בא האלקים ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו". וואס איז דער קשר פון די צוויי זאכן? רש"י טייטשט נסות - דערהייבן, דער רמב"ן טייטשט - ענק איינגעוואוינען צו יראת שמים, און ס'איז ביידע איינס: ווען מען געוואוינט זיך צו חזר'ן שטענדיג אמונה, ווערט א מענטש דערהויבן א טפח העכער די ערד. זיינע השגות און רצונות זענען ריין און הייליג. דער חזון איש לייגט דאס אראפ (אנפאנג ספר אמונה ובטחון) אז ווען א מענטש לעבט מיט אמונה ווערט ער דערהויבן צו די מדריגה פון א מלאך, און ער שפירט אומבאגרייפליכע תענוגים. (קוק דארט זיין וואונדערליך לשון, מיט אויסטערלישע אויסדרוקן) וועגן דעם פירט ער אויס - אזא סארט אמונה וועט ברענגען 'בעבור תהיה יראתו על פניכם', ס'איז נישט סתם אמונה, נאר ס'דערקענט זיך אויפ'ן פנים. ווען ס'איז דא א חשש עבירה ווערט ער בלאס, ווען ער לערנט און דאווענט און טוט מצוות זעט זיין פנים אויס ווי איינער וואס מ'האט אים יעצט מודיע געווען אז ער האט געוואונען די לאטערי. (ווי מער א מענטש איז הייליג און ווייט פון עבירות, מער ציטערט ער טאמער ער האט געזינדיגט. מיר געדענקען ווי אזוי האבן אויסגעזען די פריערדיגע דור אין ימים נוראים, מיר קענען דאס נישט אפילו שילדערן).

דער רמב"ן זאגט: דאס וואס אידן האבן געהערט די דיבור פון אמונה פון השי"ת איז געווארן איינגעקריצט אין אידן אז ס'איז נישט מעגליך זיי זאלן זיך דערפון אפשיידן, (ווי דער תניא זאגט אז די גרעסטע פושעי ישראל רח"ל האבן זיך מוסר נפש געווען ווען ס'איז געקומען צו די נקודה הפנימית פון כופר זיין ח"ו, חוץ איינער וואס איז שוין נעקר מן השורש.) משה רבינו האט געוואלט אז אידן זאלן הערן פון השי"ת אלע דברות, ס'זאל אין זיי ווערן אריינגעבויעט פונקט ווי אמונה, אידן האבן געשפירט אז זיי האבן נישט דעם כח, השי"ת האט געזאגט הטיבו אשר דברו, ווייל אויב וועלן זיי בלייבן מיט די ריכטיגע אמונה ווי היינטיגן טאג ביי מתן תורה וועלן זיי ממילא היטן די גאנצע תורה ווי ס'דארף צו זיין, און דאס איז אונזער ארבעט, אז די אמונה זאלן ווערן א עצמיות פון אונז אליין נישט קיין דרויסנדיגע זאך, ממילא וועט אונז נישט ווערן לאנגווייליג צו חזר'ן אמונה כסדר. פונקט ווי א מענטש ווערט נישט לאנגווייליג פון זיין האנט וואס ס'האט פינף פינגערס, און ער וויל ס'זאל אזוי זיין אגאנץ לעבן אן קיין שום טויש, ער גלוסט נישט אויפצושטיין איין טאג מיט זעקס פינגערס און די צווייטע טאג מיט פיר כדי צו מאכן התחדשות און טוישונגען, ווייל עפעס וואס איז דער עצמיות פונעם מענטש וויל ער אזוי זיין און בלייבן. ער איז געבוירן מיט פינף פינגערס און ער וויל שטארבן מיט פינף פינגערס. אזוי דארף זיין אמונה, דאס עצמיות פונעם מענטש, נישט מיד ווערן פון חזר'ן כסדר (דער הייליגער דברי חיים האט געזאגט דריי מאל א טאג אני מאמין).

אז מ'רעדט פון אמת'דיגע אמונה מוז מען דערמאנען עטליכע פון די י"ג עיקרים וואס ווערט היינט מורא'דיג אפגעלייקנט אויף א שרעקליכע פארנעם: זאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתב"ש, וכל דברי נביאים אמת, און דער עיקר פון שכר ועונש. די גאנצע תורה, נביאים און גמרא ברענגען ארויס זייער קלאר און שטארק הונדערטער מאל, אז יעדע מצוה און יעדע דבר טוב איז דא דערויף א שכר, און אויף יעדע עבירה איז דא א עונש. אין די לעצטערע יארן איז געווארן אזא מין חליפין אויף די אלע עיקרים, מ'לייגט א גאר גרויסע דגוש אויף סגולות און עין הרע, קברים, פרעסעריי לעילוי נשמת צדיקים, אויף אזוי ווייט אז ווען השי"ת העלפט איינעם פרעגט מען תיכף "וועלכע סגולה האסטו געטון?" (אנשטאט צו פרעגן אין וועלכע מצוה האסטו דיר פארבעסערט, וועלכע נסיון ביזטו בייגעשטאנען...) דארף מען וויסן און גלייבן באמונה שלימה אז אויב לייגט מען א דגוש אויף די זאכן מער ווי אויף זמן קריאת שמע ותפלה, הנחת תפלין, כוונת התפלה, ברכת המזון מלה במלה, זיין קאנצענטרירט ביי די ברכות הנהנין א.א.וו. איז דאס ממש אפענע כפירה, ווייל מיר גלייבן אמת'דיג אבער ממש אמת'דיג אין די פסוקים אנפאנג פ' ראה און נאך אסאך פלעצער אין די תורה, אויך אין די גמרא (שבת לב.) אז די איינציגסטע מליץ יושר - לויער וואס קען זיין פאר א מענטש, איז תשובה ומעשים טובים. (גיין אויף א קבר, צינדן א ליכט, אנטון א רויטע בענדל, סווייפן די קארד פאר שפרעכערס לעשער גיסערס, א פיקטשער פון ר' ישעי'לע, הערינג און סושי פאר'ן בת עין, דאס אלעס וועט גארנישט העלפן אויב דו גלייבסט נישט אין דעם מאמר חז"ל.)

אויב נישט קיין אמונה צוזאמען מיטן געלט וואס האסטו פון די גאנצע וועלט!

מיר בעטן א הייסע בקשה, און מיר פארגיסן הייסע תפלות צו השי"ת, מיר זאלן האבן די זכי' צו אריינפלאנצן אמת'דיגע אמונה אין זיך און אין אונזערע קינדער, אזא אמונה וואס וועט אונז דערלייכטן די אויגן און ברענגען צו שמירת התורה והמצוות, נישט אויפטוישן אויף דברים טפלים, אכי"ר.

**אויב א מענטש איז אפילו גאר א גרויסער תלמיד חכם און א מחבר ספרים, אבער זיין אמונה איז נישט גאר פעסט געבויעט, איז ער אסאך ווייניגער ווי א פשוט'ער איד וואס האט א שטארקע אמונה!**


בס"ד

אחיעזר

M. 6 Van Buren Dr. #102
Monroe NY 10950

P. 845.637.7778

E. office@achiezerky.org

מקדמים אנו בברכה את פני הני מוסרי נפש הלא המה המנהלים החשובים אשר באו מהתם להכא לכתת רגלם לקיום וביסוס חינוך הטהור בארה"ק

הרב אברהם בליתי שליט"א
ת"ת אהלי מאיר ישראל בית שמש
סוג: אנשי ספרד

הרב זאב שיינערמאן שליט"א
בית יעקב נוה יעקב ירושלים
סוג: בני תורה

הרב צבי פריעדמאן שליט"א
ת"ת שיר חדש תל אביב
סוג: ברסלב

אנ"ש תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע

בואו והשתתפו בהמוניכם לחזק הני מוסרי נפש אשר עזבו משפחה ובאו לדרך רחוקה רק כדי לקיים את התורה בארה"ק שלא להנות מצפרני רשעים אפי' בזוז כל שהוא

הנהלת אחיעזר קרית יואל



#50

# די תפיסה
## ווענט פארציילן...

# די עצה ווען ס'איז ביטער; זיך מחי' זיין מיט דער הייליגער תורה

רירנדע שילדערונגען און בריוו פון האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה וועבערמאַן שליט"א

**אילן אילן במה אברכך? פרותיך מתוקים, וצלך נאה, אמת המים עוברת תחתיך.**

**אלא שכל נטיעות שנוטעים ממך יהי' כמותך.**
(תענית ה, ב)

וואָס איז די מעסעדזש דאָ? איז דאָס בלויז אונז צו פאַרציילן אַ געשיכטע מיט אַן אמורא וואָס האָט אָנגעוואונטשן איינעם אַ גוטע ברכה? איז דאָס בלויז אַ שיינע משל?

עפּעס טיפער וויל די גמרא אין תענית אַז מיר זאָלן אַרויסנעמען און לערנען פון די הייליגע ווערטער.

## יעדער דערציילט פון זיך אַליין...

אַ גרופּע ליובאַוויטשער חסידים פון אדעסע זענען אַמאָל געפארן צום אַלטן רבי'ן, דער 'בעל התניא', צו זיך מזכיר זיין און נעמען אַ ברכה.

ווען זיי זענען אָנגעקומען און גענומען שלום האָט דער רבי געפרעגט פונעם ערשטן: "פאַרצייל מיר וואָס טוט זיך אין אדעסע? זענען די אינגעלייט דאָרט ערליך? מען לערנט גוט? מען דאַוונט מיט אַ ווארימקייט?".

דער חסיד האָט געענטפערט מיט אַ קורצע איבערבליק אַז 'כולם צדיקים כולם אהובים'; אַלע דאַווענען מיט אַ ברען און כוונה, אַלע לערנען תורה און דער עולם פירט זיך ערליך.

דער רבי האָט אים געפרעגט עטליכע פערזענליכע שאלות און האָט אים דערנאָך אָנגעוואונטשן אַ וואַרימע ברכה צו מצליח זיין אויף אַלע זיינע וועגן.

דאַן איז געקומען דער קומענדיגער מענטש אין די רייע גלייך נאָך אים. דער רבי האָט אים געפרעגט די זעלבע קשיא: "פאַרצייל מיר וואָס טוט זיך אין אדעסע? זענען די אינגעלייט דאָרט ערליך? מען לערנט גוט? מען דאַוונט מיט אַ ווארימקייט?".

דער צווייטער האָט שוין געענטפערט אַביסל אַנדערש. ער האָט געפאַרבט אַ שוואַרץ בילד. פאר די אינגעלייט אין שטאָט פעלט רוחניות'דיגע איידלקייט, זיי פאַרברענגען די צייט מיט ליידיגקייט, זייער דאַווענען איז גאָר שוואַך, זייער לערנען טויג נישט, א.א.וו.

ווען ער האָט געענדיגט זיין באַריכט האָט אים דער רבי געזאָגט: "האָט אַ גוט יאָר, און זייט געזונט".

דער חסיד איז געווען זייער צעבראָכן, הלמאי ער האָט נישט באַקומען די זעלבע ברכה וואָס זיין חבר פאָרנט פון אים האָט באַקומען. "אָבער רבי, וואו איז יושר? מיין חבר האָט געגעבן אַ באַריכט וואָס מ'קען מחולק זיין דערמיט און ער גייט אַרויס מיט אַ געוואַלדיגע ברכה, און איך האָב געגעבן אַן אויפריכטיגע און אמת'דיגע באַריכט, און איך באַקום אַזאַ שוואַכע ברכה".

האָט אים דער בעל התניא געזאָגט: דו קלערסט אַז איך ווייס נישט די רוחניות'דיגע מצב פון די חסידים אין אדעסע? וואָס איך האָב אמת'דיג געפרעגט פון ענק איז געווען צו וויסן אייער אייגענע מצב פון אידישקייט! כ'האָב געוואָלט הערן וואָס טוט זיך אין 'אייער אייגענע' אדעסע! אין דיין הויז! אין דיין האַרץ! די וועג וויאַזוי אַ מענטש ענטפערט און קוקט אויף אַנדערע טוט אָפּשפּיגלען זיין אייגענע מצב!

## פאַרוואָס איז דאָס וואַסער געווען ביטער?

משה רבינו האָט אַוועקגעשלעפּט די אידן פון דעם ים סוף און זיי האָבן זיך געצויגן צום מדבר שור, דאָרט זענען זיי געגאַנגען דריי טעג אין דעם מדבר און האָבן נישט געפינען קיין וואַסער. די תורה הק' פאַרציילט אונז: "זיי זענען אָנגעקומען קיין מרה, אָבער זיי האָבן נישט געקענט טרונקן די וואַסער פון מרה ווייל ס'איז געווען ביטער דערפאַר איז עס געוואָרן אָנגערופן מרה."

אין מכילתא געפינען מיר אַז רבי יהושע זאָגט אַז דאָס וואַסער איז בעצם יאָ געווען זיס בעפאָר, ס'איז בלויז געוואָרן ביטער אויף צייטווייליג, ווען אידן זענען אָנגעקומען קיין מרה האָט מען דאָס נישט געקענט טרינקן, ביז ס'איז נאָכאַמאָל געוואָרן זיס. לויט ר' יהושע דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס זאל השי"ת דירעקט מאַכן אַז דאָס זאָל פּאַסירן צו דאָס מידע און דאָרשטיגע אידישע פאָלק? פאַרוואָס איז זייער וואַסער געוואָרן ביטער?

אין די פּסוקים שטייט ווייטער אַז דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגערעדט קעגן משה רבינו. זיי האָבן געפרעגט: "מה נשתה? וואָס זאָלן מיר טרינקן?". משה רבינו האָט געשריגן צום אויבערשטן און השי"ת האָט אים געהייסן אַריינוואַרפן אַ שטיקל האָלץ אין דאָס וואַסער און ס'איז געוואָרן זיס.

## דאָס ביטערע האָלץ וואָס האָט זיס געמאַכט דאָס וואַסער

דער מכילתא ברענגט אַ מחלוקה צווישן צוויי אמוראים:

רבי אליעזר המודיע זאָגט דאָס שטיקל האָלץ איז געווען פון אַן איילבירט צווייג, ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ ביטערע האָלץ ווי די איילבירט צווייג.

רבי יהושע בן קרחה זאָגט אַז ס'איז געווען אַן 'עץ הרדופני', אַ האָלץ וואָס האָט סם.

פאַרוואָס זענען די צוויי חכמים אַוועקגעגאַנגען פון דעם פּשוט'ן פּשט אַז ס'איז געווען אַ זיסע צווייג; אַ שטיקל האָלץ פון הדסים, מילגרוים, אָדער פייג, און אַז די זיסע פּראָדוקט האָט זיס געמאַכט דאָס ביטערע וואַסער און געמאַכט אַז ס'זאָל זיין טרונקבאר?

נאָך איז שווער:

פאַרוואָס איז דאָס פּלאַץ גערופן געוואָרן מיט'ן נאָמען מרה, וואָס דערמאַנט אונז פון די צרה. עס וואָלט ווען געדאַרפט הייסן עפּעס 'זיס'! פאַרוואָס זאָל מען נישט דערמאַנען די זיסע ענדע פון דער געשיכטע?

## כי מרים הם; אידן זענען געווען דערביטערט

דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זאָגט אַ מורא'דיגע זאַך:

די תורה הק' שרייבט דאָס לשון "ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם". ווען מיר טייטשן איבער דאָס וואָרט אויף "כי מרים הם" מיינט דאָס "ווייל זיי זענען געווען ביטער". עס קען אַרויפגיין אויף די אידישע קינדער: זיי האָבן נישט געקענט טרינקן דאָס וואַסער, ווייל זיי, די אידן, זענען געווען ביטער!

מיר קענען דאָס פאַרשטיין סיי אויף אַ רוחניות'דיגע אופן און סיי פּשוט בגשמיות, אפילו פּסיכאָלאָגיש:

דאָס פאָלק איז דעמאָלט געווען אין אַ צעשאָסענע צעבראָכענע שטימונג. זיי האָבן באַמערקט מיאוס'קייט אויף אַלעס וואָס זיי האָבן

געזען. אַלעס וואָס איז געקומען פאָרנט פון זיי האָט אויסגעזען נישט גוט און עקלדיג.

זייער גוסטע איז געווען אַזוי נאָכ'ן דורכגיין אַ שווערע וואך. ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם וואָס זיי זענען געוואָרן געצווינגען דורך משה רבינו צו איבערלאָזן דעם ים סוף, זיי האָבן געמוזט אפשטעלן דאָס אנפולן זייערע וועגנער מיט די ביזת הים, זיי האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס פלאַץ, בשעת זיי קענען נאָך מאַכן אַ פאַרמעגן! זיי האָבן דאָס אַלעס איבערגעלאָזט אונטער זיך, ווייל משה האָט זיי אונטערגעשטראָכן אַז די באַרג סיני ווארט פאר זיי לאָמיר גיין.

זיי זענען געפאָרן דורך דעם מדבר שור פאר דריי טעג אָן קיין וואַסער. זיי זענען געווען אַנטוישט און אויפגערעגט מיט די סיטואַציע. זיי זענען געווען אָנגעשטרענגט און געזוכט, לאָמיר עס אָנרופן, זיך צו אויסגיסן זייער אויפברויז.

און דער יצר הרע האָט געטראָפן זיין פלאַץ. זיי האָבן דאָס אויסגעגאָסן אויף משה רבינו. "וילונו העם על משה". זיי האָבן נישט גערעדט מיט אַ שיינע הכנעה'דיגע שפּראַך "ביטע משה רבינו, דאַוון פאַר אונז מיר זאָלן האָבן וואַסער צום טרונקן". אַנשטאָט דעם האָבן זיי זיך אָפּגערעדט!

אַז זיי האָבן געזוכט האָבן זיי געטראָפן עפּעס זיך צו אָפּרעדן. דאָס וואַסער האָט געהאַט אַזאַ טעם ווי זייער געמיט...

עס האָט נישט אויסגעפעלט צו אַריינלייגן אַ זיסע טעם אַז דאָס זאָל ווערן טרינקבארע וואַסער. זיי האָבן בלויז געדאַרפט טוישן זייער 'מהלך המחשבה' און זייער גיסטע, דאָס האָט געמאַכט דאָס וואַסער זאָל זיין טרינקבאר!!

## אַז מען דערווייטערט זיך פון תורה שפּירט מען אַ זויערקייט

דאָס צו פאַרשטיין פון אַ רוחניות'דיגע שטאַנדפּונקט:

די עיקר פּונעם מענטש איז אין די מחשבה.

די אידן זענען געגאַנגען פאר דריי טעג אין דעם מדבר און זיי האָבן נישט געפינען קיין וואַסער.

דער מדרש זאָגט אַז: "אין מים אלא תורה". זיי זענען געגאַנגען דריי טעג אָן קיין תורה!

צוליב די פיזישע ביזנעס פון כאַפּן וויפיל זיי קענען פון דעם 'ביזת הים', האָבן זיי דערנאָך שפּאַצירט דריי טאָג אין מדבר אָן קיין לימוד התורה. זיי האָבן זיך נאָכגעלאָזט פון לערנען די הייליגע תורה.

דער מדרש זאָגט אַז צוליב דעם איז אויך די פיזישע וואַסער געוואָרן אַוועקגענומען פון זיי, וויבאַלד זיי האָבן אָפּגעשטעלט זייער חלק פון טרונקן די רוחניות'דיגע וואַסער, אין מים אלא תורה.

ווי די ספרים ברענגען אַרויס איז דאָס נישט געווען קיין 'עונש', נאר ענדערש אַרבעט דאָס ווי אַ 'סיבה און אַפעקט'.

די אומטרינקבארע וואַסער פון מרה טוט רעפלעקטירן דאָס רוחניות'דיגע סטאַטוס פון דאָס פאָלק.

זיי זענען געווען ליידיג און דורשטיג ברוחניות.

דאָס איז געווען די 'סיבה'. דערנאָך איז געקומען די 'אַפעקט' אַז דאָס וואַסער איז געווען אומטרינקבאר! עס האָט נישט צופרידנגעשטעלט זייער דאָרשט.

אָבער ס'איז נישט געווען די 'פיזישע' דאָרשט; ס'איז געווען די נשמה וואָס האָט אַרויסגעשריגן פאר אַביסל דערנערונג, נישט קיין וואונדער אַז משה רבינו איז געווען דער ציל און די אָביעקט צו זיך אָפּרעדן.

מנהגי ישראל און מנהיגי ישראל ווערן אָפט אַטאַקירט דורך מענטשן וואָס געפינען זיך אליינס אין אַ רוחניות'דיגע גייסטיגע טרוקעניש. (אָדער מעגליך איז דאָס די אומריכטיגע וועג וויאַזוי די מענטשן פּרובירן צו מאַכן אַ קשר מיט דעם מנהיג ישראל, דורך זיך אָפּרעדן).

## פיל אַן דיין דאָרשט מיט אַביסל תורה!

אַלזאָ וויאַזוי פּולט מען טאַקע אָן אַ פּוסטקייט און אַ ליידיגקייט ברוחניות? וויאַזוי שטילט מען די דאָרשט פון אַ נשמה?

דאָס האָט זייער אַ פּשוט'ע תירוץ אין דער תורה:

דער רבוש"ע האָט באַפוילן אַז מ'זאָל נעמען אַ שטיקל האָלץ און דאָס אַריינוואַרפן אין די וואַסער.

די תורה ווערט אָנגערופן "עץ החיים"! השי"ת זאָגט אונז: נעם אַ שטיקל דערפון! אפילו נאר איין געדאַנק, און וואַרף עס אַריין אין וואַסער! פארזוך עס, האָב הנאה דערפון, לייג עס אריין אין דיין לעבן, און דאס וואסער וועט ווערן זיס! דיין נשמה וועט ווערן דערנערט! און דיין אינעווייניגסטע חלק, די פּנימיות פון דיין נשמה וועט אויפגעראָכטן ווערן. דאָס איז די לעזונג! ס'איז זיס און אינערליך!

## די צמאון פון אַ אידישע נשמה זעטיגט די נשמה

אָבער ס'איז דאָ נאך אַן עצה, וואָס ר' אליעזר המודיע זאָגט אונז.

נעם אַ ביטערע איילבירט צווייג, נעם אַ פאר'סמט'ע שטיקל האָלץ און שפּאַן דאָס איין אַלס אַ היילונגס קראַפט. הייב אן כאַפּן אַז די רוחניות'דיגע צמאון זעלבסט, די טיפקייט פון איר בענקשאַפט, דאָס זעלבסט איז דיין רפואה!

אָט די דאָרשט. אָט די "צמאה לך נפשי כמה לך בשרי". דאָס אַליין איז אַ חלק פון די פּראָצעדור וואָס ברענגט זיסקייט!

לאָמיר אָנהויבן באַנוצן די כוחות פון 'ביטערקייט', לאָמיר נעמען די אויסעראָרדנטליכע כח וואָס ווערט ערצייגט דורך די 'חלל' פון אונזער לעבן און לאָמיר דאָס טרונקן. דאָס איז די כח פון די איילבירט צווייג אין אונזערע לעבנס!

מיר אַלע קוקן אויף די זעלבע וועלט, אָבער וואָס מיר זען איז געוואָנדן אין וואָס מיר זען.

אָט די הסבר, איז אַ מאמר פון דעם באַקאַנטן חסיד, רבי אייזיק'ל מהאמיל זצ"ל, אַן אַלטער חב"ד חסיד און משפיע.

## אַ פּאָזיטיווע לעבן פון שמחה דורך אַ קשר מיט די תורה

יעצט איז שוין חמשה עשר בשבט, דרייסיג טעג בעפאָר פּורים.

די מעסעדזש איז: מיר האָבן נישט קיין צייט זיך צו אַרומשפּילן מער! דער חוזה פון לובלין זאָגט אַז מיר ווייסן טאַקע דעם כלל פון 'משנכנס אדר מרבין בשמחה' אָבער ס'הייבט זיך שוין אָן אין שבט! 'בית שמאי' זאָגט אַז אפילו פון ראש חודש שבט דאַרפן מיר שוין אָנהויבן זיין בשמחה, אָבער די שפּעטסטע צייט איז אַזוי ווי די 'בית הלל' זאָגן: חמשה עשר בשבט!

מיר זענען געגאַנגען אַ לאַנגע וועג, מיר זענען מיד, מיר זענען אַנטוישט, מיר זענען אויסגעמוטשט, מיר קענען נישט מער, אַלעס אַרום איז ביטער ביטער, און ס'איז טאַקע ביטער, "ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם", מיר אַליין זענען ביטער.

מיר דאַרפן דאָס אויסגעבן, אַלזאָ וועמען טוען מיר באַשולדיגן? יעדן איינעם, פון אויבן ביז אונטן, אויסער זיך אליינס...

די תורה גיט אונז אַ היילונגס פּראָצעדור: "טויש יעצט דיין צוגאַנג אין אַ 360 דעגרי טויש"!

צוערשט לאָמיר זיך אַראָפּזעצן ביי דעם בוים וואו מיר זענען יונק אונזער לעבן. לאָמיר כאַפּן אַ דרימל אונטער דעם בוים, לאָמיר אויפהערן זיין 'נעגאַטיוו', לאָמיר ווערן 'פּאָזיטיוו'.

לאָמיר אָנהויבן מיט תורה. אַז מיר זענען אַזוי ביטער מוז זיין אַז ס'איז שוין אַריבער צופיל צייט אָן קיין תורה. לאָמיר נעמען שטיקל נאָך שטיקל, איין קאַפּיטל תהלים, איין שטיקל גמרא, איין משנה, איין מלחמה מיט'ן יצר הרע און צוביסלעך וועסטו זען די ליכטיגקייט! פּרותיך מתוקים, צלך נאה, אמת המים עוברת תחתיך!

די איינציגסטע זאַך וואָס איז געבליבן פאַר אונז, נאָכ'ן זען אַז אַלעס איז אַזוי זיס, איז צו מתפלל זיין די תפלה אַז "שכל נטיעות שנוטעים ממך יהי' כמותך".

ווען מיר זען אַז אַלעס איז אַזוי זיס און אַזוי הערליך, דעמאָלט בעטן מיר צו השי"ת: "מאַך אַז אַלע אונזערע קינדער זאלן זיין אַזוי הערליך און זיס! זיי זאָלן נישט דאַרפן דורכגיין אונזערע נסיונות וואָס מיר זענען אַריבער ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דעם מצב ווען מיר זען שוין דעם "פּרותיך מתוקים", ווען מיר זען שוין אַז די תורה איז גרייט פאַר אונז אַלעמאָל און מיר קענען אייביג גיין און ברענגען אונזער חיות פון דאָרט".

מיר בעטן דיך השי"ת אז אונזערע פּרוכט, אונזערע קינדער זאלן אַלעמאָל בלייבן מקושר צו דיר און צו די יסודות פון לעבן!

דאָס איז די מעסעדזש וואָס מיר דאַרפן לערנען און רעאַליזירן אונטער דעם בוים.

נישט קיין חילוק אויב מיר זען עס דורך אַריינוואַרפן אַ זיסע שטיקל פון האָלץ, אָדער מיר זען עס דורך אַנערקענען אַז אויך די ביטערקייט איז זיס. די עיקר איז די ענדע דערפון: "ס'איז זיס" און אַזוי קענען מיר זיצן ביי דעם בוים און זינגען: "אילן אילן במה אברכך"...

## ווערן פריילּיך פון איין מאָל זיך שטאַרקן אויפ'ן יצה"ר

מיר דאַרפן נעמען דעם כלל מיט אונז.

אין די מינוטן, וואָס מיר פילן שטארק אומרואיג, באַזאָרגט, אָדער אָנגעפולט מיט באַשולדיגונגען, זאָגט אונז די גמרא, אַז מיר ליידן ווייל אונזער נשמה איז נישט געזעטיגט!

עפנט אַ הייליגע ספר, לערן עס! ריר אן די שיינקייט פון דער וועלט! די זיסע פּירות די שיינע שאָטן די קוואַל וואַסער און דו וועסט פילן אַזוי גוט אַז ס'וועט דיך בלויז בלייבן צו וואונטשן: "שכל נטיעות שנוטעים ממך יהי' כמותך".

ניין, שמחה קומט נישט פון קיין אָלטערנאַטיוון, נישט דורך די נייע דרכים וואָס איז גענומען פון די גוים מיט די פאַלשע קאַנפידענס, מיט פאַלשע שמחה, מיט פאַלשע איידיעס, מיט צעמישטקייט, באַדעקט מיט מרה שחורה, ניין 'כי מרים הם' - זיי זענען די מקור פון אַלע צרות וואָס מיר ליידן היינט!

בלויז איין משנה, איין קבלת עול מלכות שמים, קען דיך אַרויפברענגען צו די העכסטע מדריגה אין סעקונדעס! אויב מיר מיינען דאָס ערנסט און מיר בלייבן דערמיט מיט אַ שטיקל עקשנות, דאָס אונז דאָס ברענגען צו זען אַ ריכטיגע "פירותיך מתוקים, צלך נאה, אמת המים עוברת תחתיך", מיט זיסע געשמאַקע פּרוכט!

## מיין מצב איז דאָס בעסטע פאר מיך

ס'איז אַ מצוה אין דער תורה צו זען און שפּירן דאָס שיינקייט און זיסקייט פון השי"ת. מ'דאַרף זיך מתבונן זיין וואָס טוט זיך די וואך אַליין, קריעת ים סוף, די מן פאַלט פון הימל, און דאַן די נצחון אויף עמלק מיט אַזאַ גרויסע כח, אפילו נישט איינער פון די אידן איז געפאַלן אין דער מלחמה.

דאָס אַליין דאַרף אונז מאַכן פריילּיך, דאָס איז וואָס גייט געשען ווען משיח צדקינו וועט נתגלה ווערן.

אַלזאָ, דאָרט וואו מיר זענען, דאָרט איז וואו השי"ת וויל מיר זאָלן זיין!

איך וועל זיין פריילּיך און זען די זיסקייט דערפון! און איך וועל ווייטער האָפן און דאַוונען צו השי"ת פאר אַ שנעלע באַפרייאונג. ווען און סיי וויאַזוי עס וועט קומען איז דאָס דער פּלאַן פון דעם אויבערשטן. און אַלעס איז די בעסטע פאר מיך און פאר אַלע אַרומיגע מענטשן!

אַ גוט שבת

נחמי'


יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!

זייט מתפלל אז נחמי' צבי בן דינה זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב

# קרית יואל חתונה מאלל



נייער גיגאנטישער ווערהאוז פארן געברויך פון 'קרית יואל חתונה מאלל' אין מאנטגאמרי בשכינות פון קרית יואל, פארקויפט געווארן דורך ר' ארי' לייב גלאנץ פון LG Realty

# עצי תמרים, מאונטען, ליזענסק שארט קאוט





גאר שטארק באנוצטער שטעגל וועלכע פירט פון מאונטען ראוד קיין ליזענסק און עצי תמרים איז צוריק באנייעט געווארן נאך צוויי יאר צוימונגען דורכצופירן קאנסטראקשן אויף די ארומיגע שטחים

# חנוכת 'בית הוראה' החדש - ביהמ"ד הגדול



מעמד לחיים אפגעהאלטן בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א אין חדר הוראה אין גרויסן ביהמ"ד. הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א אין א שמועס מיטן רב שליט"א איבער די פארברייטערטע פעולות פונעם בית הוראה



הגה"צ דער רב שליט"א און הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א בשעת די דרשת חנוכת הבית דורך הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א, דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

# שכונת טשעסטער, קרית יואל רבתי



מאדעל פרעימערס שטאב ביים אויפבויען פרישע געביידע אויף איינס פון די נייע אידישע גאסן אין די טשעסטער געגענט

# היטשט און געווינט




קאנווערטן פון צענטראלן 'היטש און געווינט' קאמפיין
ארויסגעשיקט צו פילע אדרעסן פון אידן 'בעלי חסד'




איינע פון די פילע 'קארטלעך' אנגעקומען אין די פאסט. מיט ווערד דערויף כפי אשר יושת הבעל
חסד אנצופילן דעם געז טאנק פונעם קאר פארצוזעצן מיט די מעשי חסד ביתר שאת ויתר עוז

# חברה מצילי אש



ניסים אינעם שאפינג צענטער ווען פלאמען האבן געדראעט צו פארציקן טייל פון געביידע



צענדליגער וואלונטירן געגרייכט סצענע אין איילעניש און באוויזן
צו פארלעשן די פלאמען העכער 'לאנדא'ס גראסערי'

# בלומינג גראוו האוזינג



געמיינזאמע זיצונג צווישן דעוועלאפער, בראוקערס און עסקנים אפגעהאלטן אין י. דזשעי. סי. הויפטקווארטיר איבער בעפארשטייענדע דירות פראיעקטן פון פילע נייע הייזער לענגאויס אלע גאסן

# טאון אוו מאנראו, קרית יואל רבתי



תושבי שכונת טאון אוו מאנראו פארברענגן בשבת אחים פארלאפענעם מוצ״ש בשלח שירה אין היכל המפואר פון ביהמ״ד סטאווניץ



דרשה געהערט דורך הרב שמעון ליבערמאן שליט״א מבעסערמין וועלכע האט אויסגעלויבט דעם לייכט טורעם פונעם געגענט ביהמ״ד סטאווניץ און גערופן פאר די תושבים צו נעמען א טייל אויפצוהאלטן דעם מקום קדוש



באטייליגונג פון פילע תושבים פון אלט קרית יואל וואס זייערע קינדער און אייניקלעך ווערן נתגדל אין די נייע געגענטער לשם ולתפארת

# ביהמ"ד אור משה - שכונת וואדבורי ווילאס



טראקטארן ביים אנפילן שטאק נאכן גיסן די קרעידעל פאר די בורות



מערקט אינטערסאנטע היכי תמצא ווען אויבן אויפ'ן בארג איז ווייס באדעקט מיט שניי און אונטן איז די גראז גרין זייענדיג מיט עטליכע פופציג פיס נידריגער



# ביהמ"ד אור משה - שכונת וואדבורי ווילאס

## ערשטע שטאק

מקווה



1. פארקינג לאט
2. שער בנין ביהמ"ד
3. פארצימער
4. פרוזדור ביהמ"ד
5. מאנטלען
6. שער המקוה
7. טורנסטייל
8. מקוה
9. בורות טבילה
10. שויערס
11. לאנדרי רום
12. ביה"כ
13. סינקס
14. מקוה שטיבל
15. סטאריזשש
16. עלעוועיטער
17. גוי שטיבל
18. מעקעניקעל רום

## צווייטע שטאק

היכל בית המדרש

בית שני | היכל התורה



1. שער הבנין
2. פרוזדור ביהמ"ד
3. טרעפ צום ביהמ"ד / בית שני
4. שער ביהמ"ד
5. היכל הגדול ביהמ"ד
איבער 200 זיץ פלעצער
6. שער בית שני
7. היכל בית שני
8. ריקעדיגע וואנט
9. ארוני ספרי ביהמ"ד
10. ביה"כ
11. נטילת ידים
12. קאווע צימער
13. שער היכל התורה
14. היכל התורה מפוארה
(במקום ביהמ"ד הישן)
15. אוצר הספרים
16. עלעוועיטער

# ביהמ"ד החדש פוזנא, לעיק שארר



אנגעהויבן ארויפציען שטאלענע ביעמס ביים נייעם בנין ביהמ"ד



ארבעט זעצט פאר לשמחת לב תושבי לעיק שארר והגלילות

# רעספעקטפולע זיצונג צווישן ווילעדזש ריכטער מיט אידישע געמיינדע



גאר פראדוקטיווע זיצונג אפגעהאלטן אין שטוב פון הרה"ח ר' אברהם יצחק פלאהר הי"ו מגדולי עסקני השכונה



תושבי השכונה פון טאון אוו מאנראו און פארשטייער פון אלע שיכטן און קהילות ביים זיצונג וואו עס איז באהאנדלט געווארן פילע אספעקטן צו האבן א נאנטע צוזאמארבעט און פארשטאנד אויף וויכטיגע געביטן



הרה"ח ר' אברהם יצחק פלאהר הי"ו ביים אדרעסירן דעם רעספעקטפולן ריכטער. ווערט געזען הרה"ח ר' ליפא דייטש הי"ו מגדולי עסקני העיר

# שמחת שבע ברכות - בית שמואל



הגה"צ אבד"ק בית שמואל שליט"א ביי של"ס געפראוועט בקרב העיר
רבתי לרגל שמחת השבע ברכות פון אן אייניקל למז"ט



הבדלה ברוב עם אין די זאלן פון קרן ויואל משה אויף פארעסט

# נייע שאורט קאט אין קרית יואל



נייע שאורט קאט צווישן "מאנראו דענטעל" צום נייעם סטאונגעיט ביזנעס צענטער קעגן איבער לי עוו.

# חודש אדר אין קרית יואל




משמח אלקים ואנשים ר' יענקעלע קארנבליט הי"ו פון ארה"ק ביים פרובירן
זיך אנשליסן אין די לאקאלע מצילי אש מיטן חסידי'שן טראגע




יערליכע פורים מאביל פריש דעקארירט אלס הכנה צום יו"ט הבעל"ט
פאר די לעכטיגע בחורי חמד וועלכע פארן נאך מיט מאבילס

# כולל חצות - סניף קרית יואל





כ"ק אדמו"ר מזידיטשויב פרעמיסלא שליט"א טרעט אויף מיט א חיזוק שמועס אין כולל חצות אין ביהמ"ד ראדאשיץ אין קרית יואל
אינאיינעם מיט הנחת תפילין פון בני הרב שמואל שפיטצער שליט"א און הרב דוד יהודה הענדלער שליט"א מחשובי רבני כולל חצות



או. ענד אר. ארבעט אויף עלעקטריק ליניע איבערצוציען נייע ליינס אויף די געהעכערטע זוילן



ארבעט דורך די דעוועלאפער ביי ישראל זופניק-בעיקערטאון-דינוב אינטערסעקשאן זעצט פאר




ריפעיר ארבעט אויף די געז סטאנציע האלט צייטווייליג פארשלאסן די געז פאמפס



סטעיט פאליצי ביים פארהאלטן אימיגראנטן וועלכע האבן זיך
באקוועם געמאכט אויף די צעמענטע בלאקערס




פאסיגע צעטל מיט אויפפאדערונג פון משתתפים ביי שמחת וואכנאכט...



אמעריקאנער נעווי טשינאק העליקאפטער מיט צוויי פראפעלערס געזען פארבייפארן העכער
פארקינג שטח פארנט פון ביהמ"ד זימיגראד זיך אומצוקוקן אויף די פארשידענע קולטורן




האטס הנאה...



וויכטיגע באס סעיפטי זיצונג אפגעהאלטן אין בלומינג גראוו אינאיינעם מיט ווילעדזש באאמטע און ווילעדזש פאליציי אגענטורן און דער מאנראו מעיאר ניעל דווייער, אין שפיץ פון די 'דרכי יושר' באס מענעדזשמענט וועלכע פארפיגן אויף די טראנספארטאציע פון די מוסדות התורה צו טראגן און ברענגן די טויזנטער ילדי בלומינג גראוו צו די בניני המוסדות



6 נייע הצלה לייט אויפגענומען אין 'חברה הצלה ד'מאנסי' נאכצוקומען שטאטישע וואוקס - מערקט העכסט סאפיסטיקירטע עקוויפמענט ספעציעל אויסגעשטאט פאר יעדן מעמבער. לך בכוחכם זה להושיע את ישראל!



מצילי אש ביים רעאגירן צו א רוף אויף באר שבע




**40 Dolson Avenue Middletown NY $1,200,000**



**FOR SALE**

Close to 14,000 SF warehouse space

Highly visible building

Busy traffic area

Close to major highways

Eliezer Safdie 845-662-4058

Eliezer Maleh 845-395-8800

SAGE REALTY
RESIDENTIAL & COMMERCIAL

# ביהמ"ד הגדול והחדש - סאטמאר בית שמש

## הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א אויפן שטח הענקי, וואו מען זעעט די שנעלע פארשריט ביים נייעם שטח הביהמ"ד


הרה"ח ר' אהרן עקשטיין הי"ו פון די געטרייע חברי וועד קרן הבנין אויפן פראיעקט ביים איבערגיין מיטן רב אלע דעטאלן


דער רב ביים געבן פונקטליכע הוראות פארן אויפבוי פון די מקוה המהודרת וועלכע וועט שטיין צום דינסט פארן ריזן ציבור פונעם יהדות החרדית אין בית שמש


טראקטאר אקטיוו צו פארענדיגן אויסגראבן גאנצן ערשטן מקוה שטאק בשעת דער רב שליט"א האלט מיט די שנעלע פארשריט מיט קורת רוח אויפצובויען א באזע פון מלחמה לה' בעמלק אין שטאט בית שמש







# סאטמאר ירושלים - ביהמ"ד אהל רחל

## סדר הלימוד אין היכל התורה 'באר מרדכי' בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א



היכל התורה מלא על כל גדותיו דעם מוצש"ק ביים ספעציעלן סדר הלימוד פון 'אבות ובנים' תיכף נאך ווארימע סעודת רעווא דרעווין בראשות הגה"צ דער רב שליט"א וועלכער איז געקומען לעשות שתי שבתות בקרב ק"ק סאטמאר ירושלים - דער נסיעה איז געקומען נאך א לאנגע צייט אפשניט ווען מען האט נישט געקענט פארן קיין ארה"ק ווען אלע לופט-ליניעס סיידן אל-על האבן געצוימט פלי רייזעס קיין ארה"ק צוליב די מצב המלחמה


# משנכנס אדר מרבין בשמחה




Till Rosh Chodesh nisan 25% off

Bright
beautiful
Exclusive designs
Exclusive styles
One day job
We clean after
Low prices
Cheaper elec. bills

Spotlight Pro
Your house bright
lighting installation services.
since 2006
845.537.9787

# שמחת נכדת כ"ק אבד"ק קאשוי שליט"א

## ב' בשלח – באולם פרדס צבי



דער ציבור ביי די ריקודין בשעת די מחול לצדיקים אויפן בימת הכבוד



דער מחותן אבי הכלה הרב יואל בלום שליט"א ביים טאנצן מיטן חתן



אבדק"ק שליט"א אין א פייערליכען טאנץ מיט בניו הרה"ג שליט"א



דער ציבור ביים צענטראלן מוצאי שבת שבע ברכות אין ביהמ"ד קאשוי



אבדק"ק שליט"א די זיידע פון די כלה בריקודין מיטן חתן הרב מרדכי יודא הכהן ראזענבערג שליט"א



דער מחותן הרב יואל בלום שליט"א ביים אויפטרעטן לכבוד השמחה



די בארימטע בדחנים ר' יצחק שלמה דרעזדנער הי"ו און ר' וועלוול שמעלצער הי"ו



**FOR SALE**

**Lemberg** 6 room apartment 3 bedrooms 2 bathrooms top floor nice view.



**FOR SALE**

Close to Smith Gardens: Nicely renovated 3000 sqft, Brand new kitchen, bath, possible to subdivide the lot to build another house, plus additional monthly rental income.




**FOR SALE**

**124 Barne**s Good opportunity!! Bi-level home in the Barns area, 3 Bedrooms, Big living room extension, Close to shull!! Asking price $479,900



**FOR SALE**

Meron 8 room apartment top floor with built in sukkah mint condition. Will be ready to move in.

**FOR RENT**

3 room apartments in SVM

4 room apt in SVM will be ready in 6 weeks

4 room apartment in Woodbury Villas

5 room apartment in Woodbury Villas

7 room apartment in SVM third floor

7 room apartment in SVM fourth floor

7.5 room apartment in SVM third floor

4 Bedroom renovated house in Blooming Grove

**Private office** in the new Stonegate Business Center great price

Large private office on MountainView

Private house in Blooming Grove

2- 3 office beautiful rooms available in Atzai Temorim top floor.

2,000 sq ft unfinished walk-in space in Woodbury Villas

Newly renovated **private office** on Route 32

Large office plus conference room in Atzia Temorim

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**FOR SALE**

4 room basement apartment on Van Buren

5 room walk in apartment on Stropkov tenant occupied

5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied

5 room apartment in SVM top floor

5 room apartment on Lemberg 3rd floor tenant occupied

6 room apartment top floor with an attic on Beirach Moshe

6 room apartment in SVM top floor

6 room apartment in SVM tenant occupied

8 room apartment plus basement in SVM

9 room apartment in SVM 3rd floor

Big divided apartment into a 5&6 room apartment both are tenant occupied

Custom built brand-new private house 3 Holland Prestwick area

Private house in Woodbury Villas

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com

# אראנדזש קאונטי נעמט אונטער יוגענטליכע דרייווער פראגראם

די רעגירונג אין אראנדזש קאונטי האט אונטערגענומען א זיכערהייט פראגראם צו איינווארצלען אין די יוגענטליכע די וויכטיגקייט פון דרייוועו אויף א זיכערע פארנעם, און אין די ערשטע יארן פון דרייוועו זיכער מאכן אז זיי זענען באוואוסטזיניג איבער וויאזוי צו דרייוון געזעצליך און סעיף, זיכער מאכנדיג אז זיי זענען נישט פארוויקעלט אין קיין עקסידענטן.

דער פראגראם צילט צו אויסלערנען פאר זיי וויאזוי צו דרייוועו און זיין באוואוסטזינג איבער אלע געזעצן, אריינגערעכענט דאס נישט דרייוועו אונטער די איינפלוס פון אלקאהאל אדער פארטויבענדע געווירצן.

דער אראנדזש קאונטי שעריף האט אויך אפעלירט צו עלטערן אז זיי זאלן אכט געבן ביים דרייוועו מיט די קינדער אין קאר, וויבאלד די קינדער מאכן געווענליך נאך די עלטערן, און אז די עלטערן וועלן נעמען ערנסט די סעיפטי געזעצן וועלן די קינדער אויךווארשיינליך נאכגיין אין זייערע עלטערן׳ס וועגן.




# סטעיט וועט צושטעלן אומזיסטע טעכנישע שטיצע פאר פובליק טרינקען וואסער קוועלער

די דעפארטמענטס פון ענווייראמענטאלע קאנסערוואציע און געזונטהייט אין ניו יארק סטעיט האט געמאלדן אז זיי וועלן צושטעלן אומזיסטע טעכנישע הילף צו העלפן באשיצן די פובליק קוועלער פון וואו די ארטיגע מוניציפאליטעטן שטעלן צו פאר די איינוואוינער וואסער צום טרינקען. דער הילף וועט ווערן צוגעשטעלט דורך די ׳טרינקען וואסער קוואל באשיצונג פראגראם׳ אינערהאלב די אויבנדערמאנטע דעפארטמענט. די אגענטור געפירט דורך די סטעיט אין פארוויקלונג מיט די פעדעראלע דעפארטמענטס איבער ענווייראמענטאלע קאנסערוואציע און געזונטהייט איז מחזק לאקאלע מוניציפאליטעטן צו אונטערנעמען קריטישע אקטיוויטעטן צו פארבעסערן און באשיצן די אטמאספערע און די וואסער וואס די איינוואוינער טרינקען.



טייל פון די ווילעדזשעס וואס וועלן באקומען די הילף געפינען זיך אין די האדסאן וואלי און קעטסקילס אומגעגענט, וואס רעכענט אריין די ווילעדזשעס אוו גאושען, עלענוויל, קארנוואל, מאונט קיסקא, ווארוויק און די סיטי אוו קינגסטאן.

# פארמירונג פון ווידזשניצער שטעטל אין קייאמישע לעיק אויפגעהאלטן אין ניו יארק לעגיסלאטור

א רעפערענדום וואס האט געזאלט זיין די לעצטע אין דעם שטאפל צו גרינדען דעם היימישן ווילעדזש אין סאליוועו קאונטי ניו יארק איז געווארן אפגערופן אויף אן אומבאגרעניצטע תקופה. דאס אפרופן דעם רעפערענדום קומט נאך וואס די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור האט פארפעלט צו אדורכפירן דעם אויסנאם וואס גאווערנער האוקול האט געגעבן פאר דעם ווילעדזש, ווען זי האט אונטערגעשריבן דעם געזעץ וואס איז אדורכגעגאנגען אין די געזעץ הייזער פון ניו יארק סטעיט צו העכערן די צאל איינוואוינער וואס קענען באשליסן צו פארמירן א ווילעדזש.

דער געזעץ אין ניו יארק איז געווען אז עס דארפן זיין בלויז 500 איינוואוינער אין א שטח צו ערלויבן אז זיי זאלן זיך וועלן פארמירן אין אן אייגענעם ווילעדזש. צוליב וואס דער געזעץ איז אין די לעצטערע יארן גענוצט געווארן דורך היימישע אידן צו פרובירן גרינדען אן אייגענע מונציפאליטעט, אן אויסשטיין די



אנטיסעמיטישע פן ירבה געזעצן פון די ארומיגע שכנים, האבן די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטיווע הייזער אדורכגעפירט א געזעץ דעם פארלאפענעם זומער צו העכערן דעם צאל צו 2000. נאך עטליכע חדשים וואס דער געזעץ איז געליגן אויף דעם טיש פונעם גאווערנער האט זי דאס ענדליך אונטערגעשריבן דעם פארלאפענעם דעצעמבער. זי האט אבער געשאנקען אן אויסנאם פאר די עטרת ווילעדזש וואס די ווידזשניצער קהילה אין קייאמישע לעיק האט שוין געהאלטן אין די ענדגילטיגע שטאפלען.

דער אמענדמענט וואס די גאווערנער האט צוגעלייגט צו דעם געזעץ צו אויסשליסן די ווילעדזש אוו עטרת אין סאליוועו קאונטי האט אבער געזאלט דורכגיין אין די לעגיסלאטיווע הייזער. אבער נאך וואס זי איז אדורכגעגאנגען אין ניו יארק סטעיט סענאט האט זי זיך פארהאנקערט אין די סטעיט אסעמבלי, ווי עס איז נישט אדורכגעגאנגען. די איינוואוינער אין די טאונס טאמפסאן און פאלסבורג האבן געזאלט שטימען אין א רעפערענדום דעם פארלאפענעם יאנואר דעם 18׳טען, אבער צוליב וואס דער אמענדמענט איז נישט אדורך אין די סטעיט אסעמבלי האבן די טאון פירער אפגערופן דעם רעפערענדום.

דער שטעטל פארמאגט 834 ערוואקסענע איינוואוינער און דער ווילעדזש איז דעזיגנירט צו ווערן פארמירט אויף א שטח פון 929 עיקערס, הויפטזעכליך אין די טאון אוו טאמפסאן, אבער אויך אין די דערנעבנדיגע טאון אוו פאלסבורג. די טאון פירער האבן אין א פרעסע מעלדונג געלאזט וויסן אז זיי רופן אפ דעם ערווארטעטן רעפערענדום זאגנדיג אז אזוי ווי די סטעיט האט נישט אדורכגעפירט דעם אויסנאם פאר קייאמישע לעיק וועלן זיי ביז דערווייל נישט ווייטער פאראויס גיין מיט דעם מהלך צו פארמירן דעם נייעם ווילעדזש.

# אטוירני דזשענעראל קלאגט 'סיטי באנק' נאך וואס קונדען זענען געווארן בארויבט

ניו יארק אטוירני דזשענעראל לעטישא דזשעימס האט אריינגעגעבן א קלאגע אין געריכט אנטקעגן סיטי באנק, זאגנדיג אז דער באנק האט זיך נישט אפגעגעבן מיט אירע קאסטומער צו זיכער מאכן אז זיי קענען צוריק באקומען זייער געלט נאך ווען זיי זענען געווארן בארויבט פון זייערע פינאנצן. זי זאגט אז אמוויינגסטענס צען מענטשן האבן פארלוירן גרויסע סכומים פון געלט ווען סקעמערס האבן אויסגעליידיגט זייערע באנק אקאונטס פון די געלט וועלכע זיי האבן זיך געשפארט, אויסקומענדיג צו מיליאנען דאלארן פון שאדן פאר קאסטומער פון דעם באנק נעץ.

אין איר קלאגע אין געריכט פארציילט דזשעימס די באקלאגעניש פון א ניו יארקער וועלכע האט באקומען א טעקסט מעסעדזש וועלכע האט אויסגעקוקט צו זיין ווי א מעסעדזש פון דעם באנק.

ווען זי האט אריינגעקליקט אין דעם מעסעדזש איז זי געווארן באזארגט,




און האט אריינגערופן צו איר לאקאלע ברענטש פון סיטי באנק. די איינגעשטעלטע אין דעם פיליאלע האבן איר געזאגט אז זי האט זיך נישט וואס צו זארגן דערוועגן. עטליכע טעג שפעטער איז איר פעסווארד געווארן אויפגעטוישט, און טויזנטער דאלארן זענען געווארן ארויסגענומען פון איר באנק אקאונט דורך עלעקטראנישע ווייער טראנספער. א סך הכל פון 40,000 דאלאר האבן די גנבים איר בא'גנב'עט. די באנק אבער האט איר נישט געוואלט צוריקגעבן איר געלט, זאגנדיג אז דאס איז געווען איר שולד, און זיי דארפן איר נישט פארגיטיגן.

"בענק דארפן זיין די זיכערסטע ארט ווי צו האלטן געלט" האט די אטוירני דזשענעראל געזאגט אין איר סטעיטמענט איבער די אנקלאגע "אבער סיטי'ס פארנאכלעסיגקייט האבן ערלויבט סקעמערס צו בארויבן מיליאנען דאלארן פון געווענליכע ניו יארקער בירגער. עס איז נישטא קיין שום אויסרייד פאר די דורכפאל פון סיטי צו באשיצן און צוריקהאלטן מיליאנען דאלארן פון ווערן בארויבט פון זייער קונדען, און מיין אפיס וועט נישט אדורכלאזן די אומלעגאלע התנהגות פון די גרויסע בענק".

סיטי באנק איז פון די גרעסטע בענק אין די פאראייניגטע שטאטן, אבער לויט דעם אנקלאגע, טוט זי גאנץ ווייניג איבער פארזיכערן די אנליין טראנזאקציעס פון ווערן איבערגענומען דורך מענטשן אן די נויטיגע זיכערהייט און אויטאריטעט, פארפירט אירע קאסטומער איבער זייערע רעכטן נאכן ווערן באגנב'עט, און געבן נישט צוריק די געלטער פאר די וועלכע עס קומט, נאכן ווערן פארפירט.

סיטי באנק האט אין א מעסעדזש געלייקענט אין די באשולדיגונגען, ארויפווארפנדיג די שולד אויף די קאסטומער וועלכע זענען נישט געווען גענוג פאראנטווארטליך פאר זייערע געלטער דורך ארויסגעבן האקעלע אינפארמאציע פאר סקעמערס. "סיטי פאלגט אויס אלע געזעצן און רעגולאציעס פארבינדען צו ווייער טראנספערס און ארבעט זייער שווער צו צוריקהאלטן ריזיקעס צו זייערע קונדען, און העלפן זיי ארויס צוריק צו באקומען זייערע געלטער ווען עס ווערט פארלוירן". צולייגנדיג אז די בענק "זענען נישט פארפליכטעט צו באצאלן פאר קליענטן ווען זיי פאלגן אויס די אנווייזונגען פון קרימינאלן".

# סאליוון קאונטי דיסטריקט אטוירני נעמט אויף פארברעכן אנאליסט




נאכפאלגנדיג א כוואליע פון פארברעכן אינצידענטן לענגאויס די קאונטי האט דער דיסטריקט אטוירני'ס אפיס אין סאליוון קאונטי אויפגענומען א פארברעכן אנאליסט וואס זאל אויספארשן און דערגיין די דעטאלן פון פארברעכנס. דאס אויפנעמען דעם פארברעכן אנאליסט איז געקומען נאך וואס דער געגענט איז געווארן דעזיגנירט דורך די נאציאנאלע דראג פאליסי איינהייט פון די פעדעראלע רעגירונג, אלץ א פלאץ וואו מען פארקויפט אומלעגאלע דראגס אויף א הויכע פארנעם.

דער אנאליסט וועט איבערגיין די אינפארמאציע איבער ווי און וויאזוי די ווילדע פארברעכנס קומען פאר און זיי ארגאניזירן מיט קלארע סטאטיסטיק ציפערן, און צושטעלן די אינפארמאציע פאר די געזעצע אינפארסירער וועלכע וועלן דאן קענען מיט מער קלארקייט באהאנדלען די סיטואציע. דער אנאליסט וועט באקומען די אינפארמאציע פון די פילצאליגע לאקאלע געזעצע אינפארסירער אגענטורן, ווי אויך וועט ער זיין אין קאנטאקט מיט די אנדערע פארברעכן אנאליסטן לענגאויס די סטעיט און די ענליכע צענטערן איבער'ן לאנד. דער הויפטקווארטיר פון דעם אנאליסט וועט זיין אין די דערנעבנדיגע אראנדזש קאונטי עמוירדזשענסי סערוויס צענטער אין גאושען.

# ניו יארקער סערוויס: פיילט טעקס ריטוירן אומזיסט

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טעקסעישאן און פינאנץ האט ארויסגעלייגט א מעלדונג אין וועלכע זיי זאגן אז ניו יארקער קענען זיך שפארן דורך נוצען די רעגירונג סערוויס צו פיילן זייערע שטייערן אן דארפן צאלן פאר פריוואטע אקאונטענטס.

כדי צו קענען קוואליפיצירן פאר די אומזיסטע טעקס ריטוירן פיילינג דארף מען האבן אן איינקונפט וואס איז ווייניגער ווי א געוויסע סכום. דער אגענטור וואס די סטעיט שטעלט צו איז די Free file alliance וועלכע שטעלט צו אפציעס צו פיילן די פעדעראלע און ניו יארקער שטייערן אן קיין אפצאל. דער דעדליין צו אריינגעבן די פאריעריגע שטייערן איז אפריל דעם 15'טער.



בס"ד

מחניך קדוש
ביצור חומת מחנינו מפגעי הטעכנאלאגיע
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



# טעכנאלאגיע פאַרמאָגט נישט קיין דאַטום.

מיר קענען נישט אראפלייגן אונזער געווער, ווילאנג טעכנאלאגיע האט נישט.

**ס'איז א שטענדיגע קאמף!**

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| חסד מעסעדז באקס | 33 |
| לוח הלימודים בחבורת זכרו | 46 |
| משמרת חומותינו | 54 |
| ציטאטן פון אמאל | 62 |
| שריפטן צום וואכנשריפט | 64 |
| אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו | 68 |
| זמני בית הוראה | 70 |
| דער קאשועיר רב אַלס סיגוטער תלמיד | 74 |
| שאלת חכם | 78 |
| תפיסה וועגט | 82 |
| בילדער זייטן | 84 |
| אלגעמיינע באריכטן | 100 |
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 103 |
| וועטער פון קרית יואל | 103 |



קרית יואל
וואכנשריפט
KJ · WEEKLY



P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוון:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com


**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.


KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 5:08 | 8:58 | 6:36 |

## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| זונ'ג 50/37 | מעגליך רעגן 55/40 | זונ'ג 48/30 |










































בס"ד
Picking up prescriptions yourself is a thing of the past
ASK YOUR DOCTOR FOR REGION RX!
PHARMACY
18.00
AUTOMATIC PRESCRIPTION FULFILLMENT
FREE DELIVERY
AUTOMATIC PRESCRIPTION REFILLS
4 HOUR DELIVERY
∘ HASSLE FREE! GUARANTEED! ∘
RegionRX
PROFESSIONAL & CONVENIENT
845.775.4175
FAX: 845.775.4185
info@RegionRX.com • RegionRX.com
1291 Dolsontown Rd. Middletown, NY
FREE DELIVERY IN KIRYAS YOEL & SURROUNDING AREAS
Hours:
Sun-Thu: 9am to 8pm
Fri: 9am to 1.5 hours before Zman
אפען מוצאי שבת מיט פולע דעליווערי סערוויס
Waiting to serve you:
MGM HelloMGM.com